STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02074

DI REMILITARIZATSYE IN MAYREV-DAYTSHLAND UN DI ROL FUN HITLERISTISHE GENERALN

Artur Eisenbach

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. אייזענבאַך א. רוטקאָווסקי

די רעמיליטאַריזאַציע אין מערב־דייטשלאַנד און די ראָל פון היטלעריסטישע גענעראַלן

א. אײזענבאך א. רוטקאווסקי

די רעמיליטאריזאציע אין מערב=דײטשלאנד און די ראל פון היטלעריסטישע גענעראלן

פארלאג „יידיש בוך" ווארשע 1955

A. EISENBACH A. RUTKOWSKI

REMILITARYZACJA NIEMIEC ZACHODNICH I ROLA HITLEROWSKICH GENERAŁÓW

Redaktor: B. MARK

רעדאקטאָר: ב. מאַרק

Okładkę projektował: I. REJZMAN

הילע געצייכנט: י. רייזמאַן

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch" Warszawa, Nowogrodzka 5

Nr zam. 3651. Nakład 5,500 egz. Druk ukończono w maju 1955 r. Ark. druk. 8. Ark. wydawn. 6. Papier rotogr. VII kl. 61 x 86 cm, 80 g.
Druk. RSW „Prasa", Warszawa, Tarczyńska 8. B-6-50747

די רעמיליטאַריזאַציע אין מערב־דייטשלאַנד און די ראָל פון היטלעריסטישע גענעראַלן

דאָס דייטשישע פּראָבלעם איז איצט אָן שום צווייפל איינע פון די וועזנטלעכסטע פראַגן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק. פון לעזן דאָס דאָזיקע פּראָבלעם איז אָפּהענגיק אין אַ גרויסער מאָס די זיכערקייט פון די פעלקער אין אייראָפּע און דאָס פאַרשטאַרקן דעם שלום אויף דער וועלט.

אין איצטיקן מאָמענט ווערט אַנטשידן, אויף וואָס פאַר אַן אַנטוויקלונגס־וועג עס וועט גיין דייטשלאַנד. אַ פאַראייניקט, דעמאָקראַטיש דייטשלאַנד קאָן ווערן איינער פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן פון שלום אין אייראָפּע. אויפן וועג אָבער, אויף וועלכן עס פירן די נעאָהיטלעריסטישע כוחות, קאָן מערב־דייטשלאַנד ווערן דער אייראָפּעישער הויפּט־צענטער פון אַ נייער אַגרעסיע.

דער אַנטוויקלונגס־וועג פון מערב־דייטשלאַנד אין די נאָכמלחמה־יאָרן, און איבערהויפּט אין דער לעצטער צייט, באַווייזט, אַז אין לאַנד זענען צוריקגעקומען צו דער מאַכט די זעלבע רעאַקציאָנערע, מיליטאַריסטישע און רעוואַנשיסטישע כוחות, וועלכע האָבן פאַנאַנדערגעפלאַקערט די צווייטע וועלט־מלחמה, שטרעבנדיק צו דער העגעמאָניע איבער דער וועלט. איצט בויען זיי ווידער אויף דעם אינדוסטריעלן באַוואָפּענונגס־פּאָטענציאַל און די מיליטערישע קאַדרען, מיטן ציל צו רעאַליזירן זייערע רעוואַנשיסטישע לאָזונגען. דאָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ גרויסע געפאַר אַרויסצורופן אַ נייע וועלט־שחיטה.

דער באַשלוס פון בינדעסטאַג פון 26־טן פעברואַר 1954 יאָר, וואָס איז געוואָרן אָפּראָבירט דורך דעם בונדעסראַט, האָט אַזוי געענדערט די באָנער קאָנסטיטוציע, אַז זי גיט די מעגלעכקייט איינצופירן אַלגעמיינע מיליטער־דינסט אין מערב־דייטשלאַנד. דאָס איז אויפן איצטיקן עטאַפּ די קרוינונג פון דעם רעמיליטאַריזאַציע־פּראָצעס אין מערב־דייטשלאַנד, וואָס קומט שוין פאָר זינט אייניקע יאָר.

דער פּראָוואָקאַטאָרישער באַשלוס פון בונדעסטאַג איז אָנגענומען געוואָרן מיטן הסכם פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג, וועלכע האָט שוין באַלד נאָכן פאַרענדיקן די מלחמה עקשנותדיק געצילט, אין איינקלאַנג מיט אירע אַנטיסאָוועטישע מלחמה־פּלענער, צום ווידעראויפבויען דעם דייטשישן אימפּעריאַליזם און אויפסניי אויפשטעלן די ווערמאַכט.

עס איז לחלוטין נישט קיין צופאַל, וואָס אוממיטלבאַר נאָכן אָננעמען דורכן בונדעסטאַג דעם פריער דערמאָנטן באַשלוס איז צוגעאיילט געוואָרן אין מערב־דייטשלאַנד דער טעמפּ פון דער רעמיליטאַריזאַציע. דער אַמט פון בלאַנקן (פּאַקטיש מיניסטעריום פאַר מיליטערישע ענינים) און די פאַשיסטיש־מיליטאַריסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן תיכף פאַרשטאַרקט די אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע פאַר רעקרוטירן די געוועזענע אָפיצערן און זעלנער פון דער ווערמאַכט און עסעס אין דער נייער מערב־דייטשישער אַרמיי. די באָנער רעוואַנשיסטן פאָדערן שוין איצט, כ'זאָלן אָרגאַניזירט ווערן נישט 25 (ווי עס איז לכתחילה פּראָיעקטירט געוואָרן), נאָר 60 מערב־דייטשישע דיוויזיעס. אויך אין דעם פאַל גייט אַדענאַוער צו זיין פאַרברעכערישן ציל מיט דעם זעלבן וועג, וואָס היטלער בשעתו. די אויסבעסערונגען צו דער באָנער קאָנסטיטוציע דערמאָנען זייער דייטלעך די אומבאַגרענעצטע פולמאַכטן, וואָס זענען געגעבן געוואָרן היטלערן אין 1933 יאָר, אַדאַנק וועלכע ער האָט מיט צוויי יאָר שפּעטער געקאָנט שאַפן אויף דער באַזע פון דער 100־טויזנטיקער רייכסווער די פעלקערמערדערישע ווערמאַכט. אין שיין פון די דאָזיקע פאַקטן דרינגט נאָך דייטלעכער אַרויס דער תוך פון די באָנער און פאַריזער אָפּמאַכן, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אַן ערנסטע געפאַר פאַר די פעלקער פון דער וועלט, ווייל זיי דערמעגלעכן דעם ווידערגעבורט פון דייטשישן מיליטאַריזם.

דער דייטשישער מיליטאַריזם איז דער הויפּט־פאַראַנטוואָרטלעכער פאַרן פאַנאַנדערפלאַקערן די לעצטע צוויי וועלט־מלחמות. די פעלקער פון אייראָפּע האָבן געהאַט אַ ריזיקע צאָל קרבנות אין מענטשן, קאָלאָסאַלע מאַטעריעלע פאַרלוסטן און אַ פאַרניכטונג פון אומשאַצבאַרע קולטור־אוצרות. בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען אומגעקומען 10 מיליאָן מענטשן, די צווייטע וועלט־מלחמה האָט איינגעשלונגען העכער 40 מיליאָן מענטשלעכע קרבנות. די גרעסטע קרבנות אין דער לעצטער וועלט־מלחמה האָבן געליטן די פעלקער פון ראַטנפאַרבאַנד, פּאָליאַקן און יידן. געוואַלדיק גרויס זענען געווען אויך די פאַרלוסטן פון די דייטשן אַליין. די געשיכטע לערנט, אַז דער דייטשישער מיליטאַריזם, טראָגנדיק אונטערדריקונג און פאַרשקלאַפונג, ליידן און אומקום פאַר אַנדערע פעלקער, טרעט גלייכצייטיק אַרויס אין דער ראָל פון דעם באַגרעבער פון אייגענעם דייטשישן פאָלק.

די ענדערונגען פון דער באָנער קאָנסטיטוציע און די פאַרשטאַרקונג פון די מיליטערישע צוגרייטונגען אין מערב־דייטשלאַנד זענען געקומען באַלד נאָכן פאַר־

ענדיקן די היסטאָרישע קאָנפֿערענץ אין בערלין, וואָס איינע פֿון אירע צילן איז געווען צו לעזן דאָס דייטשישע פּראָבלעם אויף דעמאָקראַטישע און פֿרידלעכע יסודות.

דער סאָוויעטישער אויסערן-מיניסטער מאָלאָטאָוו האָט פֿאָרגעלייגט אין נאָמען פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד אַ קאָנקרעטן פּראָיעקט פֿון צוריקשטעלן די איינהייט פֿון דייטשלאַנד, שאַפֿן אַ צייטווייליקע אַלגעמיינע דייטשישע רעגירונג, דורכפֿירן פֿרייע דעמאָקראַטישע וואַלן, פֿאַרלייכטערן די פֿינאַנסיעל-עקאָנאָמישע פֿאַרפּליכטונגען פֿון דייטשלאַנד לגבי די מלוכות פֿון דער געוועזענער אַנטיהיטלעריסטישער קאָאַליציע און שליסן דעם שלום-טראַקטאַט מיט דייטשלאַנד. מאָלאָטאָוו האָט חוץ דעם אַרויסגערוקט דעם פֿאָרשלאַג פֿון שליסן אַן אַלגעמיין-אייראָפּעישן אָפּמאַך פֿון קאָלעקטיווער זיכערקייט אין אייראָפּע, וועלכער וואָלט אַ סוף געמאַכט צו דער איצטיקער פּאָליטיק פֿון צעטיילן אייראָפּע אויף צוויי קעגנזעצלעכע גרופּירונגען פֿון מלוכות, וואָלט נישט דערלאָזט צום ווידעראויפֿבויען פֿון דייטשישן מיליטאַריזם און צו נייע אַגרעסיעס.

די קאָנסטרוקטיווע סאָוויעטישע פֿאָרשלאַגן האָבן אויסגעדריקט דעם ווילן און די לעבנס-אינטערעסן פֿון אַלע פֿעלקער, און צווישן זיי אויך פֿון דייטשישן פֿאָלק. דעריבער האָבן זיי געוווּנען די פֿולע אָנערקענונג און אונטערשטיצונג פֿון אַלע שלום-ליבנדיקע מענטשן אין אַלע לענדער פֿון גאָר דער וועלט.

די אויסערן-מיניסטאָרן פֿון די מערב-גרויסמאַכטן האָבן קעגן דעם ווילן פֿון זייערע פֿעלקער אָפּגעוואָרפֿן די סאָוויעטישע פֿאָרשלאַגן, נעמענדיק דערביי אויסשליסלעך אין אַכט די אינטערעסן פֿון מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל, וועלכער צילט עקשנותדיק איבערצוגעשטאַלטיקן מערב-דייטשלאַנד אין אַן אויסגאַנגס-באַזע פֿאַר דער פֿאַרברעכערישער אַגרעסיע קעגן ראַטנפֿאַרבאַנד און די פֿאָלקס-דעמאָקראַטישע לענדער. אָפּוואַרפֿנדיק די סאָוויעטישע פֿאָרשלאַגן, האָבן די רעגירונגען פֿון די מערב-גרויסמאַכטן געשאַפֿן די מעגלעכקייט פֿאַר די נעאָהיטלעריסטישע באָנער רעוואַנשיסטן צוצואיילן און פֿאַרשטאַרקן די רעמיליטאַריזאַציע פֿון מערב-דייטשלאַנד, אויפֿצושטעלן די ווערמאַכט און זי איינשליסן אין דער אַזוי גערופֿענער אייראָפּעישער אַרמיי.

די שטעלונג, וועלכע עס האָבן פֿאַרנומען די מיניסטאָרן פֿון די מערב-גרויסמאַכטן אויף דער בערלינער קאָנפֿערענץ איז געווען אַ קאָנסעקווענטע קאָנטינויִרונג פֿון דער פּאָליטיק, וואָס עס האָבן געפֿירט זייערע רעאַקציאָנערע רעגירונגען אין די נאָכמלחמה-יאָרן לגבי די נישט דערשלאָגענע אימפּעריאַליסטישע און מיליטאַריסטישע כוחות אין מערב-דייטשלאַנד.

אונדז דוכט זיך, אַז עס איז צילמעסיק צו ווייזן, כאָטש אין אַלגעמיינע שטריכן, אַז די זעלבע פֿאַקטאָרן און עלעמענטן, — די מאָנאָפּאָליסטן, מיליטאַריסטן, פֿאַרקויפֿטע דיפּלאָמאַטן, פֿאַשיזירטע וויסנשאַפֿטלער — וועלכע האָבן גע-

האָלפן היטלערן קומען צו דער מאַכט און זענען שפּעטער געוואָרן דער הויפּטזייל פון זיין פעלקערמערדערישן רעזשים, זענען איצט דער הויפּט-אָנשפּאַר פון דער באָנער קריפּל-מלוכה, וואָס ווערט אַן ערנסטע געפאַר פאַר דער זיכערקייט פון די פעלקער.

אין דעם דאָזיקן אַרטיקל באַגרענעצן מיר זיך בלויז פאָרצושטעלן דעם רעמיליטאַריזאַציע-פּראָצעס פון מערב-דייטשלאַנד, וועלכער קומט שוין פאָר זינט אַ גאַנצע ריי יאָרן אונטער דער אָנפירונג פון געוועזענע גענעראַלן פון דער ווערמאַכט און עסעס, ביי דער אַקטיווער אונטערשטיצונג פון די רעגירונגען פון די מערב-גרויסמאַכטן און ספּעציעל פון די פאַראייניקטע שטאַטן. דאָס דאָזיקע אַרטיקל פּרעטענדירט נישט אויסצושעפּן דאָס גאַנצע פּראָבלעם, זיין אויפגאַבע איז צו דערווייזן, אַז באַקאַנטע קריגס-פאַרברעכער, געוועזענע גענעראַלן פון דער ווערמאַכט און עסעס, פאַרמשפּטע גלייך נאָך דער מלחמה צו טויט-שטראָף אָדער אויף לאַנגיעריקער תפיסה — שפּילן איצט אוממיטלבאַר די הויפּט-ראָל אין ווידעראויפבויען די באַוואָפנטע כוחות פון מערב-דייטשלאַנד.

I

פרוון צו ראַטעווען דעם דייטשישן אימפּעריאַליזם

די מערב=גרויסמאַכטן, וואָס האָבן געהערט צו דער אַנטי=היטלעריסטישער קאָאַליציע, האָבן געפירט אַ צווייפּנימדיקע שפּיל שוין אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט=מלחמה. דער בולטסטער פאַקט דערפון איז די פּאָליטיק פון אָפּציען דעם טערמין פון עפענען דעם צווייטן פראָנט אין אייראָפּע, ווי אויך די געהיימע הינטערקוליסן=אונטערהאַנדלונגען פון די פאָרשטייער פון די פאַראייניקטע שטאַטן און ענגלאַנד מיט די באַפולמעכטיקטע שליחים פון דער היטלעריסטישער רעגירונג אין דער פראַגע פון שליסן אַ סעפּעראַטן שלום. דער ציל פון די דאָזיקע פּאָליטישע מאַנעוורן איז געווען אָפּצוראַטעווען דעם דייטשישן אימפּעריאַליזם — זיינע גרונט=כוחות: די מאָנאָפּאָלן און דעם מיליטאַריזם.

עס איז אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט, אַז אין די יאָרן 1941—1944 האָבן אַמעריקע און ענגלאַנד געפירט געהיימע אונטערהאַנדלונגען מיטן היטלעריסטישן דייטשלאַנד וועגן שליסן אַ סעפּעראַטן שלום. אין סעפּטעמבער 1941 יאָר איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענטרעף פון מאַקס אייטקין [1], דעם פאָרשטייער פון ענגלאַנד, מיטן אונגאַר גוסטאַוו פאָן קאָווער, וועלכער האָט רעפּרעזענטירט דאָס דייטשישע אויסערן=מיניסטעריום [2]. אין פרילינג 1942 יאָר האָבן זיך אין דער שווייץ געטראָפן דער היטלעריסטישער קאָמיסאַר אין האָלאַנד סעיס אינקוואַרט און פאָן רונטעלן, — דער פירער פון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג אין היטלעריסטישן אויסערן=מיניסטעריום, מיט דעם פאָרשטייער פון „פּאַריין=אָפיס“ [3]. אין האַרבסט 1942 יאָר

---

[1] מאַקס אייטקין, אַ זון פון לאָרד ביווערבראָק, אין יענער צייט געווען אַן אָפיציר פון דער ענגלישער אַרמיי און דערנאָך — מיטגליד פון בריטישן פּאַרלאַמענט.

[2] וועגן די פעלשער פון דער געשיכטע. וואַרשע 1948, זייט 69.

[3] M. Mourin: Les tentatives de paix dans la seconde guerre mondiale (1939—1945), Paris 1949, str. 133.

האָט דער עסעס־גרופּנפירער שעלענבערג, דער שעף פון אויסלענדישן דינסט ביים רייכס־זיכערהייטס־הויפּט־אַמט (ר.ס.ה.א.), אָנגעקנופּט אַ קאָנטאַקט מיט קאַיהל, דעם בריטישן קאָנסול אין ציריך, וועלכער — ווי עס דרינגט אַרויס פון אַנדערע דאָקומענטן — איז געווען באַפולמעכטיקט דורך טשערטשילן צו פירן די אונטערהאַנדלונגען [4].

נאָך דער גרויסער מפּלה פון דער היטלעריסטישער אַרמיי הינטער סטאַלינגראַד, וואָס איז געווען דער אָנהייב פונעם סוף פון דייטשישן פאַשיזם, האָבן זיך די הינטערקוליסן־אונטערהאַנדלונגען פון די מערב־גרויסמאַכטן מיט דער היטלערישער רעגירונג נאָך מער פאַרשטאַרקט. אין פעברואַר און אין די ווייטערדיקע חדשים פון 1943 יאָר זענען געפירט געוואָרן געהיימע געשפּרעכן אין רוים, אין וואַטיקאַן, אין עסטרייך און אין דער שווייץ. די אונטערהאַנדלונגען אין צוריך און אין בערן האָט געפירט דער באַפולמעכטיקטער פון די פאַראייניקטע שטאַטן אַלען וו. דאַלעס, דער שעף פון אַמעריקאַנער אויסשפּיר־אַמט אין אייראָפּע; דער פּרינץ האָהענלאָהע האָט רעפּרעזענטירט די היטלעריסטישע רעגירונג. בשעת די געהיימע געשפּרעכן זענען צווישן אַנדערע באַרירט געוואָרן די פּראָבלעמען פון דעם נאָכמלחמהדיקן „ווידעראויפבוי" פון אייראָפּע, אין דעם זין פון ראַטעווען די דייטשישע אימפּעריאַליסטישע מלוכה. מען האָט אויך באַרירט די פּראָבלעמען, וועלכע האָבן אַ שייכות צו פּוילן, טשעכאָסלאָוואַקיע, רומעניע, אונגאַרן און אַנדערע מלוכות. לויט זייערע פּלענער האָט פּוילן געדאַרפט ווערן נאָך דער מלחמה דער אַממערסטן אַרויסגערוקטער אויף מזרח פּלאַצדאַרם פון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם קעגן ראַטנפאַרבאַנד. אויך דאָס יידישע פּראָבלעם איז געווען איינע פון די טעמעס אין די געשפּרעכן. אין שייכות מיט דער דערקלערונג פון פּרינץ האָהענלאָהע, אַז די היטלעריסטישע רעגירונג וועט נישט אָפּטרעטן פון איר ביזאיצטיקער פעלקערמערדערישער פּאָליטיק אין באַצוג צו די יידן, האָבן די פאַרשטייער פון די פאַראייניקטע שטאַטן זיך בלויז באַגרענעצט מיט מאַכן אַ באַמערקונג, אַז די מעטאָדן, וועלכע די היטלעריסטן ווענדן אָן, רופן אַרויס אַ גרויסע אויפרעגונג צווישן די פעלקער פון די אייראָפּעישע און אַמעריקאַנער לענדער, וואָס עס באַשווערט צו פירן די געשפּרעכן. די שטעלונג פונעם אַמעריקאַנער פאַרשטייער, וועלכער האָט זיך נישט אַנטקעגנגעשטעלט דער מאַסן־עקסטערמינאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג און פון אַנדערע פעלקער, כדי נישט צו שטערן דאָס עווענטועלע שליסן די פאַרעטערישע סעפּעראַטע פאַרשטענדיקונג מיט היטלער־דייטשלאַנד, — האָט באַפעסטיקט די איבערצייגונג פון די פאַשיסטישע מערדער אין דעם, אַז זיי קאָנען ווייטער אומבאַשטראָפט קאָנטינויִרן זייערע פעלקערמערדערישע פאַרברעכנס אין די אָקופּירטע לענדער פון אייראָפּע.

[4] דער נירענבערגער פּראָצעס נומער 11. אַקטן פון דער פאַרטיידיקונג, ב. 1, ז. 66.

בשעת די דערמאָנטע אונטערהאַנדלונגען האָט אַלען וו. דאַלעס פאַרזיכערט דעם פרינץ האָהענלאָהען, אַז די אַמעריקאַנער רעגירונג איז מסכים מיטן געדאַנק וועגן אָרגאַניזירן מליכהשע און ווירטשאַפטלעכע סיסטעמען אין אייראָפּע אויפן פּרינציפּ פון גרויסע שטחים, און דערפאַר האַלט זי, אַז „אין דער צוקונפט וועט די דייטשישע פעדעראַציע (פּונקט ווי די פאַראייניקטע שטאַטן) זיין, צוזאַמען מיט דער שכנותדיקער דונאַי־קאָנפעדעראַציע, די בעסטע גאַראַנטיע פון אָרדענונג און ווידעראויפבוי פון מיטל־ און מזרח־אייראָפּע“ [5].

עס איז כדאי אונטערצושטרייכן, אַז בלאַנקענהאָרן, אדענאוערס איצטיקער עצה־געבער, איז אין יענער צייט געווען אין אַן ענגן קאָנטאַקט מיט א. דאַלעסן און האָט אָנטיילגענומען אין די געהיימע געשפּרעכן, וועלכע זענען געפירט געוואָרן אין דער שווייץ צווישן די פאָרשטייער פון די פאַראייניקטע שטאַטן און היטלער־דייטשלאַנד [6].

דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין דער שווייץ, האַריסאָן, האָט אין דער טעלעגראַמע פון 7־טן אַפּריל 1943 יאָר צווויסן געגעבן וואַשינגטאָן, אַז מען וואָלט באַדאַרפט — אין שייכות מיט דעם פּלאַנירטן אַטענטאַט אויף היטלערן — זיך אָריענטירן אויף הימלערן און זיין עסעסישער אָרגאַניזאַציע אַלס דעם אַממערסטן צוגעפּאַסטן אינסטרומענט פאַר דערהאַלטן די „אינערלעכע אָרדענונג“ און אין קאַמף קעגן דער קאָמוניסטישער באַוועגונג [7].

די דאָקומענטן באַשטעטיקן אויך, אַז אין מאַי 1943 יאָר האָבן די פאָרשטייער פון דייטשישן פינאַנס־קאַפּיטאַל קאָנפערירט אין מאַדריד און אין ליסאַבאָן מיט די מאָנאָפּאָליסטן פון די פאַראייניקטע שטאַטן און ענגלאַנד, און אין דער זעלבער צייט האָט זיך שאַכט געטראָפן אין באַזעל מיט זייערע אַמעריקאַנער און ענגלישע קאָלעגן אויף פאַרזאַמלונגען פון דעם אַדמיניסטראַטיוון ראַט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער באַנק פאַר פאַנאַנדעררעכענונגען [8].

אין ליכט פון דאָקומענטן ווייזט זיך ארויס, אַז איינפלוסרייכע פערזענלעכקייטן פון שוועדן האָבן אין 1943 יאָר פאַרמיטלט אין די פרוון פון דערגרייכן א פאַרשטענדיקונג צווישן די רעגירונגען פון היטלער־דייטשלאַנד און גרויס־בריטאַניע [9].

---

[5] וועגן די פעלשער פון דער געשיכטע, ז. 70, ווי אויך אַרכיוו פון דער הויפּט־קאָמיסיע צו פאָרשן די היטלעריסטישע פאַרברעכנס אין פּוילן, דאָקום. ג. ק. — 319.

[6] „טריבונאַ לודו“ פון 27־טן יאַנואַר 1954 י.

[7] „בולעטין פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט“ נומ. 6 פון 1953 י., ז. 213. א. אייזענבאַך: די געהיימע ענגליש־אַמעריקאַנער אונטערהאַנדלונגען מיטן פאַשיסטישן דייטשלאַנד און דער גורל פון דער יידישער באַפעלקערונג (1942—1943).

[8] זשאַן בוימיער: פון היטלערן ביז טרומאַנען. וואַרשע 1951, ז. 64.

[9] אַרכיוו פון דער הויפּט־קאָמיסיע צו פאָרשן די היטלעריסטישע פאַרברעכנס, דאָקום. ג. ק. 319.

אין הארבסט 1943 יאָר האָט גערדעלער, דער באַפולמעכטיקטער פון דער איינפלוסרייכער גרופּע פון די היטלעריסטישע גענעראַלן, אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט מיט טשערטשילן דורך דער פאַרמיטלונג פון שוועדישן באַנקיר וואַללענבערג. אין רעזולטאַט פון די הינטערקוליסן=געשפּרעכן, האָט גערדעלער באַאויפטראַגט די גענעראַלן: בעק, רונדשטעט, ראָמעל, האַלדער און אַנדערע, אַז זיי זאָלן אָפּשוואַכן דעם ווידערשטאַנד פון דער דייטשישער ארמיי אויפן מערב=פראָנט און אריבערוואַרפן די הויפּט=באַוואָפענונגס=כוחות אויפן סאָוועטישן פראָנט און אזוי ארום פאַרלייכטערן די סיטואַציע פון די מערב=גרויסמאַכטן [10].

נאָכן דעסאַנט פון ענגליש=אַמעריקאַנער מיליטער אין פראַנקרייך (יוני 1944 יאָר) האָבן די דייטשישע מאָנאָפּאָליסטישע קרייזן און היטלעריסטישע גענעראַלן זיך זייער ערנסט גערעכנט מיט די מעגלעכקייטן צו שליסן א סעפּעראַטן שלום מיט די רעגירונגען פון די פאַראייניקטע שטאַטן און ענגלאַנד. אין דער זעלבער צייט האָט הימלערס באַפולמעכטיקטער, דער עסעס=גענעראַל שעלענבערג, געפירט געהיימע אונטערהאַנדלונגען מיט די פאָרשטייער פון די מערב=גרויסמאַכטן [11].

ביי די פרוון פון שליסן א געהיימען סעפּאַראַטן שלום האָט נישט קיין קליינע ראָל געשפּילט דער שעף פון היטלערישן אויסשפּיר=דינסט קאַנאַריס, וועלכער איז געווען אין א כסדרדיקן קאָנטאַקט מיט דעם אַמעריקאַנער אויסשפּיר=דינסט [12]. קאַנאַרים איז געווען פאַרבונדן מיט דער גרופּע דייטשישע גענעראַלן און מאָנאָפּאָליסטן, וועלכע האָבן געזוכט א פאַרשטענדיקונג מיט די מערב=גרויסמאַכטן, וועגן א געמיינזאַמען קאַמף צוזאַמען מיט די פאַראייניקטע שטאַטן און ענגלאַנד קעגן ראַטנפאַרבאַנד, כדי אָפּצוראַטעווען דעם דייטשישן אימפּעריאַליזם און מיליטאַריזם.

אָט די דאָזיקע גרופּע מיליטאַריסטן, וואָס האָט זיך פאַרשטענדיקט מיט דעם אמעריקאַנער אויסשפּיר=דינסט, האָט אָרגאַניזירט אין יולי 1944 יאָר אַן אַטענטאַט אויף היטלערן, כדי ס'זאָל זיין לייכטער צו רעאַליזירן זייערע אויפגאַבן.

איינער פון די קאַנאַלן, דורך וועלכע עס האָבן זיך געפירט די הינטערקוליסן=געשפּרעכן צווישן היטלער=דייטשלאַנד מיט די פאַראייניקטע שטאַטן, איז געווען די ווישי=רעגירונג [13].

---

[10] ד. מיעלניקאָוו און ל. טשאָרנאַיאַ: די היטלעריסטישע גענעראַלן אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי פון מערב=דייטשלאַנד. וואַרשע 1951, ז. 5.

[11] דאָרט.

[12] אויספירלעכער וועגן דער ראָל פון קאַנאַריסן אין דער אַרבעט פון ד. מיעלניקאָוו און ל. טשאָרנאַיאַ: די היטלעריסטישע גענעראַלן, ז. 7—10.

[13] Н. И. Годунов: Борьба французского народа против гитлеровских окупантов и их сообщников. 1953 г. Стр. 22—32 и другие.

אין דער צווייטער העלפט פון 1944 יאָר און אין אָנהייב פון 1945 יאָר האָבן דער עסעס־גרופּנפירער שעלענבערג און דער עסעס־אויבערגרופּנפירער וואָלף און דײַטשישע דיפּלאָמאַטן אין אויפטראָג פון ריבענטראָפּן פאָרגעזעצט די געהיימע אינטערהאַנדלונגען מיט די פאַראייניקטע שטאַטן און ענגלאַנד. אין דער צווייטער העלפט אַפּריל 1945 יאָר, האַרט פאַר דער ענדגילטיקער קאַפּיטולאַציע פון היטלער־דײַטשלאַנד, האָט זיך הימלער געווענדעט — דורך דער פאַרמיטלונג פון גראַף בערנאַדאָט — צו אייזנהאַוערן מיט א פאָרשלאָג, אַז דײַטשלאַנד זאָל קאַפּיטולירן אויפן מערב־פראָנט, כדי צו דערמעגלעכן דעם מיליטער פון די מערב־מלוכות ווי אמשנעלסטן זיך צו רוקן פאָרויס אויף מזרח און באַהערשן גרעסערע טיילן פון דײַטשלאַנד[14]. די העלדישע סאָוועטישע אַרמיי האָט אָבער געקרייצט אַלע איבנדערמאַנטע פּלענער, צעשמעטערנדיק ביז צום סוף די היטלעריסטישע קריגס־מאַשין, און געצוווּנגען דאָס פאַשיסטישע דײַטשלאַנד צו דער אומבאַדינגטער קאַפּיטולאַציע.

די מיליטערישע און עסעס־קרייזן האָבן שוין אין אָנהייב פון 1944 יאָר זיך אָפּגעגעבן א חשבון פון דער אומפאַרמײַדלעכער מפּלה פון דײַטשלאַנד און, פאַר־בינדנדיק זייער גורל מיט די אגרעסיווע פּלענער פון ענגלאַנד און אמעריקע אויף להבא קעגן ראַטנפאַרבאַנד, זענען זיי צוגעטראָטן צו באַאַרבעטן די פּלענער פון אײַנהאַלטן די עיקרדיקע קאַדרען פון דערווערמאַכט און עסעס נאָכן פאַלן פון היטלעריסטישן רעזשים.

עס איז שוין היינט באַקאַנט, אַז אין פרילינג 1944 יאָר, אין אײַנקלאַנג מיט הימלערס אָנווייזונגען, איז באַאַרבעט געוואָרן דורך דעם פערסאָנאַלן שעף פון ד.ס.ה.אַ., גענעראַל פראַנק־גרימשע, א פּלאַן פון רעאָרגאַניזירן די עסעס. און אין עטלעכע חדשים אַרום איז אויך די גרופּע פון העכערע שטאַב־אָפיצירן פון דער מיליטערישער אַקאַדעמיע צוגעטראָטן באַאַרבעטן אַ ענלעכן פּלאַן פון אײַנהאַלטן און ווידעראויפבויען די ווערמאַכט נאָך דער קאַפּיטולאַציע פון היטלער־דײַטשלאַנד.

צו דער דאָזיקער גרופּע האָבן צווישן אַנדערע געהערט דער אונטערפּאָל־קאָווניק אַרנד הײַנריך פאָן ערטצען, פּאָלק. ברוהן, מאַיאָר וואַלטער ברוקער א. אַנד. דער פּלאַן האָט פאָרגעזען אײַנצוהאַלטן די פריערדיקע צעטיילונג פון לאַנד אויף מיליטערישע וואָיעוואָדשאַפטן און ראַיאָנען און שאַפן א נייעם גענע־ראַל־שטאַב. דער דאָזיקער פּראָיעקט האָט פאָרגעזען צוויי פאַזעס פון ווידער־אויפבוי פון דער ווערמאַכט. אין ערשטן פעריאָד האָט באַדאַרפט צושטאַנדקומען, ווי עס האָט דערקלערט דער מאַיאָר ברוקער אין מאַי 1950 יאָר, די פאַרבינדונג

[14] מיעלניקאָוו און טשאַרנאַיאַ: די היטלעריסטישע גענעראַלן, ז. 6.

מיט די געוועזענע העכערע אָפיצירן, א רעגיסטראַציע פון געוועזענע מיליטערליט, די גרינדונג פון אומלעגאַלע אָפיצירן־פאַריינען א.אז.וו.

אלזאָ, דער ציל פון דער אקציע האָט געדאַרפט זיין דאָס איינהאַלטן און צוגרייטן די הויפּט־אָפיציר־קאַדרען פון דער היטלעריסטישער ווערמאַכט.

אין דער צווייטער פאַזע האָט — לויטן פּלאַן — באַדאַרפט פאָרקומען די רעגיסטראַציע פון די יונגע אָפיצירן און פאַרטרויליכע אונטער־אָפיצירן, עווענטועל די אָנבינדונג פון קאָנטאַקטן מיט די דייטשישע פּאָליטישע פאַקטאָרן און מיט די מערב־גרויסמאַכטן. שוין אין 1944 יאָר זענען באַאַרבעט געוואָרן נאָמענטליכע ליסטעס פון אָפיצירן לויט ספּעציעלע מיליטערישע ראַיאָנען, און דער גאַנצער פּלאַן איז אין מאי 1945 יאָר איבערגעגעבן געוואָרן דעם אמעריקאַנער גענעראַל פּאַטאָן אין בייערן [15].

אין ענגן שייכות מיט די הויפּט־פּלענער פון איינהאַלטן די גרונטיקע קאַדרען פון דער ווערמאַכט איז געבליבן טשערטשילס באַפעל פון אָנהייב מאי 1945 יאָר וועגן אויסבאַהאַלטן דאָס דייטשישע געווער. אויף דער פאַרזאַמלונג אין וואָדפאָרד דעם 2־טן נאָוועמבער 1954 יאָר האָט זיך טשערטשיל אַליין דערצו מודה געווען, דערקלערנדיק, אַז נאָך פאַרן פאַרענדיקן די צווייטע וועלט־מלחמה, ווען די דייטשן האָבן זיך אונטערגעגעבן אין די הונדערטער טויזנטער, האָט ער באַאויפטראַגט דעם הויפּט־אָנפירער פון די ענגלישע באַוואָפנטע כוחות אין אייראָפּע, דעם מאַרשאַל מאָנטגאָמערי, „פלייסיק צונויפזאַמלען און אויסבאַהאַלטן דאָס דייטשישע געווער. עס האָט זיך געהאַנדלט אין דעם, מען זאָל קאָנען נאָכאַמאָל דאָס דאָזיקע געווער לייכט איבערגעבן די דייטשישע זעלנער, מיט וועלכע מיר וואָלטן געמוזט צוזאַמענאַרבעטן, אויב די אָפענסיווע פון ראַטנפאַרבאַנד וואָלט ווייטער אָנגעהאַלטן”. טשערטשיל האָט שוין דעמלט גענומען אין אכט די מעגלעכקייטן פון אויסנוצן די דייטשישע אָפיצירן און זעלנער קעגן דער סאָוועטישער אַרמיי, וועלכע האָט געראַטעוועט אייראָפּע פון היטלעריסטישן באַרבאַריזם.

טשערטשילס צינישע דערקלערונג, וועלכע איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך מאָנטגאָמערין, ווארפט א נייע שיין אויף די געשעענישן ביים סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. די אַלע פאַקטן באַשטעטיקן די צווייפּנימדיקע פּאָליטיק פון די מערב־גרויסמאַכטן, וועלכע האָבן געהערט צו דער אַנטיהיטלעריסטישער קאָאַליציע. די רעגירונגען פון די פאַראייניקטע שטאַטן און ענגלאַנד האָבן שוין צום סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה צוגעגרייט זייערע ווייטגייענדיקע אַגרעסיווע פּלענער, שטיצנדיק זיי אויפן אויפהאַלטן און ווידעראויפבויען דעם דייטשישן אימפּעריאַליזם.

---

[15] די רעמיליטאַריזאַציע פון מערב־דייטשלאַנד. דאָקומענטן און מאַטעריאַלן. אויסגאַבע פונעם פּוילישן אינסטיטוט פאַר אינטערנאַציאָנאַלע ענינים, וואַרשע 1953, ז. 75—77.

די צווייטע וועלט־מלחמה, וועלכע איז געווען אן אַנטיפאַשיסטישע, נאַציאָנאַל־באַפרייערישע מלחמה, האָט זיך פאַרענדיקט מיט דער אבסאָלוטער מפּלה פון היטלער־דייטשלאַנד. אויף דער קאָנפערענץ אין יאַלטע (פעברואַר 1945 יאָר) און אין פּאָטסדאַם (אויגוסט 1945 יאָר) האָבן די גרויסמאַכטן, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין דער אַנטיהיטלעריסטישער קאָאַליציע, געשלאָסן אן אָפּמאַך בנוגע דעם איבערבויען דייטשלאַנד אויף די פּרינציפּן פון שלום און דעמאָקראַטיע.

דער פּאָטסדאַמער אָפּמאַך שטעלט פעסט, אז „דער מיליטאַריזם און נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם וועט אויסגעוואָרצלט ווערן, די פאַרבינדעטע וועלן לויט אַ ספּעציעלער פאַרשטענדיקונג אָנגעמען איצט און אין דער צוקונפט די נייטיקע מאָסמיטלען, כדי צו דערגרייכן די זיכערקייט, אז דייטשלאַנד וועט שוין קיינמאָל נישט ווערן קיין געפאַר פאַר אירע שכנים און פאַר דעם שלום אויף דער וועלט. עס ליגט נישט אין די אינטערעסן פון די פאַרבינדעטע צו פאַרניכטן דאָס דייטשישע פאָלק אָדער פאַרוואַנדלען עס אין שקלאַפן. דער ווילן פון די פאַרבינדעטע איז צו געבן דעם דייטשישן פאָלק די מעגלעכקייטן ווידעראויפצובויען זיין לעבן אויף דעמאָקראַטישע און פרידלעכע יסודות“[16].

דער פּאָטסדאַמער אָפּמאַך זעט פאָר, אז מען זאָל ליקווידירן אלע דייטשישע באַוואָפנטע כוחות צוזאַמען מיט דעם היטלעריסטישן גענעראַל־שטאַב און אָפּיצירן־קאָרפּוס, געסטאַפּאָ, עסעס־ און ס.אָ.־אָפּטיילונגען. אויסער דעם, דאַרף פאַרניכטעט ווערן די היטלעריסטישע פּאַרטיי און אלע מיט איר פאַרבונדענע אינסטיטוציעס, און זיי טאָרן נישט אונטער וועלכער ס'איז פאָרם ווידערגעבוירן ווערן. די מיטגלידער פון דער היטלעריסטישער פּאַרטיי וועלן באַזייטיקט ווערן פון פאַראַנטוואָרטלעכע אַמטן אין עפנטלעכע אינסטיטוציעס, אונטערנעמונגען, שולן א.אז.וו. די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַרן פאַנאַנדערפלאַקערן די מלחמה און פאַר די פאַרברעכנס קעגן דער מענטשהייט דאַרפן באַשטראָפט ווערן.

די, וועלכע האָבן אונטערגעשריבן דעם פּאָטסדאַמער אָפּמאַך, האָבן אויך באַשלאָסן דורכצופירן אַ דעצענטראַליזאַציע פון דער דייטשישער ווירטשאַפט און נישט דערלאָזן צום ווידעראויפבוי פון די גרויסע דייטשישע מאָנאָפּאָלן, וועלכע האָבן דערפירט היטלערן צו דער מאַכט.

אין איינקלאַנג מיטן פּאָטסדאַמער אָפּמאַך, ווי אויך אין הסכם מיט דער פאַרשטענדיקונג פון 8־טן אויגוסט 1945 יאָר אין לאָנדאָן צווישן די 4 גרויסמאַכטן, איז געשאַפן געוואָרן אן אינטערנאַציאָנאַלער מיליטערישער טריבונאַל אויף צו פאַרפאָלגן און באַשטראָפן די הויפּט־מלחמה־פאַרברעכער. דער דאָזיקער טריבונאַל האָט געדאַרפט ווערן — אין איינקלאַנג מיט דעם ווילן פון די פעלקער,

[16] „דאָס ווייסע בוך וועגן ווידערגעבורט פון דייטשישן אימפּעריאַליזם“, וואַרשע 1951, ז. 25.

פון די אייראָפּעישע לענדער און אמעריקע, וועלכע האָבן אָפּגעפּילט די גאַנצע שווערלעכקייט פון די היטלעריסטישע פאַרברעכנס — דער אויסדרוק פון אינטערנאַציאָנאַלער צוזאַמענאַרבעט אין קאַמף קעגן פאַשיזם און אַגרעסיע אין דעם נאָכמלחמה־פּעריאָד. די מלוכות פון די פאַראייניקטע שטאַטן, ענגלאַנד און פראַנקרייך, מסכּים זייענדיק צו שטעלן פאַרן געריכט די היטלעריסטישע הויפּט־פאַרברעכער, האָבן אָבער נישט רעזיגנירט פון אָפּראַטעווען די וויכטיקסטע היטלעריסטישע מיליטעריש, ווירטשאַפטלעכע און דיפּלאָמאַטישע קאַדרען. דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין די שפּעטערדיקע פּראָצעסן.

די שטעלונג, וועלכע עס האָבן פאַרנומען די מערב־גרויסמאַכטן בנוגע די נירנבערגער פּראָצעסן, וואָס איז געווען באַדינגט פון זייערע אַגרעסיווע אַנטיסאָוויעטישע פּלענער, האָבן געהאַט אַ פאַטאַלן איינפלוס אויף דעם פאַרלויף פון די פּראָצעסן קעגן די היטלעריסטישע קריגס־פאַרברעכער. אין רעזולטאַט האָט דער טריבונאַל, וועלכער האָט געמשפּט די הויפּט־פאַרברעכער (פון 20 נאָוועמבער 1945—סעפּטעמבער 1946 יאָר), באַפרייט אַזעלכע באַקאַנטע היטלעריסטישע קריגס־פאַרברעכער, ווי שאַכט, פּאַפּען און פריטש און האָט אויך נישט אָנערקענט דעם היטלעריסטישן גענעראַל־שטאַב, די הויפּט־אָנפירונג פון דער ווערמאַכט (אָ.ק.וו.), די היטלעריסטישע רעגירונג אַלס פאַרברעכערישע אָרגאַניזאַציעס.

מען דאַרף אונטערשטרייכן, אַז דער סאָוויעטישער מיטגליד פון נירנבערגער טריבונאַל י. ט. ניקיטשענקאָ האָט באַלייגט אַ וואָטום סעפּעראַטום צו דעם טייל פון אורטייל, וועלכער האָט געהאַט אַ שייכות צו העסן, שאַכטן, פּאַפּענען און פריטשן, ווי אויך צו די היטלעריסטישע אָרגאַניזאַציעס: דער רעגירונג, גענעראַל־שטאַב און הויפּט־אָנפירונג פון דער ווערמאַכט[17].

אין הסכּם מיט דער אויבן דערמאָנטער לאָנדאָנער פאַרשטענדיקונג זענען די רעגירונגען פון די פאַראייניקטע שטאַטן, ענגלאַנד און פראַנקרייך געצוווּנגען געווען, וואָס אַן אמת, אונטערן דרוק פון דער עפנטלעכער מיינונג, צו אָרגאַניזירן אין די שפּעטערדיקע יאָרן (ביזן 1949 יאָר) 11 פּראָצעסן קעגן היטלעריסטישע פאַרברעכער, נישט צולאָזנדיק אָבער דעם פאָרשטייער פון ראַטנפאַרבאַנד אָנטיילצונעמען אין די דאָזיקע פּראָצעסן.

כאַראַקטעריסטיש, אַז דער אמעריקאַנער גענעראַל־פּראָקוראָר דזשעקסאָן האָט באַפוילן דורכצופירן די פּראָצעסן קעגן די באַוווּסטע פאַרברעכער, וועלכע האָבן זיך רעקרוטירט פון די מיליטערישע, ווירטשאַפטלעכע, דיפּלאָמאַטישע און עסעסישע קרייזן, דורך דער ענגליש־אמעריקאַנער אָקופּאַציע־מאַכט נישט לויט

[17] נירנבערגער פּראָצעס (רוס.), מאָסקווע 1954, ב. II, ז. 568; פּ. ס. ראָמאַשקין: די קריגס־פאַרברעכנס פון אימפּעריאַליזם, מאָסקווע 1953, קאַפּיטל X.

די פראָצעדורעלע פאָרשריפטן פון נירענבערגער טריבונאַל. מען האָט דערביי אין א גרויסער מאָס פארקלענערט די לכתחילה פארפלאַנירטע פראָצעסן. מען האָט רעדוצירט די צאָל פון די היטלעריסטישע קריגס־פארברעכער, וועלכע האָבן זיך געפונען אויף דער רשימה פון די פערזאָנען, וואָס האָבן באַדאַרפט ארעסטירט און באַשטראָפט ווערן פאר זייערע פארברעכנס קעגן דער מענטשהייט.

די פראָצעסן זענען, אלזאָ, פאָרגעקומען לויטן „אייגענעם אייגזען" אונטערן אקאָמפּאַניאמענט פון דער פארקויפטער רעאַקציאָנערער ענגליש־אמעריקאנער פרעסע, וועלכע האָט אַרום די פראָצעסן פון די היטלעריסטישע פעלקערמערדער געפירט א ברייטע פראָפּאַגאנדיסטישע קאַמפּאַניע, באַנוצנדיק אזעלכע לאָזונגען, ווי „הומאַניזם, רחמנות און מענטשלעכקייט". דער באַקאַנטער רעאקציאָנערער פּאָליטיקער ,דער סענאַטאָר טאַפט, האָט אָפן דערקלערט: „אַמעריקע וועט נאָך לאַנג באַדויערן, וואָס מען האָט אויסגעפירט דעם אורטייל פון נירענבערגער טריבונאַל" [18].

די אמעריקאנער צייטשריפט „נעישן" האָט אונטערגעשטראָכן, אז דער „נירענבערגער פראָצעס רייסט ארונטער די יסודות פון אונדזער געזעלשאַפטלעך לעבן", ווייל אויף אזא אופן קאָנען געמשפט ווערן אלס מלחמה־פארברעכער — אין פאל פון א נייעם נירענבערג — אויך די אמעריקאנער גענעראלן [19]. אין אזעלכע באדינגונגען האָבן זיך די פראָצעסן פארוואנדלט אין א פאראָדיע, ווייל זיי האָבן נישט געדינט צו שטעמפּלען און צו פארשפארן אין תפיסה די היטלעריסטישע פארברעכער, נאָר זיי זענען דורך די לעצטע אויסגענוצט געוואָרן צו האַלטן ליבגעזאָנגען פאר דעם היטלעריסטישן רעזשים און זיינע פירער, ווייל די מערב־גרויסמאַכטן „האָבן זיך שוין געריכטעט אין באַצוג צו מערב־דייטשלאַנד מיטן אינטערעס פון דער צוקונפט און נישט מיט דער פארגאנגענהייט" [20].

אין רעזולטאַט פון די דורכגעפירטע פראָצעסן אויף אזא אופן, זענען אפילו די פארברעכער, וועלכע זענען פארמשפט געוואָרן דורך דער ענגליש־אמעריקאנער אָקופּאציע־מאַכט אויף לאַנגע יאָרן תפיסה, שטופנווייז געוואָרן באַפרייט און אפילו רעהאביליטירט. דאָס האָט א שייכות צו די באַשולדיקטע אין פראָצעס פון פליק, קרופּ, צו די דיפּלאָמאַטן פון ווילהעלם־שטראַסע, דאָקטוירים, צו מיטאַרבעטער פון עסעסישןווירטשאַפטלעכן און אדמיניסטראַטיוון הויפּט־אַמט (וו.פ.ה.א) א. א. איצט געפינען זיי זיך — ווי מיר וועלן באַווייזן — אין דינסט פון דער באָנער רעגירונג אָדער אמעריקע. צווישן זיי זענען פאראן עטלעכע הונדערט גענעראלן, באַנקירן, דיפּלאָמאַטן, גרויסע מאָנאָפּאָליסטן, עסעסאָווצעס,

---

[18] „נייע פרעסע", פאריז פון 27־טן אָקטאָבער 1951.

[19] דאָרט.

[20] דער נירענבערגער פראָצעס (רוסיש), ב. 1, ז. 12.

וועלכע זענען מיטשולדיק אין פאַנאַנדערפלאַקערן די צווייטע וועלט-מלחמה, ווי אויך אין רויבן און אין מאָרדן די פעלקער אין די אָקופּירטע לענדער פון אייראָפּע.

אין הסכם מיטן פּאָטסדאַמער אָפּמאַך האָט דער אַליאַנטישער קאָנטראָל-ראַט איבער דייטשלאַנד אַרויסגעגעבן אַ גאַנצע ריי געזעצן אין דער פראַגע פון דעמיליטאַריזירן און דענאַציפיצירן דאָס לאַנד. דאָס געזעץ נומ. 2 פון 10 סעפּטעמבער 1945 יאָר האָט פאָרגעזען דאָס פאַנאַנדערלאָזן און ליקווידירן די היטלעריסטישע אָרגאַניזאַציעס; דאָס געזעץ נומ. 10 פון 20-טן דעצעמבער 1945 יאָר האָט אַרויפגעלייגט אויף די דייטשישע געריכטן די פליכט צו פאַרפאָלגן און באַשטראָפן די היטלעריסטישע קריגס-פאַרברעכער פאַר זייערע באַגאַנגענע גרויל-טאַטן [21]. דאָס געזעץ נומ. 34 פון 20-טן אויגוסט 1946 יאָר פאַרפליכטעט פאַנאַנדערצולאָזן אַלע דייטשישע מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס (אָ.ק.וו., אָ.ק.ה., די אָנפירונג פון ים- און לופט-פלאָט, אַלע באַוואָפנטע כוחות פון דער יבשה, ים און לופט מיט אַלע זייערע שטאַבן). דאָס געזעץ האָט שטרענג פאַרבאָטן צו אָרגאַניזירן אונטער וועלכן נישט איז נאָמען אָדער פאָרם נייע אינסטיטוציעס און מיליטערישע פאָרמאַציעס. עס זענען אויך אָפּגעשאַפט געוואָרן אַלע געזעצן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו די דייטשישע באַוואָפנטע כוחות און מיליטערישע פאַרבאַנדן; עס איז פאַרבאָטן געוואָרן צו טראָגן וועלכע נישט איז מיליטערישע אויסצייכענונגען און מונדירן. דאָס אייגנטום פון די ליקווידירטע אָרגאַניזאַציעס איז קאָנפיסקירט געוואָרן.

אין דער סאָוועטישער זאָנע פון דייטשלאַנד זענען אויסגעפירט געוואָרן אַלע אינטערנאַציאָנאַלע פאַרפליכטונגען, וועלכע זענען אַרויסגעדרונגען פון דעם פּאָטסדאַמער אָפּמאַך און פון די באַשלוסן פון דעם אַליאַנטישן קאָנטראָל-ראַט איבער דייטשלאַנד. עס זענען, אַלזאָ, נאָך אין 1945 יאָר ליקווידירט געוואָרן די דייטשישע באַוואָפנטע כוחות און פּאַראַמיליטאַריסטישע אָרגאַניזאַציעס, ווי אויך די מיליטערישע הויפּט-אָביעקטן און איינריכטונגען. עס זענען באַזייטיקט געוואָרן פון די אָנפירנדיקע אַמטן 520 טויזנט אַקטיווע היטלעריסטן, עס איז צוגענומען געוואָרן די מאַכט ביי דער געזעלשאַפטלעכער גרופּע, וועלכע איז געווען דער טרעגער פון אַגרעסיע און אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק, — ביים יונקערטום און ביי די מאָנאָפּאָלן, ביי וועלכע עס איז גלייכצייטיק צוגענומען געוואָרן די עקאָנאָמישע באַזע. עס איז אַנטאייגנט געוואָרן דאָס פאַרמעגן פון 1605 באַקאַנטע היטלעריסטן און 807 יונקערס; עס זענען דעמאָנטירט און ליקווידירט געוואָרן אַלע באַוואָפענונגס-אונטערנעמונגען. די דעמאָקראַטיזאַציע פון דעם טייל דייטשלאַנד האָבן דורכגעפירט די אַנטיפאַשיסטישע כוחות, וועלכע זענען שפּעטער, אַדאַנק

[21] עדמונד אָסמאַנטשיק: דייטשלאַנד 1945—1950. וואַרשע 1951, ז. 48—49.

דער מיטהילף פון דער סאָוועטישער מאַכט, צוגעטראָטן בויען דאָס נייע פרידלעכע, דעמאָקראַטישע דייטשלאַנד [22].

אינגאַנצן אַנדערש האָט זיך אָבער געשטאַלטיקט די סיטואַציע אין דער מערב־זאָנע פון אָקופּירטן דייטשלאַנד. די אָקופּאַציע־מאַכט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבן סאַבאָטירט זייערע אינטערנאַציאָנאַלע פאַרפליכטונגען, נישט דורכפירנדיק די דעצענטראַליזאַציע און דעקאַרטעליזאַציע פון דער אינדוסטריע און נישט דורכגעפירט די דענאַציפיקאַציע און דעמיליטאַריזאַציע, וועלכע זענען געווען די הויפּט־באַדינגונגען פון איבערבויען דייטשלאַנד אויף דעמאָקראַטישע און פרידלעכע יסודות. קלאָר, אַז די פּאָליטיק איז אַרויסגעפלאָסן פון די גענעראַלע אַגרעסיווע פּלענער פון ענגליש־אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם, אין וועלכע דאָס מיליטאַריסטישע מערב־דייטשלאַנד דאַרף שפּילן אַ דעצידירנדיקע ראָל אין אייראָפּע. דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין די אָפיציעלע דעקלאַראַציעס און אַרויסטרעטונגען פון די פאָרשטייער פון די פאַראייניקטע שטאַטן און ענגלאַנד אין דעם דערמאָנטן פעריאָד.

שוין אין סעפּטעמבער 1946 יאָר איז דער אַמעריקאַנער שטאַטס־סעקרעטאַר דזשעמס פ. בירנס אין זיין באַוווסטער רעדע אין שטוטגאַרט אָפן אַרויסגעטראָטן קעגן די פּאָטסדאַמער באַשלוסן. ער האָט צווישן אַנדערן גערופן צום ווידעראויפבויען די דייטשישע באַוואָפענונגס־אינדוסטריע, צוזאָגנדיק דערביי פינאַנסיעלע הילף די דייטשישע מאָנאָפּאָליסטן פון ריין־באַסיין, מיט וועלכע דער אַמעריקאַנער פינאַנס־קאַפּיטאַל איז געווען און איז ענג פאַרבונדן. צוגעבנדיק מוט די דייטשישע שאָוויניסטן אַרויסצורוקן רעוויזיאָניסטישע פאָדערונגען און ווילנדיק גלייכצייטיק געווינען די היטלעריסטישע עלעמענטן פאַר די צילן פון דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק — האָט בירנס שאַרף אַטאַקירט די פּוילישע מערב־גרענעצן אויף דער אָדרע און ניסע. בירנס אַרויסטרעטונג אין שטוטגאַרט, ווי אויך די אַנטיפּוילישע אַרויסטרעטונג פון טשערטשילן אין פולטאָן (דעם 3־טן מערץ 1946 יאָר) האָבן אָנגעהויבן דעם פעריאָד פון פאַרשטאַרקטע צוגרייטונגען צום ווידעראויפבויען דעם דייטשישן אימפּעריאַליזם און ווידעראויפלעבן זיינע באַוואָפנטע כוחות. די צוגרייטונגען זענען גלייכצייטיק פאָרגעקומען אויפן פּאָליטישן, ווירטשאַפטלעכן און מיליטערישן געביט.

אַזוי איז אין יאַנואַר 1947 יאָר אונטערגעשריבן געוואָרן אַן אָפּמאַך וועגן אַ ווירטשאַפטלעכער פאַראייניקונג פון דער אַמעריקאַנער און ענגלישער אָקופּאַציע־זאָנע אין דייטשלאַנד. אין רעזולטאַט דערפון איז אין יוני 1947 יאָר אין דער

[22] די העמיליטאַריזאַציע פון מערב־דייטשלאַנד. ז. 23. דערקלערונג פון מאַרשאַל וו. סאָקאָלאָווסקי אין דעם אַליאַנטישן קאָנטראָל־ראַט איבער דייטשלאַנד פון 1947.XI.21 י. „פשעגלאָנד זאַכאָדני" 1948 י., נומ. 6, ז. 660.

בריטיש-אַמעריקאַנער זאָנע געשאַפֿן געוואָרן דער דייטשישער ווירטשאַפֿטלעכער ראַט, וועלכער האָט באַקומען ברייטע ווירטשאַפֿטלעכע און פּאָליטישע קאָמפּעטענצן.

דאָס איז געווען א ווייטערדיקע פֿאַרשטאַרקונג פֿון דער אזוי גערופֿענער ביזאָניע, וועלכע איז געשאַפֿן געוואָרן אויפֿן סמך פֿונעם באַשלוס פֿון 2-טן דעצעמבער 1946 פֿון אמעריקאַנער און ענגלישן אויסערן-מיניסטעריומס.

דער ווייטערדיקער עטאַפּ אין פּראָצעס פֿון פֿאַרטיפֿן די צעטיילונג פֿון דייטשלאַנד איז געווען דאָס פֿאַרוואַנדלען די ביזאָניע, דורך פֿאַראייניקן צו איר די פֿראַנצויזישע אָקופּאַציע-זאָנע, אין א טריזאָניע.

אין פֿעברואַר און אין מערץ 1948 יאָר האָבן די פֿאָרשטייער פֿון די דריי גרויסמאַכטן אָפּגעהאַלטן א באַראַטונג אין דער פֿראַגע פֿון שאַפֿן א סעפּאַראַטיסטישע מערב-דייטשישע מלוכה [23].

אויף דער לאָנדאָנער קאָנפֿערענץ (פֿון 20-טן אַפּריל ביזן 1-טן יוני 1948), אין וועלכע עס האָבן אָנטיילגענומען 6 מערב-אייראָפּעישע מלוכות, איז באַשלאָסן געוואָרן אַריינצוציען טריזאָניע אין מאַרשאַל-פּלאַן און אויך דורכצופֿירן א וואַלוטע-רעפֿאָרם. אין שייכות דערמיט האָט די פּוילישע רעגירונג אין דער נאָטע פֿון 21-טן אַפּריל 1948 יאָר צו דער רעגירונג פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן פּראָטעסטירט קעגן שאַפֿן א סעפּאַראַטיסטישע מערב-דייטשישע מלוכה — א צענטער פֿון אַגרעסיע אין אייראָפּע.[24]

דער וועזנטלעכער מהות פֿון די לאָנדאָנער באַשלוסן איז דעמאַסקירט געוואָרן אויף דער קאָנפֿערענץ פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד און די פֿאָלקס-דעמאָקראַטישע מלוכות, וועלכע איז פֿאָרגעקומען אין וואַרשע אין אַפּריל 1948 יאָר. אין דער פֿאַרעפֿנטלעכטער דעקלאַראַציע לייענען מיר: „דאָס איינשליסן די ווירטשאַפֿט פֿון דער מערב-דייטשישער זאָנע אין דעם מאַרשאַל-פּלאַן באַדייט איינשליסן דעם טייל דייטשלאַנד צו דער געפֿירטער אין די ראַמען פֿון מאַרשאַל-פּלאַן פּאָליטיק פֿון צעטיילן אייראָפּע“.

די וואַרשעווער דעקלאַראַציע האָט געפֿונען א פֿולע אונטערשטיצונג ביי דער ברייטער עפֿנטלעכקייט פֿון דער דעמאָקראַטישער וועלט.

די רעגירונג פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן האָט אָבער אַבסאָלוט און עקשנותדיק ווייטער געצילט אונטערצואָרדענען זיך מערב-דייטשלאַנד און איבערגעשטאַלטיקן עס אין דעם הויפּט-כוח פֿון אַגרעסיוון אַטלאַנטישן בלאָק. אין מאַי

---

[23] ע. אָסמאַנטשיק: דייטשלאַנד 1945—1950, ז. 84—87.

[24] דאָקומענטן וועגן דער פֿיינטלעכער טעטיקייט פֿון דער רעגירונג פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן קעגן פֿאָלקס-פּוילן. אויסגאַבע פֿונעם אויסערן-מיניסטעריום פֿון דער פּוילישער פֿאָלקס-רעפּובליק, וואַרשע 1953 י.

1949 יאָר האָט דער פּאַרלאַמענטאַרישער ראַט פֿון טריזאָניע אין באָן אָנגענומען די קאָנסטיטוציע און פּראָקלאַמירט די אַנטשטייונג פֿון דער „פֿעדעראַטיווער דייטשישער רעפּובליק". אין אויגוסט—סעפּטעמבער 1949 יאָר זענען אין די דריי מערב-דייטשישע זאָנעס פֿאָרגעקומען וואַלן, אין רעזולטאַט פֿון וועלכן עס איז געשאַפֿן געוואָרן די מאַריאָנעטן-רעגירונג פֿון אַדענאַוערן.

אין משך פֿון דעם דאָזיקן צייט-אָפּשניט האָט די אָקופּאַציע-מאַכט פֿון די מערב-גרויסמאַכטן סאַבאָטירט יעדע אַקציע בנוגע דער דעקאַרטעליזאַציע און דעמיליטאַריזאַציע פֿון מערב-דייטשלאַנד און אַליין בולטער אָנגעהויבן מאַכן צוגרייטונגען צום ווידעראויפֿשטעלן די ווערמאַכט. שוין אויף דער מאָסקווער קאָנפֿערענץ פֿון די אויסערן-מיניסטאָרן (11-טער מערץ 1947 יאָר) האָט מאָלאָטאָוו דערקלערט, אַז אין דער אַמעריקאַנער און בריטישער אָקופּאַציע-זאָנעס געפֿינען זיך נאָך נישט פֿאַנאַנדערגעלאָזטע דייטשישע מיליטערישע אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן פֿריער געהערט צו דער ווערמאַכט און זיי האָבן אײַנגעהאַלטן זייער אָרגאַניזאַציע און מיליטערישע דיסציפּלין. מאָלאָטאָוו האָט אונטערגעשטראָכן, אַז אַפֿילו לויט די אָפֿיציעלע ראַפּאָרטן פֿון דער ענגלישער און אַמעריקאַנער אָנפֿירונג זענען די דייטשישע מיליטערישע אָפּטיילונגען געבליבן אַלס אַזוי גערופֿענע באַדינונגס-אָפּטיילונגען און האָבן אין ערשטן יאַנואַר 1947 יאָר געציילט העכער 90 טויזנט זעלנער [25].

אויך דער מאַרשאַל סאָקאָלאָווסקי האָט אויף דער זיצונג פֿון אַליאַנטישן קאָנטראָל-ראַט אין דייטשלאַנד דעם 21-טן נאָוועמבער 1947 יאָר דעמאַסקירט די פּאָליטיק פֿון די מערב-גרויסמאַכטן בנוגע דער פֿראַגע פֿון דעמיליטאַריזירן דייטשלאַנד. דער פֿאָרשטייער פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד האָט אויפֿגעדעקט, אַז אין די מערב-זאָנעס עקזיסטירן ווייטער דייטשישע מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס, אַז אונטערן דעק-מאַנטל פֿון כלומרשטע ספּאָרט-געזעלשאַפֿטן קומען פֿאָר מיליטערישע איבונגען פֿון דער דייטשישער יוגנט, וואָס ווערן דורכגעפֿירט דורך אַמעריקאַנער אינסטרוקטאָרן, אַז אונטער דער פֿאָרם פֿון די אַזוי גערופֿענע אַרבעטס-גרופּן עקזיסטירן ווייטער די רעשטלעך פֿון די אַמאָליקע היטלעריסטישע מיליטערישע פֿאָרמאַציעס אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דייטשישע אָפֿיצירן. אויסער דעם האָט מאַרשאַל סאָקאָלאָווסקי פֿעסטגעשטעלט, אַז די ענגליש-אַמעריקאַנער אָקופּאַציע-מאַכט האָט אין מערב-דייטשלאַנד אײַנגעהאַלטן דעם באַוואָפֿענונגס-פּאָטענציאַל און די מיליטערישע אָביעקטן, וועלכע האָבן באַדאַרפֿט — אין אײַנקלאַנג מיט די פֿאַרפֿליכטנדיקע באַשלוסן — ליקווידירט ווערן [26].

---

[25] די רעמיליטאַריזאַציע, ז. 14.
[26] דאָרט, ז. 24.

גלייך נאָכן שאַפן די סעפּאַראַטיסטישע מערב־דייטשישע מלוכה האָט די פּוילישע רעגירונג אַרויסגעשיקט אַ נאָטע צו דער רעגירונג פון די פּאַראייניקטע שטאַטן (5 אָקטאָבער 1949 יאָר), אין וועלכער זי פּראָטעסטירט קעגן שאַפן די באָנער מלוכה און שטעמפּלט אויך די פּאָליטיק פון די מערב־גרויסמאַכטן, וועלכע טאָרפּעדירן די פּרוּוון פון פאַרניכטן די קוואַלן פון אַגרעסיע און העלפן מיט צום ווידערגעבורט פון די רעוויזיאָניסטישע, מיליטאַריסטישע און פאַשיסטישע עלעמענטן אין מערב־דייטשלאַנד[27].

נאָכן אַנטשטיין פון דער באָנער מלוכה און איר רעגירונג נאָטירן מיר אַ פאַרשטאַרקטע אָנשטרענגונג אין דער ריכטונג פון צואײַלן די רעמיליטאַריזאַציע פון מערב־דייטשלאַנד. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט צווישן אַנדערן אין דעם ברוטאַלן ברעכן דורך די רעגירונגס־קרייזן פון די פּאַראייניקטע שטאַטן דעם ווידערשטאַנד פון אַנדערע מערב־אייראָפּעישע מלוכות, וועלכע שטעלן זיך נאָך עפנטלעך אַנטקעגן דעם ווידעראויפבוי פון דער ווערמאַכט. די הויפּט־טעמע אויף די באַראַטונגען פון אַלע דריי קאָנפערענצן פון די אַטלאַנטישע רעגירונגען, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין 1949 יאָר — אין לאָנדאָן (מאַי), אין ניו־יאָרק (סעפּטעמבער), אין פּאַריז (נאָוועמבער) און אין בריסל, איז פאַקטיש געווען די צוגרייטונג צו דער רעמיליטאַריזאַציע פון מערב־דייטשלאַנד.

איינע פון די שטערונגען אויפן וועג צו מיליטאַריזירן מערב־דייטשלאַנד איז געווען די שטעלונג פון די יידישע מאַסן אין די לענדער פון אייראָפּע און אַמעריקע, וועלכע, געדענקענדיק זייערע מיליאָנען קרבנות צוליב דער שולד פון דייטשישן מיליטאַריזם בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָבן זיך קאַטעגאָריש קעגנגעשטעלט קעגן ווידערבאַוואָפענען זייערע נעכטיקע תליינים. אין קעגנזאַץ צו דער האָזיקער ריכטיקער שטעלונג פון די יידישע מאַסן, האָט די יידישע גרויס־בורזשואַזיע, וועלכע איז מיט טויזנטער פעדעם פאַרבונדן מיטן אַמעריקאַנער פינאַנס־קאַפּיטאַל, אַרויסגעוויזן באַדייטנדיקע הילף אין דער רעמיליטאַריזאַציע פון מערב־דייטשלאַנד. די וואַרבורגס, ראָטשילדס, קוהן־לעיבס א. אַנד., וועלכע האָבן אין די נאָכמלחמה־יאָרן באַקומען — אַדאַנק דער פאַרמיטלונג און הילף פון דער ענגליש־אַמעריקאַנער אָקופּאַציע־מאַכט — הונדערטער מיליאָנען מאַרק אין דער פאָרם פון „אַנטשעדיקונג“, האָבן זיך באַמיט פאַר יעדן פּרייז צו פאַרלייכטערן דער באָנער רעגירונג צו רעאַליזירן אירע רעוואַנשיסטישע פּלענער. צוליב דעם ציל טאַקע האָבן די יידישע פינאַנס־פּאָטענטאַטן געגרינדעט נאָך דער מלחמה אין מערב־דייטשלאַנד פאַרשידענע אַקציע־געזעלשאַפטן און באַנקן, כדי דורך זייער פאַרמיטלונג צו פינאַנסירן די אַזוי גערופענע „אַנטשעדיקונג“, וואָס די באָנער

---

27 דאָקומענטן וועגן דער פיינטלעכער טעטיקייט פון דער רעגירונג פון די פּאַראייניקטע שטאַטן, ז. 31—34.

רעגירונג האָט כלומרשט אָנערקענט דער יידישער באַפעלקערונג פאַרן פרייז פון אייסמעקן פון זכרון די גרויל־רציחות פון היטלער־דייטשלאַנד. שוין אין 1948 יאָר איז געגרינדעט געוואָרן די „יידישע אינדוסטריעלע און האַנדלס־באַנק“. אָבער אין סעפטעמבער 1950 יאָר האָט זיך די דאָזיקע באַנק — צוליב די פינצטערע מאַכינאַציעס אין דער פראַגע פון רעסטאַווירן דאָס פאַרמעגן פון די גרויסע יידישע אינדוסטריעלער און באַנקירן — געשלאָסן.

אין דעם זעלבן 1950 יאָר האָט זיך געעפנט — מיט דעם אָנטייל פון ברינקמאַנס, פפערדמענגעס און עטלעכע אַנדערע בענק בשותפות — אַ נייע באַנק א. ג. „אינטערנעישאָנעל טראַסט קאָרפאָריישן“. די דאָזיקע באַנק האָט געהאַט דעם זעלבן ציל: פאַרלייכטערן די אַדענאַוער־רעגירונג — דורך אָנערקענען די אַזוי גערופענע קאָמפענסאַטע פאַר די יידן — דעם ווידעראויפבוי פון די היטלעריסטישע באַוואָפנטע כוחות. עס איז דערביי כדאַי צו דערמאָנען, אַז ברינקמאַן און פפערדמענגעס, פונקט ווי אבס און פראַוויין, זענען באַוווסטע קריגס־פאַרברעכער, וועלכע זענען שטיין־רייך געוואָרן אין דער צייט פון דער „אַריזאַציע“ פון דער ווירטשאַפט (לייען: באַרויבונג פון דער יידישער באַפעלקערונג) און דערנאָך ביים באַרויבן די אָקופירטע לענדער. איצט אָבער זיצן זיי אין פאַרשידענע קעמערלעך פון דער באָנער אַדמיניסטראַציע, אין די אויפזיכטס־ראַטן פון די מערב־דייטשישע קאָנצערנען און באַנקן, רעפרעזענטירנדיק אין זיי אויך די אינטערעסן פון אויסלענדישן קאַפיטאַל.

II

די „דענאַציפיקאַציע“ אין מערב-דייטשלאַנד

אין איינקלאַנג מיטן פּאָטסדאַמער אָפּמאַך, לאָנדאָנער קאָנפערענץ און אויך מיט די באַשלוסן פון דעם אַליאַנטישן קאָנטראָל-ראַט איבער דייטשלאַנד האָט געדאַרפט ברייט דורכגעפירט ווערן די דענאַציפיקאַציע. די אויפגאַבע פון דער דענאַציפיקאַציע איז געווען צו באַשטראָפן אַלע היטלעריסטישע מלחמה-פאַרברעכער, באַזייטיקן די היטלעריסטן פון דער אָנפירונג פון אַדמיניסטראַציע, ווירטשאַפטלעכן אַפּאַראַט א.אז.וו., מיטן ציל צו שאַפן די נויטווענדיקע באַדינגונגען פאַרן דערציען די דייטשישע באַפעלקערונג אין גייסט פון שלום און דעמאָקראַטיע. עס איז אויך געשאַפן געוואָרן אַן אינטערנאַציאָנאַלע קאָמיסיע פאַר די פראַגן פון פאַרפאָלגן די מלחמה-פאַרברעכער און עס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אַ לאַנגע רשימה פון פאַרברעכער, וועלכע דאַרפן אַרעסטירט און באַשטראָפט ווערן. די רשימה האָט שוין זומער 1945 יאָר אַרומגענומען העכער 15.000 נעמען פון היטלעריסטישע מערדער.

די פּרינציפּן פון דער דענאַציפיקאַציע און פון באַשטראָפן די מלחמה-פאַרברעכער זענען סאַבאָטירט געוואָרן דורך דער ענגליש-אַמעריקאַנער אָקופּאַציע-מאַכט, אַזוי ווי עס איז געווען בנוגע די באַשלוסן וועגן דער דעמיליטאַריזאַציע און דעקאַרטעליזאַציע פון דייטשלאַנד. נישט קיין קליינע ראָל האָבן דערביי געשפּילט די אַלטע פאַרבינדונגען פון די ענגליש-אַמעריקאַנער מאָנאָפּאָליסטן מיט זיי דייטשישע. געוויסע דייטשישע אינדוסטריעלער, וועלכע זענען אין אָנהייב אַרעסטירט געוואָרן דורך דער אַמעריקאַנער אָקופּאַציע-מאַכט, האָבן דערקלערט, אַז זיי ריכטן זיך געראַטעוועט צו ווערן פון דער שווערער סיטואַציע דורך זייערע בריטישע און אַמעריקאַנער פריינד, מיט וועלכע עס פאַראייניקן זיי שוין פון פריער קאַרטעל-פאַרבינדונגען [1].

---

[1] אַללען י. ס.: „די וועלט-מאָנאָפּאָלן קעגן שלום“, וואַרשע 1950, ז. 67.

היאַלמאַר שאַכט האָט זיך נאָך אַפילו דערלויבט צו וואָרענען, אַז „דאָס משפּטן און פאַרמשפּטן די דייטשישע אינדוסטריעלער פאַר באַוואָפּענען דאָס היטלעריסטישע דייטשלאַנד מוז מיט זיך מיטציען דאָס באַשטראָפן די אַמעריקאַנער אינדוסטריעלער, ווייל די דייטשישע „אָפּעל“=פאַבריקן געהערן צום אַמעריקאַנער טרעסט „דזשענעראַל מאָטאָרס“ [2].

עס איז קלאָר, אַז אין די באַדינגונגען זענען די פערזענלעכע באַציונגען צווישן די באַשולדיקטע און די „באַשולדיקער“ געווען — ווי עס גיבן איבער געוויסע קוועלן — ספּעציעל פריינדלעכע און האַרציקע, און די מערהייט פון די מאָנאָפּאָליסטן און אינדוסטריעלער — קריגס=פאַרברעכער — זענען אינגיכן באַפרייט געוואָרן [3].

אַפילו דער אַמעריקאַנער פּולק. בערנשטיין האָט פעסטגעשטעלט פאַר דער קאָמיסיע פון סענאַטאָר קילגאָר, אַז שוין אין 1945 יאָר זענען כמעט נישט געווען קיין מעגלעכקייטן צו אַרעסטירן די היטלעריסטישע פאַרברעכער פון אי. ג. פאַרבען=קאָנצערן, ווייל זיי זענען געווען אַרומגערינגלט מיט דער שוץ פון הויכגעשטעלטע פערזענלעכקייטן פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

אונטערן דרוק פון דער עפנטלעכער מיינונג האָט מען, וואָס אַן אמת, קעגן געוויסע אייגנטימער און קאָנצערן=דירעקטאָרן פאַרפירט פּראָצעסן, ווי לגבי פליקן, קרופּן, אי. ג. פאַרבען, אָבער אינגיכן זענען זיי — נישט געקוקט אויף די פאָרמעלע אורטיילן — אַרויסגעלאָזט געוואָרן אויף דער פריי.

די ערשטע אַמנעסטיע פאַר די היטלעריסטן אין דער אַמעריקאַנער אָקופּאַציע=זאָנע פון דייטשלאַנד איז שוין פאָרגעקומען דעם 24=טן דעצעמבער 1946 יאָר.

די ענגליש=אַמעריקאַנער אָקופּאַציע=מאַכט האָט אין די יאָרן 1947—48 אָפּגעזאָגט — נישט געקוקט אויף די אָנגענומענע באַשלוסן (נאָוועמבער 1943) אויף דער מאָסקווער באַראַטונג פון די דריי אַליאַנטישע גרויסמאַכטן, — אַרויסצוגעבן די היטלעריסטישע מלחמה=פאַרברעכער די מלוכות, אויף וועמענס טעריטאָריעס זיי זענען באַגאַנגען די פאַרברעכנס.

אין אָנהייב פון 1948 יאָר האָט די אַמעריקאַנער אָקופּאַציע=מאַכט פאַרעפנטלעכט אַ „נייע פּאָליטיק“ אין דער פראַגע פון עקסטראַדיציע (אַרויסגעבן) די היטלעריסטישע מלחמה=פאַרברעכער. אַזוי אַרום האָט דער גענעראַל ל. ד. קלעי אין יולי 1948 יאָר אָפּגעזאָגט דער פּוילישער מלוכה אַרויסצוגעבן אַזעלכע באַוווסטע מלחמה=פאַרברעכער, ווי דעם אָבערגרופּנפירער פון עסעס גענעראַל באַך=זשעלעווסקי און דעם גרופּנפירער פון עסעס גענ. ריינעפאַרט, די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר דער באַרבאַרישער פאַרניכטונג פון וואַרשע אין סעפּטעמבער 1944

[2] „נייע פרעסע“ פון 1951.X.27 י.

[3] דאָס ווייסע בוך פון 1951 י., ז. 101.

יאָר, ווייל „זיי זענען נאָך נייטיק אויף אַן אומבאַשטימטער צייט" [4]. די אַמעריקאַנער אָקופּאַציע-מאַכט האָט אונדז אויך אָפּגעזאָגט אַרויסצוגעבן דעם פעלדמאַרשאַל ליסט, דעם אָנפירער פון דער 12-טער אַרמיי בעת דעם אָנפאַל אויף פוילן אין סעפּטעמבער 1939 יאָר, דעם גענעראַל גודעריאַן, דעם מיטפאַראַנטוואָרטלעכן פאַר פאַרניכטן די הויפּטשטאָט אין 1944 יאָר, פאָן ליטוויץ, גענעראַל וואָרמאַן, די אָנפירער פון דער 11-טער אַרמיי אין דער צייט פון פאַרניכטן וואַרשע און דעם גענעראַל ראָדע. אויסער דעם, נישט געקוקט אויף די פיל פאָדערונגען, האָט מען אונדז נישט אַרויסגעגעבן די פאָלגנדיקע היטלעריסטישע קריגס-פאַרברעכער, די גענעראַלן פון דער ווערמאַכט און עסעס: פאָן וואַלדענפעלז, פאָן עבערשטיין, בערגער און גענאַט — די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר די באַגאַנגענע דורך זיי מאַסן-פאַרברעכנס, פאַרניכטונגען און רויבערייען אויף דער פוילישער ערד. מען האָט אונדז אויך אָפּגעזאָגט אַרויסצוגעבן מאַקס ווינקלערן, דעם שעף פון דער „טרויהענדשטעלע אָסט" (ה.ט.אָ.), וועלכער האָט מאַסנווייז גערויבט דאָס מלוכהשע פאַרמעגן און דאָס אייגנטום פון די בירגער [5]. מען האָט אונדז נישט אַרויסגעגעבן אַ גאַנצע ריי אַנדערע פאַשיסטישע פעלקער-מערדער, ווי קאָפּפע, העפּלע א. אַנד.

אין אָקטאָבער 1947 יאָר האָט די ענגליש-אַמעריקאַנער אָקופּאַציע-מאַכט אין דייטשלאַנד אָפּגעזאָגט דעם ראַטנפאַרבאַנד אַרויסצוגעבן אַ גאַנצע ריי באַקאַנטע קריגס-פאַרברעכער, וועלכע זענען באַגאַנגען זייערע פאַרברעכנס קעגן דער מענטשהייט אויף דער טעריטאָריע פון ראַטנפאַרבאַנד, ווי גענעראַל גודעריאַן, פעלדמאַרשאַל רונדשטעט, פעלדמאַרשאַל מאַנשטיין און פיל אַנדערע. די ענגלישע צייטונג „עקאָנאָמיסט" האָט דעמאָלט ציניש פעסטגעשטעלט, אַז דאָס „אַרויסגעבן מאַנשטיינען איז נישט צוועקמעסיק פון פּאָליטישן שטאַנדפּונקט". די אַמעריקאַנער אָקופּאַציע-מאַכט אין דייטשלאַנד האָט צווישן אַנדערן אָפּגעזאָגט אַרויסצוגעבן טשעכאָסלאָוואַקיע אַרום 150 מלחמה-פאַרברעכער [6].

אין אָנהייב פון 1948 יאָר האָט די ענגליש-אַמעריקאַנער אָקופּאַציע-מאַכט אָנגעהויבן צו באַפרייען פון די אינטערנירונגס-לאַגערן וואָס אַמאָל אַלץ אַ גרעסערע צאָל היטלעריסטישע פאַרברעכער. גלייכצייטיק זענען באַפרייט געוואָרן „אויפן ערן-וואָרט" ביזן פּראָצעס אַ גאַנצע ריי באַוווסטע פאַשיסטישע פאַרברעכער [7].

אינגיכן, נאָכן שאַפן די סעפּעראַטיסטישע מערב-דייטשישע מלוכה, איז די ענגליש-אַמעריקאַנער אָקופּאַציע-מאַכט צוגעטראָטן שוין אינגאַנצן אָפן — מיטן

---

[4] דאָקומענטן וועגן דער פיינטלעכער טעטיקייט, ז. 25.

[5] דאָרט, ז. 29—30.

[6] דער נירענבערגער פּראָצעס (רוסיש), ב. 1, ז. XI--XIII.

[7] „פּשעגלאָנד זאַכאָדני" פון 1948 י., נומ. 4, ז. 438.

ציל צו פאַרסירן די רעמיליטאַריזאַציע פון מערב-דייטשלאַנד — צו אַ ברייטער אַקציע פון באַפרייען די מלחמה-פאַרברעכער. אין דעצעמבער 1949 יאָר זענען פון דער לאַנדסבערגער תפיסה פאַרן טערמין באַפרייט געוואָרן 60 היטלעריסטישע פאַרברעכער, וועלכע זענען פאַרמשפט געוואָרן דורכן אַליאַנטישן מיליטערישן טריבונאַל אין נירענבערג.[8] מען דאַרף אונטערשטרייכן, אַז דער „באַגנאַדיקונגס-אַקט" לגבי די היטלעריסטישע קריגס-פאַרברעכער האָט געהאַט אַ דירעקטע שייכות מיטן צוטרעטן פון דער רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן צו דער גרויסער ווירטשאַפטלעכער און מיליטערישער מאָביליזאַציע.

אין עטלעכע חדשים שפּעטער זענען באַפרייט געוואָרן 8 פון די גרעסטע קריגס-פאַרברעכער, וואָס זענען פאַרמשפט געוואָרן אויף לאַנגיאָריקע תפיסה-שטראָפן. דאָס זענען געווען: פריץ פרידריך פליק, דער באַקאַנטער שטאָל-אינדוסטריעלער, פריץ טערמער פון אי. ג. פאַרבען, היינריך לעהמאַן פון קרופּס קאָנצערן, ק. ראַשע פון דער דרעזדענער באַנק, וואַלטער דאַררע, ד"ר אָטטאָ דיטריך, שעף פון געבעלסעס פרעסע, קורט ראָטהער און רודאָלף לעהמאַן. די סאָציאַליסטישע איינהייטס-פּאַרטיי פון דייטשלאַנד (ס.ע.ד) איז דעם 24-טן אויגוסט 1950 אַרויסגעטראָטן מיט אַ קאַטעגאָרישן פּראָטעסט קעגן באַפרייען די פאַרברעכער, וועלכע האָבן מיט זייער ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט און פינאַנציעלער הילף אויסגעפּלאַסטערט היטלערן דעם וועג צו דער מאַכט און שפּעטער אַלזייטיק אונטערגעשטיצט דעם בלוטיקן היטלעריסטישן רעזשים.

אין סוף פון יאַנואַר 1951 יאָר האָט זיך אָנגעהויבן די ווייטערדיקע ברייטע אַקציע פון באַפרייען היטלעריסטישע קריגס-פאַרברעכער. מען האָט דעמלט אַנולירט 10 פון די 15 נאָך נישט אויסגעפירטע טויט-אורטיילן און זיי פאַרביטן אויף תפיסה-שטראָפן, מען האָט באַדייטנדיק פאַרקלענערט די שטראָפן פון 36 פאַשיסטישע פאַרברעכער, וואָס זענען פאַרמשפט געוואָרן אויף לאַנגיאָריקער תפיסה, און 32 קריגס-פאַרברעכער זענען באַלד אַרויסגעלאָזט געוואָרן אויף דער פריי. צווישן די באַפרייטע האָבן זיך געפונען מיטגלידער פון עם שטאַב פון דער היטלעריסטישער וועהרמאַכט, גענעראַלן, מלוכה- און פּאַרטיי-פונקציאָנערן, מיטגלידער פון דער עס-עס-אָנפירונג, פון אַמט פאַר ראַסן-ענינים, פאַר קאָנצענטראַציע-לאַגערן, ווי אויך אינדוסטריעלער א. א.[9] די פרעסע האָט דעמלט געמאָלדן, אַז אינגיכן וועלן באַפרייט ווערן פון די תפיסות אין לאַנדסבערג און ווערל ווייטערדיקע 865 פאַרברעכער.[10]

אין די יאָרן 1951—1953 האָט די ענגליש-אַמעריקאַנער אָקופּאַציע-מאַכט, אין רעזולטאַט פון די כסדרדיקע, עקשנותדיקע און ענערגישע באַמיונגען פון דער

[8] דאָס ווייסע בוך פון 1951 י., ז. 236.
[9] דאָרט, ז. 236—239. רשימה פון די באַפרייטע היטלעריסטישע פאַרברעכער.
[10] „טריבונאַ לודו" פון 21.I.1951 י.

באָנער קליקע, באַפרייט ווייטערדיקע טויזנטער היטלעריסטישע פאַרברעכער. אין פרילינג 1952 יאָר האָט די אַמעריקאַנער אָקופּאַציע=מאַכט אין דער טריזאָניע באַשלאָסן ענדגילטיק פאַרענדיקן מיט דער דענאַציפיקאַציע=קאָמעדיע און באַפרייען די שוין נישט גרויסע צאָל פאַרבליבענע היטלעריסטישע פאַרברעכער. צוליב דעם צוועק האָט זי טאַקע אָפּגעשאַפט א גאַנצע ריי געזעצן, וואָס זענען ארויסגעגעבן געוואָרן נאָך דער מלחמה, צווישן אַנדערן דאָס געזעץ נומ. 2 פון 10=טן אָקטאָבער 1945 יאָר אויפן סמך פון וועלכן עס זענען פאַנאַנדערגעלאָזט געוואָרן די פאַרברעכערישע אָרגאַניזאַציעס: ס.ס., ס.אַ., ס.ד., און די געסטאַפּאָ מיט זייערע אַלע אינסטיטוציעס און שטאבן.[11]

אין דער זעלבער צייט, אין שייכות מיט די צוגרייטונגען צום שליסן דעם באָנער אָפּמאַך, האָבן די דייטשישע אימפּעריאַליסטן געפאָדערט פון דער ענגליש=אַמעריקאַנער אָקופּאַציע=מאַכט תיכף צו באַפרייען פון די מיליטערישע תפיסות די רעשט עסעס=לייט און אַנדערע ספּעציאַליסטן, וואָס קאָנען צונוצקומען ביים ווידעראויפבויען די ווערמאַכט, די באַוואָפענונגס=אינדוסטריע א. א. וו. אין נאָמען פון די היטלעריסטישע מיליטערישע קרייזן איז אין מערץ 1952 יאָר אַרויסגעטראָטן דער עסעס=גענעראַל בערנאַרד ראַמקע, וועלכער האָט געפאָדערט א „גענעראַלע אַמנעסטיע“[12]. די פאָדערונג פון גענעראַל ראַמקע איז אונטערגעשטיצט געוואָרן דורך דער גאַנצער מערב=דייטשישער רעאַקציאָנערער פרעסע. די פּאָסטולאַטן פון די מערב=דייטשישע רעוואַנזשיסטן זענען פולקאָם באַריקזיכטיקט געוואָרן אין דעם באָנער אָפּמאַך, וואָס האָט פאָרגעזען צו שאַפן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פאַרן דורכפירן אַן אַלגעמיינע אַמנעסטיע. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז דער פירער פון דער רעאַקציאָנערער פּאַרטיי אין טריזאָניע פ.ד.פּ. (פרייע דעמאָקראַטישע פּאַרטיי) מענדע האָט בעת זיין אַרויסטריט אין בונדעסטאַג דערקלערט, אַז זיין פּאַרטיי וועט נישט שטימען פאַר ראַטיפיצירן דעם באָנער אָפּמאַך, אויב עס וועלן נישט פריער אַרויסגעלאָזט ווערן אויף דער פריי די היטלעריסטישע קריגס=פאַרברעכער. אינגיכן האָט אַדענאַוער — אין פאַרשטענדיקונג מיט דעם אַמעריקאַנער הויך=קאָמיסאַר — באַאויפטראַגט מענדען צונויפצושטעלן אַ ליסטע פון היטלעריסטישע פאַרברעכער, וועלכע דאַרפן אין דער ערשטער ריי באַפרייט ווערן און געפינען זיך אין די תפיסות אין לאַנדסבערג, ווערל, וויטליך, ווי אויך אין די תפיסות פון אַנדערע לענדער[13].

זינט דער אַנטשטייונג פון דער באָנער מאַריאָנעטן=מלוכה ביז האַרבסט 1952 יאָר זענען באַפרייט געוואָרן אַ היפשע צאָל קריגס=פאַרברעכער. אין דער העלפט

[11] בריוו פון מאַק קלייען צו אַדענאַוערן פון 1952.V.23 י. „דאָס ווייסע בוך וועגן אַלגעמיין=מיליטערישן אָפּמאַך“ (דייטש.), בערלין 1952 י., ז. 119.

[12] „די וועלט“ פון 1952.III.10.

[13] דאָס ווייסע בוך פון 1952 י., ז. 127.

פון אָקטאָבער 1952 יאָר האָט אַדענאַוער דערקלערט אין בונדעסטאַג, אַז אין פעריאָד פון 1=טן אַפּריל 1950 יאָר ביז דעם 13=טן סעפּטעמבער 1952 יאָר זענען פון דער אַלגעמיינער צאָל 3649 אַרעסטירטע קריגס=פאַרברעכער שוין אַרויסגעלאָזט געוואָרן אויף דער פריי 2632 [14]. די האַמבורגער צייטונג „די וועלט“ האָט מיטגעטיילט, אַז פון דעם מאָמענט זינט עס איז אונטערגעשריבן געוואָרן דער באָנער אָפּמאַך ביז דער העלפט סעפּטעמבער 1952 זענען באַפרייט געוואָרן אַזש 130 פאַרברעכער [15]. די דאָזיקע אינפאָרמאַציעס האָט באַשטעטיקט דער באָנער שטאַטס=סעקרעטאַר האַלשטיין, וועלכער האָט דערקלערט, אַז ביז דעם 18=טן אָקטאָבער 1952 יאָר זענען צוזאַמען אַרויסגעלאָזט געוואָרן אויף דער פריי 2655 פאַרברעכער און אין אַלע דריי אָקופּאַציע=סטרעפעס געפינען זיך נאָך אין די תפיסות קוים 994 פאַרברעכער. האַלשטיין האָט דערביי אונטערגעשטראָכן, אַז די צוגרייטונגען צו באַפרייען די ווייטערדיקע פאַרטיע אַרעסטירטע זענען אין גאַנג [16].

אין די ווייטערדיקע חדשים פון 1952 יאָר און אין משך פון 1953 יאָר זענען ווידער באַפרייט געוואָרן באַוווסטע היטלעריסטישע קריגס=פאַרברעכער, וועלכע זענען בשעתם דורך די טריבונאַלן פון די מערב=גרויסמאַכטן פאַרמשפט געוואָרן צום טויט, צו אייביקער אָדער לאַנגיאָריקער תפיסה. די א.ד.ג.=אַגענטור האָט סוף דעצעמבער 1953 יאָר מיטגעטיילט, אַז די אָקופּאַציע=מאַכט פון מערב=דייטשלאַנד האָט לעצטנס באַפרייט 112 קריגס=פאַרברעכער [17]. מען האָט אַפילו אין דער צייט באַפרייט די פעלקער=מערדער, וועלכע די ענגליש=אַמעריקאַנער אָקופּאַציע=מאַכט האָט זיך נישט דערלויבט צו באַפרייען אין די ערשטע נאָכמלחמה=יאָרן, מורא האָבנדיק פאַר דעם פּראָטעסט פון דער עפנטלעכער מיינונג (צ. ב. מאַנשטיין א א.). די מאַסן=באַפרייונג פון די היטלעריסטישע מערדער אין דער צייט איז געווען ענג געבונדן מיטן צוטרעטן טאַקע אין דעם פעריאָד צום ווייטערדיקן עטאַפּ פון רעמיליטאַריזירן מערב=דייטשלאַנד.

עס איז אוממעגלעך אויסצורעכענען אַלע געמשפּטע און פאַראורטיילטע און שפּעטער אַמנעסטירטע אָדער בכלל נישט געמשפּטע היטלעריסטישע גענעראַלן, וועלכע געפינען זיך איצט אויף דער פריי און נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל ביים רעמיליטאַריזירן מערב=דייטשלאַנד.

[14] „דער טאַגעסשפּיגעל“ פון 1952.X.22 י., „פראַנקפורטער אַלגעמיינע“ פון 10.15. 1952.

[15] „די וועלט“ פון 1952.IX.18 י.

[16] „די נויע צייטונג“ פון 1952.X.22 י. (מערב=בערלין), „דער טאַגעסשפּיגעל“ פון 1952.X.22 י., „פראַנקפורטער אַלגעמיינע“ פון 1952.X.15 י.

[17] „טריבונאַ לודו“ פון 1953.XII.25 י.

עס איז כדאַי אונטערצושטרייכן, אַז אויסער די פריער דערמאָנטע געפינען זיך אויף דער פריי — ווי עס טיילט מיט די מערב-דייטשישע פּרעסע — אַרום 60 טויזנט היטלעריסטישע קריגס-פאַרברעכער, וועלכע באַהאַלטן זיך נאָך אַלץ אוים אונטער פאַלשע נעמען, מורא האָבנדיק געמשפּט צו ווערן פאַר די באַגאַנגענע בעת דער מלחמה פאַרברעכנס קעגן דער מענטשהייט. די באָנער רעגירונג, שטרעבנדיק צו באַנוצן זיך מיט זיי ביים רעמיליטאַריזירן מערב-דייטשלאַנד, גרייט שוין צו זינט אַ געוויסער צייט אַ געזעץ וועגן אַן אַלגעמיינער אַמנעסטיע[18].

כדי צו אילוסטרירן די גאַנצע צביעות און פאַלשקייט פון דער ענגליש-אַמעריקאַנער דענאַציפיקאַציע-פּאָליטיק אין מערב-דייטשלאַנד, איז גענוג, מיינען מיר, צו געבן אויפן פּאָן פון זייערע בלוטיקע מעשים די סילועטקעס כאָטשבי פון עטלעכע צענדליק גענעראַלן און העכערע אָפיצירן פון דער ווערמאַכט, וועלכע געפינען זיך איצט אויף דער פריי און שטעלן מיט זיך פאָר דעם קערן פון דער נעאָהיטלעריסטישער ווערמאַכט.

ע ר י ך פ אָ ן מ אַ נ ש ט י י ן - ל ע וו י נ ס ק י, פעלדמאַרשאַל, הינ-דענבורגס שוועסטערן-זון, געוועזענער מיטגליד פון היטלעריסטישן גענעראַל-שטאַב ביז 1939 יאָר, אין וועלכן ער האָט פּראָפּאַגירט די דאָקטרין פון אַ בליץ-קריג פאַרבונדן מיט דעם טאָטאַלן אומקום און אויסראָטונג פון דער באַפעלקערונג אין די אָקופּירטע לענדער[19]. בעת דער אַגרעסיע אויפן ראַטנפאַרבאַנד, איז מאַנשטיין געווען דער הויפּט-קאָמאַנדיר פון דער XI אַרמיי, און אַלס אַזעלכער האָט ער דעם 23-טן דעצעמבער 1941 יאָר אַרויסגעגעבן דעם באַוווסטן באַפעל וועגן „פאַר-ברענטער ערד“.[20] אויף זיין באַפעל זענען אין סימפעראָפּאָל אין דער צייט פון 5-טן ביזן 15-טן נאָוועמבער 1941 יאָר אויסגעמאָרדעט געוואָרן 11 טויזנט יידן. אין יאַנואַר 1942 יאָר זענען אין יעפּאַטאָריע (קרים) דערשאָסן געוואָרן 1300 סאָוועטישע געפאַנגענע, צו דעם פאַרברעכן האָט ער זיך אַליין מודה געווען אויפן אינטערנאַציאָנאַלן פּראָצעס אין נירנבערג. ווי עס דרינגט אַרויס פון די דאָקומענטן, וועלכע זענען פאָרגעשטעלט געוואָרן אויפן פּראָצעס, האָט מאַנשטיין אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו באַנוצן סאָוועטישע קינדער ביים אויסמינירן די בייפראָנטיקע און פראָנט-ליניע. מאַנשטיין איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער מאַסן-דעפּאָרטאַציע פון דער ציווילער באַפעלקערונג קיין דייטשלאַנד אויף צוואַנגס-אַרבעט און פאַר דערשיסן די ערובניקעס.

אין רעזולטאַט פון מאַנשטיינס באַפעל וועגן „פאַרברענטער ערד“ האָט די אָפּטרעטנדיקע היטלעריסטישע אַרמיי פאַרניכטעט 1700 שטעט און 7000 דער-

[18] „טריבונאַ לודו“ פון 8.I.1954 י.
[19] מיעלניקאָוו און טשאַרנאַיאַ: די היטלעריסטישע גענעראַלן, ז. 15.
[20] די „הימאַניטע“ פון 8.V.1953 י.

פער. מאַנשטיין האָט ענג צוזאַמענגעאַרבעט מיט די עסעסישע איינזאַץ־גרופּן, וועלכע האָבן אין דעם טעטיקייטס־געביט פון זיין אַרמיי דערשאָסן הונדערטער טויזנטער מענטשן פון דער ציווילער באַפעלקערונג, דערין צענדליקער טויזנטער יידן.

אין ליכט פון אַ גרעסערער צאָל פאַרבליבענע דאָקומענטן ווייזט זיך מאַנשטיין אַרויס אַלס איינער פון די עקלהאַפטסטע היטלעריסטישע פעלקערמערדער. ער האָט באַרויבט די פּוילישע שטעט און דערפער, חרוב געמאַכט קיעוו, מאַסנהאַפט פאַרטיליקט די ציווילע באַפעלקערונג, פאַרוויסט און פאַרברענט די אָקופּירטע לענדער [21].

אין דעצעמבער 1949 יאָר איז מאַנשטיין פאַר זיינע בלוטיקע פאַרברעכנס געמשפּט געוואָרן דורכן בריטישן געריכט אין האַמבורג [22]. נאָך פאַרן פּראָצעס איז אין די לענדער פון מערב־אייראָפּע און אַמעריקע פאַנאַנדערגעוויקלט געוואָרן אַ ברייטע קאַמפּאַניע פאַר „רעהאַביליטירן" מאַנשטיינען. די אימפּעריאַליסטישע ענגליש־אַמעריקאַנער קרייזן, שטרעבנדיק זיך צו באַנוצן מיט די היטלעריסטישע גענעראַלן ביים אויפשטעלן די ווערמאַכט, האָבן זיך באַמיט צו דערוויזן די אומשולד פון מאַנשטיינען. טשערטשיל אַליין איז צוגעשטאַנען צו דער אַקציע, שענקענדיק 25 פונט שטערלינג פאַר זיין פאַרטיידיקונג, און דער אַדוואָקאַט פּאַגעט, מיטגליד פון דער לייבאָר־פּאַרטיי, האָט זיך אונטערגענומען צו פאַרטיידיקן מאַנשטיינען פאַרן געריכט [23]. אָבער צוליב די אומבאַשטרייטבאַרע צעשמעטערנדיקע פאַקטישע באַווייזן איז אַפילו דער ענגלישער טריבונאַל געצוווּנגען געווען צו פאַראורטיילן מאַנשטיינען אויף 18 יאָר תּפיסה. אינגיכן האָט מען אים פאַרקלענערט דעם אורטייל אויף 12 יאָר. אין אויגוסט 1952 יאָר האָט די בריטישע מאַכט אַרויסגעלאָזט מאַנשטיינען אויף אַ „געזונטהייטס־אורלויב" אויף „ערנוואָרט" און זינט דער צייט געפינט ער זיך אין שלאָס אַלמענדיגען (ווירטענבערג). דעם 7־טן מאַי 1953 יאָר איז ער אינגאַנצן באַפרייט געוואָרן [24].

מען דאַרף דערמאָנען, אַז די ענגליש־אַמעריקאַנער מאַכט האָט אָפּגעזאָגט די רעגירונגען פון ראַטנפאַרבאַנד און פּוילן אַרויסצוגעבן מאַנשטיינען, וואָס האָבן געפאָדערט, מען זאָל אים משפּטן אין די לענדער, ווו ער איז באַגאַנגען זיינע פעלקערמערדערישע פאַרברעכנס.

---

[21] „מאַנד זשואיף" (פּאַריז) נומ. 22—23, שעניץ: היטלער און זיינע גענעראַלן, ז. 148, „דאָס נייע לעבן", וואַרשע פון 5.IX.1949.

[22] „דער טאַגעסשפּיגעל" פון 8.V.1953 י.

[23] די היטלעריסטישע גענעראַלן, ז. 14; ראַמאַשקין: די קריגס־פאַרברעכנס פון אימפּעריאַליזם (רוסיש), 308.

[24] די „הימאַניטע" פון 8.V.1953 י. און דייטשישער סאָלדאַטן־קאַלענדאַר („דויטשער זאָלדאַטען קאַלענדאַר") פון 1954 י., ז. 51.

ווילהעלם ליסט, פעלדמאַרשאַל, האָט אָנטיילגענומען אין דעם אָנפאַל אויף נאָרוועגיע, ראַטנפאַרבאַנד און די באַלקאַנישע מלוכות. בעת דער אַגרעסיע אויפן ראַטנפאַרבאַנד איז ער געווען דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער מיליטערישער גרופּע „א“, וועלכע האָט געהאַט איר הויפּט־קוואַרטיר אין פּאָלטאַווע און סטאַלינאָ. אויף זיין באַפעל האָבן זיינע מיליטערישע אָפּטיילונגען דורכגעפירט מאַסן־פאַרברעכנס: זיי האָבן דערשאָסן הונדערטער טויזנטער מענטשן, פאַרניכטעט און צעראַבירט הונדערטער שטעט און דערפער, ספּעציעל דורכגעפירט מאַסן־צעשיסונגען פון יידן און ציגיינער. בשעת דער באַלקאַנער קאַמפּאַניע, האָט ליסט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו דערשיסן 100 סערבן פאַר איין דערמאָרדעטן היטלעריסט. זיין אַרמיי האָט ענג צוזאַמענגעאַרבעט מיט די עסעסישע איינזאַץ־גרופּן, וועלכע האָבן אין בייפראָנטיקן הינטערלאַנד פון דער היטלעריסטישער אַרמיי בלוטיק אויסגעמאָרדעט די ציווילע באַפעלקערונג.

פאַר די באַגאַנגענע פאַרברעכנס איז ליסט אין 1948 יאָר געמשפּט געוואָרן אויף דעם אַזויגערופענעם פּראָצעס פון די דרום־מזרח־גענעראַלן און פאַראורטיילט געוואָרן אויף 20 יאָר תפיסה[25]. אין דער העלפט מאַי 1953 יאָר איז ער אַרויסגעלאָזט געוואָרן אויף דער פריי[26].

אַלעקסאַנדער פאָן פאַלקענהאַוזען, גענעראַל. שוין בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געווען קאָמאַנדיר פון דער דייטשישער אָקופּאַציע־אַרמיי אין בעלגיע און אין צפון־פראַנקרייך. נאָך דעם 1918 יאָר האָט ער אויפן געביט פון סאַאַר־באַסיין אָרגאַניזירט סאַבאָטאַזש־אַקטן און דיווערסיעס קעגן דער פראַנצויזישער מאַכט. אין 1933 יאָר פאַרנעמט ער ווידער אַ הויכן אמט אין דער אויפסניי געשאַפענער דייטשישער אַרמיי. אין דער צייט פון 1933 ביז 1938 יאָר איז ער אַמבאַסאַדאָר אין כינע און גלייכצייטיק מיליטערישער ראַטגעבער ביי טשאַנג קאַי שעק[27]. פון 1941 יאָר איז ער ווידער קאָמאַנדיר פון דעם היטלעריסטישן אָקופּאַציע־מיליטער אין בעלגיע און אין צפון־פראַנקרייך. פאַלקענהאַוזען איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעפּאָרטירן און אומברענגען אין אָשוויענטשים 40 טויזנט בעלגישע בירגער, דערין 26 טויזנט יידן[28]. אויף פאַלקענהאַוזענס באַפעל זענען מאַסנהאַפט דערשאָסן געוואָרן בעלגישע פּאַטריאָטן, מיטגלידער פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. ער איז אויך פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן דערשיסן 240 ערובניקעס.

---

25 „פּזשעגלאָנד זאַכאָדני“ פון 1948 י. נומ. 4, ז. 434.

26 ד. ס. ק. פון 1954 י., ז. 51.

27 שעניק: היטלער און זיינע גענעראַלן, ז. 143.

28 „מאָנד זשואיף“ (פּאַריז) נומ. 7 (דאָקומענטן וועגן דער פאַרברעכערישער טעטיקייט פון פאַלקענהויזענען).

דער פּראָצעס אין בעלגישן מיליטערישן טריבונאַל קעגן פאַלקענהאַוזענען און זיינע מיטהעלפער, צווישן וועלכע עס זענען געווען אויך באַקאַנטע קאָלאַבאָראַציאָניסטן, האָט זיך געצויגן אין 1950—1951 אין משך פון 4 חדשים ביי אַ גרויסער פאַראינטערעסירונג פון גאַנצן בעלגישן פאָלק. צוליב דער וואָגיקייט פון די דאָקומענטן און דערקלערונגען פון עדות — דירעקטע קרבנות פון פאַלקענהאַוזענס פאַרברעכנס — איז דער בעלגישער פּראָקוראָר געצוווּנגען געווען צו פאָדערן פאַר אים 20 יאָר תפיסה. דער טריבונאַל האָט אים בלויז פאַרמשפּט אויף 12 יאָר. שוין אין עטלעכע וואָכן נאָכן אורטייל האָט די בעלגישע מאַכט אונטערן דרוק פון אירע ענגליש-אַמעריקאַנער פּראָטעקטאָרן אַרויסגעלאָזט פאַלקענהאַוזענען אויף דער פרייער צוזאַמען מיט נאָך צוויי דייטשישע גענעראַלן[29].

ביי דער געלעגנהייט איז כדאַי צו דערמאָנען, אַז אין דער צייט, ווען פאַלקענהאַוזען האָט זיך נאָך געפונען אין תפיסה, האָט זיך טשאַנג קאַי שעק געווענדעט צו דער אַמעריקאַנער אָקופּאַציע-מאַכט מיט דער ביטע צוצוטיילן אים פאַלקענהאַוזענען אַלס מיליטערישן ראַטגעבער.

עס איז אויך כדאַי צו דערמאָנען, אַז דער פירער פון די דייטשישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן קורט שומאַכער האָט דערקלערט, — אין שייכות מיטן פאַרמשפּטן פאַלקענהאַוזענען דורכן בעלגישן געריכט — אַז „די, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן דעם אורטייל אויפן גענעראַל פאַלקענהאַוזען, האָבן נישט קיין שום פאַרשטענדעניש פאַר הומאַניטאַריזם און פּאָליטיק“[30].

פאַלקענהאַוזען שפּילט ווידער איצט אין מערב-דייטשלאַנד אַלץ אַ גרעסערע ראָל צווישן דער גרופּע היטלעריסטישע גענעראַלן, וועלכע רעסטאַווּרירן די ווערמאַכט. אויף איינער פון די פאַרזאַמלונגען פון די געוועזענע גענעראַלן האָט ער דערקלערט, אַז „מערב-דייטשלאַנד וועט איינגיכן זיין דאָס איינציקע לאַנד אין אייראָפּע, וועלכעס וועט פאַרמאָגן אַ מעכטיקן מיליטערישן כוח. עס וועט אינגיכן ווערן דער אַרסענאַל פון מערב-אייראָפּע, ווייל אַזוי ווינטשן זיך די אַמעריקאַנער, האַלטנדיק די געוועזענע קאַדרען פון היטלעריסטישן גענעראַל-שטאַב פאַר בעסערע, ווי די קאַדרען פון אַנדערע מערב-לענדער“.[31]

אין יולי 1951 יאָר, באַלד נאָכן אומקערן זיך פון בעלגיע, האָט פאַלקענהאַוזען אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג מיט אַדענאַווערן, וואָס איז געווען געווידמעט דער-

---

[29] „מאָנד זשואיף“ (פּאַריז) נום. 61, „נייע פּרעסע“ פון 1951.I.29 י. פאַרלאָזנדיק בעלגיע, האָט פאַלקענהויזען ציניש דערקלערט: „אומדאַנקבאַרע בעלגיע, דו וועסט נישט האָבן מיינע ביינער“.

[30] „נייע פּרעסע“ פון 1951.III.15 י.

[31] „נייע פּרעסע“ פון 1952.X.8 י.

רעמיליטאַריזאַציע פון מערב־דייטשלאַנד. אין דער באַראַטונג האָבן אויך אָנטיילגענומען אַנדערע היטלעריסטישע גענעראַלן [32].

גענעראַל עגגערט רעדער, שעף פון דער מיליטערישער אַדמיניסטראַציע אין אָקופּירטן בעלגיע, נאָענטסטער מיטאַרבעטער פון גען. פאַלקענהאַוזען, מיטפאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער דעפּאָרטאַציע און אומקום פון בעלגיער און בעלגישע יידן. בעת דעם געמיינזאַמען פּראָצעס מיט פאַלקענהאַוזען איז רעדער פאַר צעשיסן ערובניקעס און בעלגישע פּאַטריאָטן פאַרמשפּט געוואָרן דורכן בעלגישן טריבונאַל אין מערץ 1951 אויף 12 יאָר תפיסה. אָבער שוין אין עטלעכע חדשים אַרום איז ער אַרויסגעלאָזט געוואָרן אויף דער פריי [33].

גען. בערטראַם, קאָמאַנדיר פון דייטשישן אָקופּאַציע־מיליטער אין ליעזשער ראַיאָן (בעלגיע), מיטפאַראַנטוואָרטלעכער צוזאַמען מיט פאַלקענהאַוזען און רעדערן פאַר די באַגאַנגענע פאַרברעכנס קעגן דער מענטשהייט. אין מערץ 1951 יאָר איז ער דורכן בעלגישן טריבונאַל פאַרמשפּט געוואָרן אויף 12 יאָר תפיסה, אָבער אינגיכן איז ער באַפרייט געוואָרן און האָט זיך אומגעקערט קיין מערב־דייטשלאַנד [34].

גען. עבערהארד פאָן מאקענזען, קאָמאנדיר פון דער XIV אַרמיי אין איטאַליע. אין מערץ 1944 יאָר, נאָך דער שלאַכט צווישן די איטאַליענישע פּאַרטיזאַנער מיט די אָפּטיילונגען פון דער היטלערישער פּאָליציי, זענען לויט מאַקענזענס באַפעל פאַר יעדן דערהרגעטן פאַשיסטישן זשאָלדאַק דערשאָסן געוואָרן 10 איטאַליענישע פּאַטריאָטן. אויף אַזאַ אופן זענען דערמאָרדעט געוואָרן עטלעכע הונדערט איטאַליענער. פאַר די באַגאַנגענע פאַרברעכנס איז מאַקענזען אין דעצעמבער 1946 יאָר דורך דעם ענגלישן טריבונאַל פאַרמשפּט געוואָרן צו טויט־שטראָף. אינגיכן האָט מען אים דעם טויט־אורטייל פאַרביטן אויף לעבנסלענגלעכער תפיסה.

דעם 2־טן אָקטאָבער 1952 יאָר ווערט מאַקענזען, פונקט ווי זיין שעף קעסעלרינג, אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי [35].

גען. ניקאָלאַוס פאָן פאַלקענהאָרסט, אָנפירער פון דער ווערמאַכט אין אָקופּירטן נאָרוועגיע. אויף דעם דאָזיקן אַמט באַגייט ער אַ גאַנצע ריי פאַרברעכנס לגבי דעם נאָרוועגישן פאָלק; ער איז אויך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער דעפּאָרטאַציע און פאַרטיליקונג פון די נאָרוועגישע יידן. פאַר זיינע פעלקער־מערדערישע פאַרברעכנס איז ער דורכן בריטישן טריבונאַל אין 1946 יאָר פאַר־

---

[32] „טריבונאַ לודו“ פון 1951.VII.14 י., „נייע פּרעסע“ פון 1951.VII.10 י.

[33] „מאָנד זשואיף“ נומ. 61, „טריבונאַ לודו“ פון 1952.VIII.7 י.

[34] דאָרט.

[35] „פראַנקפורטער אַלגעמיינע צייטונג“ פון 1952.X.3 י., „דויטשישער סאָלדאַטן־קאַלענדאַר“ פון 1954 י., ז. 51.

משפּט געוואָרן צו טויט=שטראָף. דעם 13=טן יולי 1953 יאָר ווערט ער פון דער וועלער תּפיסה אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי.[36]

גענ. אָטטאָ וועהלער, געוו. שעף פון שטאַב פון מאַנשטיינס 9=טער אַרמיי, וואָס האָט געבושעוועט אין 1941 יאָר אויף קרים. וועהלער האָט ענג צוזאמענגעאַרבעט מיט אָלענדאָרפס עסעסישע אייזאַץ=גרופּן, און אַלס אַזעלכער האָט ער אָנטיילגענומען אין אויסמאָרדן הונדערטער טויזנטער געפאַנגענע און פון דער ציווילער באַפעלקערונג. וועהלער איז באַזונדערס פאַראַנטוואָרטלעך פאַר בעסטיאַליש דערמאָרדן טויזנטער קרימער יידן. אין אָקטאָבער 1948 יאָר האָט דער נירענבערגער טריבונאַל אין פּראָצעס נומ. 12 (מיטגלידער פון דער ווער=מאַכט=אָנפירונג, א.ק.וו.) אים פאַרמשפּט אויף 8 יאָר תּפיסה. אין אָנהייב נאָוועמבער 1950 יאָר האָט זיך דער בלוטיקער פאַרברעכער געפונען אויף דער פריי [37].

גענ. פאָן כאָלטיץ, היטלעריסטישער מיליטערישער קאָמענדאַנט אין פּאַריז. כאָלטיץ האָט אין הסכּם מיט דעם דערהאַלטענעם באַפעל פון 22=טן אויגוסט 1944 יאָר פון דער הויפּט=קוואַרטיר פון גענ. שפּיידעל אין קאמבראַי געדאַרפט „פאַרוואַנדלען פּאַריז אין רואינען“. די פראַנצויזישע ווידערשטאַנד=באַוועגונג האָט, צואיילנדיק דעם אויסברוך פון דעם פאָלקס=אויפשטאַנד אין פּאַריז, גע=קרייצט די פאַרברעכערישע פּלענער פון כאָלטיצן. איצט געפינט ער זיך שוין אויף דער פריי אין מערב=דייטשלאַנד [38].

גענ. גאַלענקאמפף פאַר דערשיסן אַליאַנטישע געפאַנגענע און ספּעציעל ענגלישע פאַראַשוטיסטן איז ער דורכן בריטישן טריבונאַל (אין אַפּריל 1947 יאָר) פאַרמשפּט געוואָרן צו טויט=שטראָף. אינגיכן האָט מען אים דעם טויט=אורטייל פאַרביטן אויף 10 יאָר תּפיסה און אין דער העלפט פעברואַר 1952 יאָר ווערט ער צוזאַמען מיט נאָך 10 אַנדערע גענעראַלן פון דער ווערמאַכט באַפרייט פון דער תּפיסה אין ווערל [39].

גענ. קורט מייער. פאַר בעסטיאַליש דערמאָרדן 150 קאַנאַדער קריגס=געפאַנגענע איז ער דורכן קאַנאַדער טריבונאַל פאַרמשפּט געוואָרן צו טויט=שטראָף. דעם אורטייל האָט מען אים אינגיכן פאַרביטן אויף לעבנסלענגלעכער תּפיסה, און אין סוף פון 1931 יאָר איז ער באַפרייט געוואָרן און האָט זיך אומ=

[36] La pérsécution des Juifs en France et dans les autres pays de l'ouest, Paryż 1947, str. 243. „Manchester Guardian“ z 14.VII.1953 r. Deutscher Soldaten Kalender 1954 r.

[37] „טריבונאַ לודו“ פון 8.XI.1950 י.

[38] Н. И. Годунов: Борьба французского народа против гитлеровских окупантов и их сообщников. Москва, 1953. Стр. 131, 150.

„נייע=פּרעסע“ 22.VIII.1953.

[39] „פראַנקפורטער אַלגעמיינע צייטונג“ פון 27.II.1951 י.

געקערט קיין דייטשלאַנד. אין שייכות מיט באַפרייען מייערן זענען אין קאַנאַדע פאָרגעקומען אַ סך מיטינגען און דעמאָנסטראַציעס, אויף וועלכע — ווי עס טיילט מיט די טאָראָנטער פרעסע — די באַפעלקערונג האָט שאַרף פּראָטעסטירט קעגן זיין באַפרייונג און געפאָדערט אים נאָכאַמאָל צו פאַרשפאַרן אין תפיסה[40].

גען. הערמאַן פאָן האַנעקען, געוו. הויפּט־קאָמאַנדיר פון היטלעריסטישן מיליטער אין אָקופּירטן דענעמאַרק. ער איז באַגאַנגען פעלקער־מערדערישע פאַרברעכנס לגבי דעם דענישן פאָלק. ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן דעפּאָרטירן די דענישע יידן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער פון טערעזין. פאַר זיינע באַגאַנגענע פאַרברעכנס האָט אים דאָס מיליטערישע געריכט אין קאָפּענהאַגען אין 1948 יאָר פאַרמשפּט אויף 8 יאָר תפיסה. שוין אין אויגוסט 1951 יאָר איז האַנעקען פולשטענדיק באַפרייט געוואָרן.[41]

גען. געאָרג־האַנס ריינהאַרד, קאָמאַנדיר פון דער III פּאַנצער־אַרמיי אויפן מזרח־פראָנט (הערעסגרופּע מיטע) אין די יאָרן 1941—1942. אויף זיין באַפעל זענען פאַרברענט געוואָרן אַ סך שטעט און דערפער, באַרויבט און געמאָרדעט געוואָרן די ציווילע באַפעלקערונג, אַרויסגעפירט געוואָרן אויף צוואַנגס־קאַטאָרגע־אַרבעט קיין דייטשלאַנד. פאַר זיינע באַגאַנגענע קריגס־פאַרברעכנס איז ער אין 1948 יאָר געמשפּט געוואָרן דורכן נירענבערגער טריבונאַל אויפן פּראָצעס נומ. 12 (א.ק.וו.) און פאַראורטיילט געוואָרן אויף 15 יאָר תפיסה. דעם 27 יולי 1952 יאָר איז ריינהאַרד דורך דער אַמעריקאַנער אָקופּאַציע־מאַכט אַרויסגעלאָזט געוואָרן אויף דער פריי פון דער לאַנדסבערגער תפיסה[42].

פעלדמאַרשאַל ווילהעלם ריטטער פאָן לעעב, געוו. קאָמאַנדיר פון דער אַרמיי אויפן מערב־פראָנט אין 1939 יאָר, און אין די יאָרן 1941—42 געוו. אָנפירער פון צפון־פראָנט קעגן ראַטנפאַרבאַנד (הערעסגרופּע נאָרד). ער איז שולדיק אין באַגיין אָן אַ שיעור קריגס־פאַרברעכנס, באַזונדערס אויף דער צייט־ווייליק־אָקופּירטער סאָוועטישע ערד. אין 1948 יאָר האָט דער אַמעריקאַנער טריבונאַל אים פאַרמשפּט בלויז אויף 3 יאָר תפיסה. אין 1949 יאָר האָט זיך שוין לעעב געפונען אויף דער פריי[43].

גען. קאַרל האַלידט, קאָמאַנדיר פון דער VI אַרמיי אויפן מזרח־פראָנט, באַקאַנט פון זיינע פאַרברעכנס קעגן דער סאָוועטישער באַפעלקערינג.

---

[40] „טריבונאַ לודו“ פון 1951.XII.9 י.

[41] La pérsécution des Juifs en France et dans les autres pays de l‘ouest. Paryż 1947, str. 242. „Przegląd Zachodni“ 1948, Nr 11, str. 593.

[42] ד.ס.ק. 1954 י., ז. 51, „טריבונא לודו“ פון 1952.VIII.27 י.

[43] שעניץ: היטלער און זיינע גענעראַלן, ז. 147.

אין 1948 יאָר געמשפּט געוואָרן דורכן נירענבערגער טריבונאַל אויפן פּראָצעס נומ. 12. שוין זינט אַ לענגערער צייט געפינט ער זיך אויף דער פריי[44].

גענ. האַנס פאָן זאַלמוט, פאַר זיינע באַגאַנגענע קריגס=פאַרברעכנס, פאַר אויסשעכטן די יידן אין קאַדין (בעסאַראַביע) פאַרמשפּט געוואָרן אויפן נירענבערגער פּראָצעס נומ. 12 (דעם 28=טן אָקטאָבער 1948 יאָר) אויף 20 יאָר תפיסה. דערנאָך האָט מען אים פאַרקלענערט דעם אורטייל אויף 12 יאָר. דעם 23=טן יולי 1953 יאָר איז ער באַפרייט געוואָרן פון דער לאַנדסבערגער תפיסה[45].

גענ. קורט שטודענט, געוו. קאָמאַנדיר פון דער ווערמאַכט=פּאַראַשוטן=אָפּטיילונג און שפּעטער הויפּט=קאָמאַנדיר פון דער ווייסל=אַרמיי (הערעס=גרופּע ווייכסעל) בשעת דעם צוריקצוג פון דער דייטשישער אַרמיי. ער געפינט זיך איצט אויף דער פריי. נעמט אָנטייל אין רעמיליטאַריזירן מערב=דייטשלאַנד,ביים ווידעראויפבויען די פּאַראַשוטן=אָפּטיילונגען. ער טרעט עפנטלעך אַרויס אויף פּאַראַמיליטאַריסטישע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַרזאַמלונגען, פאָדערנדיק צו באַפרייען אַלע קריגס=פאַרברעכער, וועלכע דאַרפן בילדן אַ „ווערטפולע הילף“ פאַר דער אַזוי גערופענער אייראָפּעישער אַרמיי[46].

פעלדמאַרשאַל מאַקסימיליאַן פאָן וייכס, געוו. הויפּט=קאָמאַנדיר פון דער אַרמיי F, אַ געוויסע צייט געווען פאַרשפּאַרט אין תפיסה, אָבער שוין דעם 3=טן נאָוועמבער 1948 יאָר איז ער דורך דער אַמעריקאַנער אָקופּאַציע=מאַכט באַפרייט געוואָרן[47].

פעלדמאַרשאַל געאָרג פאָן קיכלער, געוו. הויפּט=קאָמאַנדיר פון דער צפון=אַרמיי. אויף דעם אַמט איז ער באַגאַנגען אַ גאַנצע ריי קריגס=פאַרברעכנס. אויפן פּראָצעס נומ. 12 (א.ק.וו.) אין 1948 יאָר איז קיכלער פאַרמשפּט געוואָרן דורכן נירענבערגער טריבונאַל אויף 20 יאָר תפיסה, אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען אים פאַרקלענערט די שטראָף אויף 12 יאָר, און דעם 18=טן פעברואַר 1953 יאָר האָט די אַמעריקאַנער אָקופּאַציע=מאַכט אים לגמרי באַפרייט פון דער לאַנדסבערגער תפיסה[48].

אויסער דעם, געפינען זיך אויף דער פריי די באַקאַנטע היטלעריסטישע פאַרברעכער: גענ. אַדאָלף שטראַוס (הויפּט=קאָמאַנדיר פון דער IX אַרמיי);

גענ. וואַלטער וויס (אַרמיי=קאָמאַנדיר);

---

[44] דאָס ווייסע בוך פון 1951 י., ז. 238, ד. ס. ק. 1954 י., ז. 51.
[45] ד. ס. ק. 1954 י., ז. 52.
[46] „נייע פּרעסע“ פון 21.VII. 1953 י.
[47] ד. ס. ק. 1954 י., ז. 52.
[48] ד. ס. ק. 1954 י., ז. 51.

געג. קורט צייצלער (מיטגליד פון שטאַב, אויטאָר פונעם באַפעל פון פעברואַר 1943 יאָר בנוגע דער שקלאַפישער צוואַנגס־אַרבעט פון דער באַפעל־קערונג פון די אָקופּירטע געביטן);

געג. רישאַרד רואָף (קאָמאַנדיר פון דער XVII אַרמיי), פאַר זיינע פאַרברעכערישע מלחמה־פאַרדינסטן אויסגעצייכנט געוואָרן מיט די העכסטע היט־לערישטישע קרייצן;

געג. ערהאַרד ראוס, קאָמאַנדיר פון דער III פּאַנצער־אַרמיי;

געג. לאָטהאַר רענדוליץ, קאָמאַנדיר פון דער דרום־אַרמיי. פאַר זיינע באַגאַנגענע פאַרברעכנס איז ער פאַרמשפּט געוואָרן אויף תפיסה־שטראָף. זינט דעם 15־טן דעצעמבער 1951 יאָר געפינט ער זיך אין עסטרייך אויף דער פריי[49];

געג. ליגדעמאַן, קאָמאַנדיר פון דער צפון־אַרמיי;[50]

געג. ערנסט פאָן לעיזער;[51]

געג. קאַרל מאוס, קאָמאַנדיר פון דער פּאַנצער־אַרמיי;[52]

געג. יאָזעף האַרפּע, קאָמאַנדיר פון דער פּאַנצער־אַרמיי;[53]

געג. גאָטהאַרד הײנריצי, קאָמאַנדיר פון דער וויסל־גרופּע־אַרמיי;[54]

געג. פערטש;[55]

געג. פאָן גייטנער;

געג. דעסלאָך, אָנפירער פון דער לופטוואַפע 6;[55]

געג. אַלפרעד קעסלער, אָנפירער פון דער לופטוואַפע 1;[56]

געג. שלעגעבערג;[57]

געג. קעפּלער;

געג. גודערמאַן;[58]

געג. איהן.[58]

---

49 דאָרט.
50 דאָרט.
51 דאָס ווייסע בוך פון 1951 י., ז. 238.
52 „נייע פּרעסע" פון 1951.I.10 י.
53 ד. ס. ק. 1954 י., ז. 50.
54 דאָרט.
55 „לאַ ליבעראַסיאָן" (פּאַריז) פון 1953.V.8 י.
56 „פּזשעגלאָנד זאַכאָדני" 1948 י., נומ. 4, ז. 434.
57 ד. ס. ק. 1954 י., ז. 51.
58 „טריבונאַ לודו" פון 1951 .I.16 י.

די אויסגערעכנטע גענעראַלן זענען פאַר זייערע באַגאַנגענע קריגס־פאַר־ברעכנס פאַרמשפּט געוואָרן זיינער צייט דורכן נירענבערגער טריבונאַל אויף לאַנג־יאָריקע תּפיסה־שטראָפן, אָבער שוין אין אָנהייב פון 1951 יאָר זענען זיי דורך דעם אַמעריקאַנער הויך־קאָמיסאַר אין מערב־דייטשלאַנד, מאַק קלאָי, באַפרייט געוואָרן.

אויסער די פריער דערמאָנטע, געפינען זיך אויף דער פריי אַ סך העכערע היטלעריסטישע אָפיצירן פון קריגס־ים־פלאָט. לשם אילוסטראַציע וועט גענוג זיין אויסצורעכענען אייניקע פון זיי:

אַדמיראַל ה ע ר מ אַ ן ב ע ה ם, קאָמאַנדיר פון דייטשישן ים־פלאָט אויף די נאָרוועגישע וואַסערן;[59]

אַדמיראַל ו י ל ה ע ל ם מ אַ ר ש אַ ל, קאָמאַנדיר פון קריגס־ים־פלאָט אויפן מערב־פראָנט;[59]

אַדמיראַל אָ ס ק אַ ר ק ו מ ע ץ, קאָמאַנדער פון ים־פלאָט אויפן באַלטיק;[59]

אַדמיראַל ק אָ נ ר אַ ד אַ ל ב ר ע כ ט, קאָמאַנדיר פון ים־פלאָט אויפן מזרח־פראָנט;[59]

אַדמיראַל אָ ט ט אָ ש נ י ו י נ ד, קאָמאַנדיר פון צפון־פלאָט; אין דעצעמ־בער 1948 יאָר פאַרמשפּט געוואָרן דורכן נירענבערגער טריבונאַל; איצט געפינט ער זיך אויף דער פריי;[59]

אַדמיראַל וו אַ ל ט ע ר וו אַ ז ש ע כ אַ, שעף פון דער הויפּט־אָפּטיילונג פון דעם קריגס־ים־פלאָט;[59]

קאָנטראַדמיראַל אָ ט ט אָ ש ו ל צ ע, קאָמאַנדיר פון ים־פלאָט אויף די פראַנצויזישע וואַסערן[59].

פרילינג 1952 יאָר זענען באַפרייט געוואָרן:

גענ. ל י ב ט;

גענ. ס י מ אָ ן[60].

אויף דער פריי געפינען זיך אויך די באַקאַנטע מלחמה־פאַרברעכער:

גענ. פאָן ט ר ע ס ק אָ ו;[61]

גענ. ב ר ו נ אָ ל ע ר צ ע ר, שעף פונעם פּערסאָנאַלן ביוראָ פון דער לופטוואַפע;[62]

גענ. ה ו ב ע ר ט ל אַ נ ץ, באַקאַנט פון זיינע גרויזאַמקייטן אין קאַמף קעגן די פּאַרטיזאַנער, קאַנדידירט צום בונדעסטאַג אין 1953 יאָר;[63]

---

59 ד. ס. ק. 1954, ז. 50—52.

60 „נייע פּרעסע" פון 20.V.1952 י.

61 „קאַיע אינטערנאַסיאָנאַ" פון 1953 י., נומ. 42.

62 ד. ס. ק. 1954, ז. 51.

63 „פּראַוודאַ" פון 4.IX.1953 י.

מאַרשאַל פ אָ ן ר י כ ט ה אָ פ ע ן, דער לעצטער קאָמאַנדיר פון „לעגיאָן קאָנדאָר“ בעת דעם בירגער=קריג אין שפּאַניע. איצט איז ער „ערן“=פּרעזעס פון פאַריין פון די געוו. אָפיצירן און זעלנער פון דעם דאָזיקן לעגיאָן;[64]

גענ. ש ו ע פ ע נ ב ו ר ג — קאַנדידירט צום בונדעסטאַג אין 1953 יאָר.[65]

א חוץ די אויבן דערמאָנטע פאַרברעכער — ווערמאַכט=גענעראַלן, וואָס זענען דורך דער ענגליש=אַמעריקאַנער אָקופּאַציע=מאַכט אין מערב=דײַטשלאַנד אַרויסגעלאָזט געוואָרן אויף דער פרײַ, זענען אויך באַפרײַט געוואָרן אַ סך עסעס=גענעראַלן. אָנפירנדיק מיטן עסעס=מיליטער (וואַפפען עסעס) אָדער מיט די פּאָליציי=אָפּטיילונגען אין די אָקופּירטע לענדער, זענען זיי באַגאַנגען פאַרברעכנס קעגן דער מענטשהייט. אַלס בײַשפּיל וועלן מיר אויסרעכענען אייניקע פון זיי, כדי צו באַווײַזן, וואָס פאַר אַ באַקאַנטע פעלקערמערדער געניסן איצט פון דער פרייהייט אין מערב=דײַטשלאַנד:

ד י ט ר י ך, עסעס=אָבערגרופּנפירער, געוו. אָנפירער פון היטלערס לייבגוואַרדיע (לייבסטאַנדאַרטע אַדאָלף היטלער). שוין אין 1951 יאָר נעמט ער אָנטייל אין צוזאַמענפאָר פון געוועזענע אָפיצירן און זעלנער פון דער עליטן=דיוויזיע „גראָסדויטשלאַנד“ אין קאַסעל. אין זײַן באַגריסונגס=רעדע אויפן צוזאַמענפאָר האָט ער געוואָרפן דעם לאָזונג: „אייראָפּע רופט אונדז, מיר רופן אייראָפּע“[66].

ב ע ר ג ע ר ג אָ ט ל אָ ב, עסעס=אָבערגרופּנפירער, געוועזענער שעף פון עסעס=הויפּט=אַמט, גלייכצייטיק פערזענלעכער פאָרשטייער פון הימלערן בײַ אַלפרעד ראָזענבערגן, דעם מיניסטער פון די אָקופּירטע מזרח=לענדער בעת דער צווייטער וועלט=מלחמה. פאַר די באַגאַנגענע פעלקערמערדערישע פאַרברעכנס איז ער דורכן נירענבערגער טריבונאַל געמשפּט געוואָרן (פּראָצעס נומ. 11, ווילהעלמשטראַסע, אַפּריל 1949 יאָר). אויפן סמך פון די באַשײַנפּערלעכע דאָקומענטאַלע באַווײַזן איז ער פאַראורטיילט געוואָרן אויף 25 יאָר תפיסה[67]. אין יאַנואַר 1951 יאָר האָט מען אים פאַרקלענערט דעם אורטייל אויף 10 יאָר, און אין אַ יאָר שפּעטער — איז ער אינגאַנצן באַפרײַט געוואָרן;

ק אַ ר ל וו אָ ל ף, עסעס=אָבערגרופּנפירער, שעף פון הימלערס פּערסאָנאַלן שטאַב און פאַרבינדלער פון וואַפפען עסעס אין היטלערס הויפּט=קוואַרטיר. אַלס איינער פון הימלערס נאָענטסטע מיטאַרבעטער איז ער געווען אינפאָרמירט וועגן אַלע פעלקערמערדערישע פּלענער; ער האָט אָנטיילגענומען אין די דעפּאָרטאַציע=

---

[64] „טריבונאַ לודו“ פון 1953.XI.18 י.

[65] „טריבונאַ לודו“ פון 1953.IX.5 י.

[66] די רעמיליטאַריזאַציע, ז. 64, „פאַר אַ דויערהאַפטן שלום און פאָלקס=דעמאָקראַטיע“ פון 1951 .VIII.20 י.

[67] Das Urteil im Wilhelmstrasse — Prozess, München 1950.

און עקסטערמינאַציע=אַקציעס פון דער ציווילער באַפעלקערונג אין די אָקופּירטע לענדער. וואָלף האָט באַקומען רעגולערע ראַפּאָרטן וועגן דער טעטיקייט פון די היטלעריסטישע לאַגערן פון מאַסן=פאַרניכטונג. ווי עס זאָגן עדות די פאַרבליבענע דאָקומענטן, האָט קאַרל וואָלף אַרויסגעגעבן באַפעלן און אינסטרוקציעס, וועלכע האָבן צוגעאייַלט דאָס אויספירן די פעלקערמערדערישע אַקציעס, באַזונדערס אין באַצוג צו יידן, וועלכע זענען מאַסנווייז אַרויסגעפירט געוואָרן קיין טרעבלינקע, מאַידאַנעק און אין אַנדערע פאַרניכטונגס=לאַגערן. אויף וואָלפס באַפעל זענען דורכגעפירט געוואָרן פאַרברעכערישע מעדיצינישע עקספּערימענטן איבער די אַרעסטירטע אין דאַכאַוער קאָנצענטראַציע=לאַגער. די אָקופּאַציע=מאַכט אין מערב=דייטשלאַנד האָט די בלוטיקע מערדער אַפילו נישט צוגעצויגן צו געריכטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. דאָס מערב=דייטשישע דענאַציפיקאַציע=געריכט האָט וואָלפן פאַראורטיילט קוים אויף 4 יאָר אַרבעטס=לאַגער, וואָס ער איז, אגב, קיינמאָל נישט אָפּגעזעסן. נאָך מער, ער טרעט שפּעטער אַרויס אַלס געשוווירענער פאַרמיידיקונגס=עדות אויף די פּראָצעסן פון אַנדערע היטלעריסטישע קריגס=פאַרברעכער (ווי, למשל, אויף דעם ראַרעמאַכער=פּראָצעס) און מיט זיינע ליגנערישע דערקלערונגען באַמיט ער זיך ריינצוּוואַשן און אַפילו אַפּאָטעאָזירן דעם היטלעריסטישן רעזשים און היטלערן גופא [69].

אָ ט ט אָ ק ו ם, עסעס=גענעראַל, איינער פון די געוו. קאָמענדאַנטן פון היטלערס לייב=גוואַרדיע (לייבסטאַנדאַרטע אַדאָלף היטלער) און דערנאָך — לויט געוויסע קוועלן — קאָמאַנדיר פון דער עסעס=דיוויזיע „היטלעריוגענד“, באַקאַנט פון די דורכגעפירטע דורך אים רויבערייען און מאָרדן פון דער ציווילער באַפעלקערונג. אין נאָכמלחמה=פּעריאָד אַנטוויקלט ער אין משך פון אַ ריי יאָרן אַ זייער אינטענסיווע פּאָליטישע טעטיקייט, אָרגאַניזירנדיק די געוועזענע ס.ס.= און ס.א.=מיטגלידער אין פאַרשידענע היטלעריסטישע פאַריינען. קום איז איצט פאַרבונדן מיט דער עסעסישער זעלבסטהילף=אָרגאַניזאַציע („עסעס הילפסגעמיינשאַפט אוף געגענזייטיקייט“), וועלכע באַקומט באַדייטנדיקע פאָנדן פון די געוועזענע עסעס=לייט, וואָס געפינען זיך אין די דרום=אַמעריקאַנער לענדער [69].

אָטטאָ קום האָט אין האַרבסט 1951 יאָר — ווי עס טיילט מיט די פּרעסע — אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג מיטן פירער פון דער מערב=דייטשישער סאָציאַל=דעמאָקראַטיע, ד"ר קורט שומאַכערן. אויף דעם צוזאַמענפאָר פון די געוועזענע עסעס=לייט אין האַמבורג האָט קום איבערגעגעבן, אַז „ער איז געווען גערירט פון

---

[68] „דער טאַגעסשפּיגעל“ פון 22.II.1952 י., „די וועלט“ פון 22.II.1952 י. דאָקומענטן וועגן דער פאַרברעכערישער טעטיקייט פון קאַרל וואָלף זע א. אייזענבאַך: די היטלעריסטישע עקסטערמינאַציע=פּאָליטיק לגבי יידן. וואַרשע 1953, ז. 243, 272 און אַנד.
[69] „אַלגעמיינע וואָכנבלאַט“ (דייטש), נום. 42 פון 25.I.1952 י.

דער אַבסאָלוטער פֿאַרשטענדעניש, מיט וועלכער ער האָט זיך אָנגעטראָפֿן ביי די סאָציאַל=דעמאָקראַטישע פֿירער" [70].

לאממערדינג, עסעס=גענעראַל, קאָמאַנדיר פֿון דער דיוויזיע „דאַס רייך", וועלכע האָט סטאַציאָנירט אין אָקופּירטן פֿראַנקרייך. ער איז פֿאַראַנטוואָרטלעכער פֿאַר אַ גאַנצע ריי באַגאַנגענע פֿאַרברעכנס איבער דער פֿראַנצויזישער באַפֿעלקערונג און ספּעציעל פֿאַר דער בלוטיקער שחיטה אין דעם באַוווסטן אָראַדור סיר גלאַן. אין 1951 יאָר איז לאממערדינג פֿאַר זיינע פֿעלקערמערדערישע פֿאַרברעכנס פֿאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. דאָך איז ער אינגיכן באַפֿרייט געוואָרן, און איצט געפֿינט ער זיך אין דער ענגלישער אָקופּאַציע=זאָנע פֿון מערב=דייטשלאַנד.

לאַממערדינג, פּונקט ווי די אַנדערע היטלעריסטישע פֿאַרברעכער, אַנטוויקלט אַ לעבהאַפֿטע טעטיקייט פֿאַר דער באַפֿרייונג פֿון אַלע עסעס=באַנדיטן. אין זיין ציינישער אומפֿאַרשעמטקייט איז ער אַזוי וויט דערגאַנגען, אַז אין יאַנואַר 1953 יאָר האָט ער צום פֿראַנצויזישן טריבונאַל, וועלכער האָט דאַן געמשפּט זיינע שותּפֿים פֿון אָראַדורער פֿאַרברעכן, אַרויסגעשיקט אַ בריוו מיט דער פֿאָדערונג זיי צו באַפֿרייען [71].

הערבערט גיללער, עסעס=גענעראַל, קאָמאַנדיר פֿון דער עסעס=דיוויזיע „וויקינג". איצט איז ער טעטיק צווישן געוועזענע עסעס=לייט. ער איז ענג פֿאַרבונדן מיט דער טעטיקייט פֿון דער באַקאַנטער פֿאַראַמיליטאַריסטישער אָרגאַניזאַציע „ברודערשאַפֿט". גיללער טרעט אַרויס אויף אַ גאַנצער ריי עסעס=צוזאַמענפֿאָרן. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט גיללער אויף דעם צוזאַמענפֿלי פֿון 10 טויזנט עסעסאָווצעס, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין דער העלפֿט פֿון 1953 יאָר אין האַנאָווער, אויף וועלכן עס זענען אָנוועזנדיק געווען אָפֿיציעלע פֿאָרשטייער פֿון דער באָנער רעגירונג (עהלערס — פּרעזידענט פֿון בונדעסטאַג, בליכער — וויצע=פּרעמיער), — געוואָרפֿן דעם לאָזונג: „די עסעסאָווצעס זענען אומגעקומען פֿאַר אייראָפּע". אויף די צוזאַמענפֿאָרן האָט מען געפֿאָדערט אַ געמיינזאַמע אַקציע פֿון אַלע פֿרייוויליקע פֿון די עסעס=פֿאָרמאַציעס אין די לענדער פֿון מערב=אייראָפּע מיט זייער דייטשישע קאָלעגן מיטן ציל „אומצוקערן די היסטאָרישע ראָל פֿון דייטשלאַנד אין זיין קאַמף קעגן מזרח". אויפֿן צוזאַמענפֿאָר פֿון 1300 עסעסאָווצעס, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין האַמבורג אין אָנהייב נאָוועמבער 1951 יאָר, איז גיללער אַרויסגעטראָטן מיטן פּראָיעקט צו רופֿן אַן אינטערנאַציאָנאַלן צוזאַמענפֿלי פֿון די געוועזענע מיטגלידער פֿון וואַפֿען=עסעס אויף פֿרילינג 1952 יאָר אין

[70] „טריבונאַ לודו" פֿון 1951.I.16 י., „נייע פּרעסע" פֿון 1951.X.22 י.

[71] „פּראַנס ד'אַבאָר" פֿון 1954.I.21 י., „נייע פּרעסע" פֿון 1953.I.17 י.

מערב-בערלין. דאָס האָט געדאַרפט ווערן די באַזע פאַר שאַפן די „אינטערנאַציאָנאַלע עסעס-אָרגאַניזאַציע“ [72].

האָפמאַן, עסעס-גרופּנפירער, שעף פון הויפּט-אַמט פאַר אויסזידלונג און ראַסן-ענינים. ער האָט אָנטײלגענומען אין דער באַקאַנטער קאָנפערענץ פון 20-טן יאַנואַר 1942 אין בערלין אין דעם הויפּט-אַמט פאַר זיכערהייט פון רייך (רסה"א), אויף וועלכער עס איז אַרומגערעדט געוואָרן די פראַגע פון פאַרטיליקן 11 מיליאָן אייראָפּעישע יידן. האָפמאַן האָט זיך דעמאָלט אַרויסגעזאָגט — ווי עס שטעלט פעסט דער פּראָטאָקאָל פון דער קאָנפערענץ — פאַר דער פולשטענדיקער עקסטערמינאַציע פון די יידן, ווי אויך פאַר סטעריליזירן די אַזוי גערופענע ראַסן-מישלינגע. פּונקט מיט 10 יאָר שפּעטער, אין יאַנואַר 1952 יאָר, האָט זיך דער דאָזיקער פעלקערמערדער שוין געפונען אויף דער פריי [73].

מאַקס ייטנער, עסעס-אָבערגרופּנפירער, שעף פון עסעס-קאַדרען-אַמט, איינער פון הימלערס אַדיוטאַנטן, געוו. דירעקטער אָנפירער פון אַלע עסעס-אייַנזאַץ-גרופּן אין די אָקופּירטע לענדער. אים טאַקע זענען געווען אונטערגעאָרדנט די גרופּע פון גלאָבאָצניקן („אַקציע ריינהאַרד“) און די גרופּע באָהטמאַן (וואַרטעגאַו). ער איז געוואָרן „דענאַציפיצירט“ און געפינט זיך אויף דער פריי [74].

היינץ ריינעפאַרט, עסעס-גרופּנפירער, אָנפירער פון עסעס און פּאָליציי אין „וואַרטעגאַו“. נאָכן גענעראַל קאָפּפּע — אָנפירער פון די עסעס-אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן אין אויגוסט 1944 יאָר אָנטײלגענומען אין פאַרניכטן וואַרשע. ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, האָט די ענגלישע אָקופּאַציע-מאַכט אין מערב-דייטשלאַנד אָפּגעזאָגט אַרויסציגעבן דעם בלוטיקן היטלעריסטישן מערדער דער פּוילישער רעגירונג.[75]

וואַלטער שעלענבערג, עסעס-גרופּנפירער, גענעראַל פון עסעס-מיליטער, איינער פון הימלערס נאָענטסטע מיטאַרבעטער, שעף פון דער VI אָפּטיילונג פון רסה"א (אויסלענדישע דינסט). אַלס פאָרשטייער פון רסה"א האָט ער צוזאַמען מיט היידריכן און מילערן (שעף פון סיפּ"א און ס.ד.) אָנטײלגענומען אין באַראַטונגען אין בערלין, וואָס זענען פאָרגעקומען אין אַפּריל און מאַי 1941 יאָר. די טעמע פון די באַראַטונגען איז געווען וועגן איינשטעלן אַן ענגע צוזאַמענאַר-

---

[72] דאָס ווייסע בוך פון 1951 י., ז. 257; די „פּראַוודאַ“ פון 1952.X.24 י.; „טריבונאַ לודו“ פון 13. און 1951.XI.6 י.; „נייע פּרעסע“ פון 1953.IX.2 י.

[73] „אַלגעמיינע וואָכנבלאַט“ (דיסעלדאָרף), נום. 42 פון 1952.I.25 י.

[74] Gerald Reitlinger: The final solution, London 1953 r., str. 510.

[75] די פאַרניכטונג פון וואַרשע, וואַרשע 1946 י., ז. 48 און אַנד. אויסגאַבע פון דער הויפּט-קאָמיסיע צו פאָרשן די היטלעריסטישע פאַרברעכנס אין פּוילן; „פּזשעגלאָנד זאַכאָדני“ 1950 י., נום. 11—12, ז. 519.

בעת צווישן די רסה"א מיט דער ווערמאַכט אין בייפּראָנטיקן הינטערלאַנד פון דער היטלעריסטישער אַרמיי, אין דער אַקציע פון דער מאַסן־עקסטערמינאַציע פון פּאַרטייאישע און מלוכהשע טוער פון ראַטנפאַרבאַנד, פון דער ציווילער באַפעלקערונג און ספּעציעל יידן. די געשאַפענע צו דעם צוועק אָפּעראַטיווע עסעס־גרופּן (איינזאַץ־גרופּן) האָבן אויסגעמאָרדעט הונדערטער טויזנטער מענער, פרויען און קינדער. פון די אונדז באַקאַנטע ראַפּאָרטן פון היידריכן דרינגט אַרויס, אַז די דאָזיקע גרופּן האָבן צוזאַמען מיט דער ווערמאַכט ליקווידירט אין די ערשטע חדשים פון דער מלחמה 139 טויזנט ווייסרוסישע יידן, 90 טויזנט אוקראַינישע און קרימער יידן (אין קיעוו גופא — 34 טויזנט יידן), צענדליקער טויזנטער יידן פון ליטע, לאַטוויע און עסטאָניע [76]. נישט געקוקט אויף די באַשייַנפּערלעכע באַווייזן פון פעלקער־מאָרד, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן דורך שעלענבערגן, האָט דער נירענבערגער טריבונאַל אויפן פּראָצעס נומ. 11 דעם 14־טן אַפּריל 1949 יאָר אים פאַרמשפּט בלויז אויף 6 יאָר תפיסה, און שוין אין דעצעמבער 1950 יאָר איז ער באַפרייט געוואָרן. אויף אַזאַ לייכטן אורטייל און תיכפדיקער באַפרייונג פון דעם דאָזיקן מערדער האָט אָן שום ספק געהאַט אַן איינפלוס דער פאַקט, וואָס בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, פון סוף 1942 יאָר, האָט שעלענבערג געפירט געהיימע געשפּרעכן מיט פאָרשטייער פון די מערב־גרויסמאַכטן און שפּעטער מיטן גראַף בערנאַדאָט וועגן שליסן אַ סעפּעראַטן שלום־אָפּמאַך, כדי צו ראַטעווען דעם דייטשישן אימפּעריאַליזם און אויסנוצן אים אין דער געפּלאַנטער צוקינפטיקער אַגרעסיע קעגן ראַטנפאַרבאַנד [77].

אַ וו ג ו ס ט פ ר אַ נ ק, גענעראַל פון וואַפן־עסעס, עסעס־אָבערגרופּנפירער, פאַרטרעטער פון אָסוואַלד פּאָהלן, שעף פון ווירטשאַפטלעכן און אַדמיניסטראַטיוון הויפּט־אַמט פון עסעס, לייטער פון 1־טן דעפּאַרטאַמענט (עקאָנאָמישפינאַנסיעלע פראַגן). ער האָט אָנגעפירט מיט דער „אָפּעראַציע ריינהאַרד" (פאַרמיליקונג פון די אייראָפּעישע יידן) פון דער ווירטשאַפטלעכער זייט. עס זענען באַוווסט זיינע פאַראָרדענונגען און אינסטרוקציעס וועגן צורויבן דאָס אייגנטום פון דער אויסגעמאָרדעטער יידישער באַפעלקערונג. עס איז פאַרבליבן די קאָרעספּאָנדענץ פון פראַנקן צו הימלערן (למשל, פון 1942.10.8 און פון 5.4 1943 יאָר), אין וועלכער עס רעדט זיך, אַז עס איז דעראָבערט געוואָרן אַ געוואַלדיקע צאָל גאָלד, וואָס שטאַמט פון די אַרויסגעריסענע גאָלדענע ציין ביי די פאַרגאַזטע יידן, ווי אויך וועגן הונדערטער וואַגאָנען מלבושים, וואָס זענען צונויפגעזאַמלט געוואָרן אין די לאַגערן פון מאַסן־פאַרניכטונג און שפּעטער איבערגעשיקט געוואָרן די

---

[76] דער נירענבערגער פּראָצעס נומ. 9, ב. 1 און 5; היידריכס באַריכט; „פּראָצעס", ב. 31, ז. 41; ד. ס. ק.; פּ. ס. — 2620, נירענבערגער פּראָצעס (רוסיש), ב. 1 און 2.

[77] שעניץ: היטלער און זיינע גענעראַלן, ז. 149.

פאַמיליעס פון די עסעסאָווצעס[78]. פראַנקן זענען אונטערגעליגן 165 שקלאַפישע אַרבעטס־לאַגערן און 20 קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

דער נירענבערגער טריבונאַל האָט אין פּראָצעס נומ. 4 פאַרמשפּט אַאוגוסט פראַנקן פאַר זיינע באַגאַנגענע פאַרברעכנס אויף אייביקע תפיסה. אָבער שוין אין פעברואַר 1951 יאָר איז ער צוזאַמען מיט אַנדערע מיטאַרבעטער פון דעם פאַר־ברעכערישן עסעס־אַמט אַרויסגעלאָזט געוואָרן אויף דער פריי[79].

צווישן די דאָן באַפרייטע האָבן זיך געפונען:

ג ע אָ ר ג ל ע ר נ ע ר, עסעס־גענעראַל, שעף פון פאַרזאָרגונגס־אַמט פון אַלע עסעס־פלאַצוויקעס;

ה אַ נ ס פ אַ נ ס ל ו, עסעס־גענעראַל, פאַרטרעטער פון אַאוגוסט פראַנקן;

ה אַ נ ס ל ע ר נ ע ר, עסעס־גענעראַל, צווייטער פאַרטרעטער פון פראַנקן; ווי אויך זייערע מיטאַרבעטער — הויכע אָפיצירן פון דער אָנפירונג פון עסעס־שטאַב, פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר די פעלקערמערדערישע פאַרברעכנס, וואָס זיי זע־נען באַגאַנגען אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, ווי:

ה אַ נ ס ב אַ י ע ר (עסעס־אָבערפירער), אָנגעפירט מיט די צוואַנגס־אַר־בעטס־לאַגערן; געווען פאַרמשפּט אויף 10 יאָר תפיסה;

ה אַ נ ס ב אָ ב ע ר מ י ן, (עסעס־אָבערגרופּנפירער), געווען פאַרמשפּט אויף 15 יאָר תפיסה פאַר דעפאָרטירן די באַפעלקערונג פון די אָקופּירטע געביטן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן אויף קאַטאָרזשנער עקספּלאָאַטאַציע;

ה אַ נ ס ה אָ ב ב ע ר ג (עסעס־סטאַנדאַרטנפירער), שעף פון אַלע אַר־בעטס־לאַגערן, פאַרמשפּט געוואָרן אויף 10 יאָר תפיסה;

ה ע ר מ אַ ן פ אָ ק, עסעס־אָבערשטורמבאַנפירער, עסעס־דאָקטאָר. ער האָט דורכגעפירט מאַסן־אַקציעס פון אומברענגען מענטשן אין די לאַגערן; אויף זיין דירעקטן באַפעל האָט מען אַרויסגעריסן גאָלדענע ציין ביי די דערמאָרדעטע אַרעסטירטע פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן; פאַרמשפּט אויף 10 יאָר תפיסה;

מ אַ ק ס ק י פ ע ר, עסעס־אָבערשטורמבאַנפירער. ער האָט אויפגעבויט די גאַז־קאַמערן אין דאַכאַו, אָשוויענטשים און בוכענוואַלד; פאַרמשפּט געוואָרן אויף 20 יאָר תפיסה;

ע ר ווי ן ט ש ע נ ט ש ע ר, עסעס־סטאַנדאַרטנפירער, געווען פאַרמשפּט אויף 10 יאָר;

---

78 „בלעטער פאַר געשיכטע" ב. 4, העפט 2. א. אייזנבאַך: די ראָל פון די באַפרייטע עס־עס־פירער פון ווירטשאַפט־פאַרוואַלטונג־הויפּט־אַמט אין דער ליקווידאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג; „פראַנס ד'אַבאָר" פון 19.III.1953 י.

79 דאָס ווייסע בוך פון 1951, ז. 239.

ק אַ ר ל מ ו מ ע נ ט ה ע י, עסעס־אָבערשטורמבאַנפירער, געווען פאַרמשפּט אויף אייביקע תּפיסה;

פ ר י ט ש ש ו ו אַ ל ם, עסעס־אָבערשטורמבאַנפירער, לייטער פון דער אָפּ־טיילונג פון רסה"אַ פאַר אויסזידלונג און ראַסן־ענינים; פאַראַנטוואָרטלעכער פאַרן אומקום פון די אַזוי גערופע נידעריקע ראַסן און פאַרן גנבענען קינדער פון פּוילן און ראַטנפאַרבאַנד; געווען פאַרמשפּט אויף 10 יאָר תּפיסה.

אַלע אויסגערעכנטע עסעס־מערדער זענען אין פעברואַר 1951 יאָר אַרויסגע־לאָזט געוואָרן אויף דער פריי [80].

אויף דער פריי געפינט זיך אויך ק ל אָ פּ פּ ע ר, עסעס־אָבערפירער, פאַר־טרעטער פון מאַרטין באָרמאַן אַלס שעף פון דער הויפּט־קאַנצעלאַריע פון דער היט־לעריסטישער פאַרטיי. קלאָפּפער האָט אויך אָנטיילגענומען אין דער באַוווסטער קאָנפערענץ פון 20־טן יאַנואַר ביי היידריכן אין בערלין [81].

עס זענען אויך באַפרייט געוואָרן:

אָ ט ט אָ העלוויג, עסעס־גענעראַל, געוועזענער אָנפירער פון עסעס און פּאָ־ליציי אין דעם ביאַליסטאָקער דיסטריקט. אין די יאָרן 1943—1944 האָט ער דורכגעפירט מאַסן־עקזעקוציעס פון דער ציווילער באַפעלקערונג; ער האָט ליקווי־דירט ווייסרוסן, יידן, פאַרברענט דערפער און ישובים [82].

וו אַ ל ט ע ר ב ר ע מ ע ר, עסעס־גענעראַל, אָנפירער פון „סיפּ"א" אויף די געביטן פון פּוילן.

פ ע ל י ק ס ש ט יי נ ע ר, עסעס־גענעראַל, איצט איז ער צוזאַמען מיט דעם עסעס־גענעראַל ה אַ ו ז ע ר איינער פון די אָנפירער פונעם פאַרבאַנד פון די געוועזענע עסעסאָווצעס, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין האַנאָווער אין 1953 יאָר [83].

ב ע נ נ אָ מ אַ ר ט י ן, עסעס־גענעראַל, מיטפאַראַנטוואָרטלעכער פאַרן דעפּאָרטירן יידן קיין אָשוויענטשים. דאָס דענאַציפיקאַציע־געריכט האָט נאָכן באַ־טראַכטן אין אָנהייב יולי 1953 יאָר זיין ענין אים באַפרייט פון יעדער שולד און שטראָף [84].

צווישן די געוועזענע העכערע אָפיצירן פון עסעס, וועלכע געפינען זיך אויף דער פריי, אַנטוויקלט שוין זינט עטלעכע יאָר אַ ספּעציעלע לעבהאַפטע און פאַר־צווייגטע טעטיקייט דער באַקאַנטער קריגס־פאַרברעכער אָ ט ט אָ ס קאָ ז ש ע נ־

[80] „פראַנס ד'אַבאָר" פון 1951.III.19 י.

[81] „אַלגעמיינע וואָכנבלאַט" (דייטש) פון 1952.I.25 י.

[82] פאַרגלייך — ב. מאַרק: די ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין ביאַליסטאָקער געטאָ. יידי־שער היסטאָרישער אינסטיטוט, וואַרשע 1952 י., ז. 20—21, 88.

[83] „נייע פּרעסע" פון 1953.IX.2 י.

[84] „עסטרייכישע פאָלקסשטימע" פון 1953.VII.7 י.

נ י (עסעס=סטאַנדאַרטנפירער). ער איז געווען איינער פון הימלערס נאָענטסטע מיטאַרבעטער; געווען דעלעגירט צו ספּעציעלע אויפגאַבן. סקאָרזשעני איז באַזונדערס באַקאַנט פונעם פאַקט פון אַרויסגנבענען מוסאָליני׳ן אין 1943 יאָר[85]. ניט געקוקט דערויף, וואָס ער ווערט אָפיציעל געזוכט דורך דער פראַנצויזישער פּאָליציי פאַר זיינע באַגאַנגענע פאַרברעכנס, רייזט ער פריי אַרום איבער די לענדער פון אייראָפּע, אַמעריקע און אַפריקע, כלומרשט אַלס באַפולמעכטיקטער פון אַן אַמעריקאַנער פירמע, אַנטוויקלענדיק אומעטום אַ ברייטע פּאָליטישע טעטיקייט. אומעטום שרייבט מען סקאָרזשעני׳ן צו, אַז ער איז איינער פון די פירער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע „די שפּין", וועלכע אַרבעט מיט מיט דער אַמעריקאַנער אויספיר=דינסט; די צענטראַלע פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע געפינט זיך וואַרשיינלעך אין שפּאַניע, וווּ זי געניסט פון די פאָנדן, וועלכע זענען דאָרט איבערגעשיקט געוואָרן לויט הימלערס רעקאָמענדאַציע נאָך אין די יאָרן 1943—1944[86].

דער דאָזיקער באַוווּסטער היטלעריסטישער מערדער פון אַ סך פראַנצויזישע פּאַטריאָטן און איצטיקער אַגענט פון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם אַנטוויקלט גלייכצייטיק אַ לעבהאַפטע טעטיקייט אין מערב=דייטשלאַנד מיטן ציל ווידעראויפצולעבן די מיליטאַריסטיש=פאַשיסטישע געזעלשאַפטן; צוזאַמען מיטן עסעס=גענעראַל ראַמקע טרעט ער אַרויס אויף די צוזאַמענפאָרן פון די געוועזענע עסעסאָוצעס; ער האָט אָנטייל גענומען אין דער קאָנפערענץ פון די אַממערסטן רעאַקציאָנערע מערב=דייטשישע גרופּירונגען אין ליענבורג; ער באַזאָרגט רעגולער די נעאָהיטלעריסטישע אָרגאַניזאַציעס מיט פינאַנסיעלע מיטלען, וועלכע שטאַמען פון אַמעריקע, אַרגענטינע און שפּאַניע. די האַמבורגער פרעסע האָט מיטגעטיילט, אַז בשעת די דעבאַטן אין באָנער בונדעסטאַג, וואָס זענען געווען געווידמעט מיליטערישע פראַגן, איז סקאָרזשעני אָנוועזנד געווען אויף דער טריבונע. גלייכצייטיק האָט די פראַנצויזישע פרעסע אונטערגעשטראָכן, אַז די ענגע צוזאַמענאַרבעט פון אָטאָ סקאָרזשעני׳ן מיט דער אַמעריקאַנער מאַכט דאַטירט זיך שוין פון אַ לענגערער צייט. סקאָרזשעני פאַראייניקט זיין פּאָליטישע טעטיקייט מיט דער ווירטשאַפטלעכער, באַמיענדיק זיך צו דעראָבערן אויפן נאָענטן מזרח נייע אָפּזאַץ=מערק פאַר די מערב=דייטשישע קאָנצערנען, וועלכע זענען פאַרבונדן מיט די אַמעריקאַנער מאָנאָפּאָלן[87].

---

85 „מאָנד זשואיף" נומ. 37.

86 „די וועלט" (דייטש) פון 1953.VI.11 י.; „נייע פרעסע" פון 1951.XII.17 און פון 1952.IX.3 י.; „פאָלקס=שטימע" (וואַרשע) פון אָקטאָבער 1952 י.

87 „די וועלט" פון 1953.VII.11 י.; „קאָרעספּאָר" פון 1953.I.21; „נייע פרעסע" פון 1950.IV.4, 1951.XII.17 און 1952.IX.3 י.; „מאָנד זשואיף" נומ. 37.

מען דאַרף אויך דערמאָנען וועגן אַ צווייטן, אונדז גוט באַקאַנטן היטלעריס-טישן מערדער —

ע ר י ך פ אָ ן ד ע ם ב אַ ך - ז ש ע ל ע וו ס ק י (עסעס-אָבערגרופּנפֿירער), העכערער אָנפירער פון עסעס און פּאָליציי; באַפולמעכטיקטער פון הימלערן צום קאַמף קעגן דער פּאַרטיזאַנער-באַוועגונג אויפן מזרח. ער איז אין 1944 יאָר געקומען קיין וואַרשע און איז מיט-פאַראַנטוואָרטלעך אין אויסמאָרדן די באַפעלקערונג און אין פאַרוואַנדלען אין חורבות די הויפּט-שטאָט אין אויגוסט פון זעלבן יאָר. נישט געקוקט אויף די פאַרפליכטנדיקע אינטערנאַציאָנאַלע אָפּמאַכן, האָט די ענגלישע מאַכט אָפּגעזאָגט פון איר אַרויסצוגעבן דעם דאָזיקן פעלקער-מערדער. אין מערץ 1951 יאָר איז באַך-זשעלעווסקי דורכן געריכט פון געשווירענע אין מינכען פאַרמשפּט געוואָרן אויף 10 יאָר תּפיסה, אָבער דער אורטייל איז געווען נאָר אַ פאָרמעלער, ווייל ער געפינט זיך ביז איצט אין דעם אַזוי גערופענעם הויז-אַרעסט אין לאַפּענאַו. קלאָר, אַז דאָס שטערט אים נישט צו פאַרשטענדיקן זיך מיט אַנדערע עסעס-גענעראַלן.

די מערב-דייטשישע פּרעסע האָט מיטגעטיילט, אַז דאָס האָט טאַקע באַך-זשעלעווסקי איבערגעגעבן גערינגען סם, וואָס ער האָט איינגענומען, ווי באַוווּסט, נאָכן פאַרעפנטלעכן דעם אורטייל [88].

אויפן נאָענטן מזרח געפינען זיך אויף דער פריי די פאָלגנדיקע באַקאַנטע פעלקער-מערדער: ד י ר ל ע וו אַ נ ג ע ר, ק אַ צ מ אַ ן און א י כ מ אַ ן. עס איז כדאַי צו דערמאָנען, כאָטש בקיצור, זייערע פאַרברעכנס קעגן דער מענטשהייט.

דירלעוואַנגער, אָנפירער פון דער פּאָליציי-בריגאַדע, וועלכע איז באַשטאַנען אויסשליסלעך פון פּראָפעסיאָנעלע קרימינאַליסטן, גאַרגל-שניידער און אונטער-וועלטניקעס. ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר בעסטיאַליש דערמאָרדן טויזנטער פּוילישע פרויען און קינדער און פאַרן באַרבאַרישן חרוב מאַכן די הויפּט-שטאָט בעת דעם וואַרשעווער אויפשטאַנד אין אויגוסט 1944 יאָר [89].

פריץ קאַצמאַן, עסעס-גענעראַל, עסעס- און פּאָליציי-פירער אין ראַדאָמער דיסטריקט אין די יאָרן 1939—1941 און דערנאָך אין גאַליציע-דיסטריקט. ער טראָגט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די דורכגעפירטע מאַסן-מאָרדן איבער דער אוקראַאינישער, פּוילישער און יידישער באַפעלקערונג. אין זיין באַוווּסטן ראַ-

[88] די פאַרניכטונג פון וואַרשע, ז. 17—77, „פראַנקפורטער אַלגעמיינע צייטונג" פון 5.IV.1952 י.; „דער טאַגעספּיגעל" פון 5.IV.1952 י.

[89] די פאַרניכטונג פון וואַרשע, ז. 28—33.

פּאַרט פון יוני 1943 יאָר צו זיין שעף — קריגערן שטעלט ער פעסט, אַז ער האָט אין די יאָרן 1941—1943 אומגעבראַכט אַן ערך אַ האַלבן מיליאָן יידן [90].

אַדאָלף אייכמאַן, עסעס-אָבערשטורמפירער, שעף פון דער אָפּטיילונג פאַר יידישע ענינים אין רסה"א. ער האָט אָנגעפירט מיט דער אַקציע פון פאַרטיליקן 6 מיליאָן אייראָפּעישע יידן. עס זענען פאַרבליבן אַ סך דאָקומענטן, וועלכע זאָגן עדות וועגן אייכמאַנס פעלקער-מערדערישער טעטיקייט. אייכמאַנס נאָענטסטער מיטאַרבעטער — ווילהעלם העטל, האָט אויפן נירענבערגער פּראָצעס עדות געזאָגט, אַז אייכמאַן האָט זיך פאַר אים באַרימט, אַז אַדאַנק אים זענען אומגעקומען 6 מיליאָן יידן: 4 מיליאָן אין די טויט-לאַגערן און 2 מיליאָן אין די געטאָס. אייכמאַן האָט דערביי צוגעגעבן, אַז „ער וואָלט מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן אַריינגעטאַנצט אין קבר אַריין, ווען עס וואָלט געווען אַזאַ נויטווענדיקייט, האָבנדיק דעם באַוווסטזיין, אַז ער האָט אויפן געוויסן 6 מיליאָן מענטשלעכע לעבנס" [91].

עס אונטערליגט נישט קיין שום ספק, אַז די דאָזיקע אויסגערעכנטע היט-לעריסטישע מערדער צוזאַמען מיט אַנדערע פאַשיסטישע פאַרברעכער גרייט-זיך צו אויפן נאָענטן מזרח, אונטער די שוץ-פליגל פון זייערע אימפּעריאַליס-טישע ענגליש-אַמעריקאַנער אַפּוטראָפּסים, פּלענער פון אַ ניי פאַרברעכן קעגן דער מענטשהייט.

אויף דער פריי געפינען זיך אויך:

עמאַנועל שעפער, עסעס-גענעראַל, שעף פון סיפּ"א אין בעלגראַד און אין טריעסט; ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די מאַסן-עקזעקוציעס איבער דער ציווילער באַפעלקערונג. ער איז שולדיק צווישן אַנדערן אין אויסמאָרדן 6 טויזנט יוגאָסלאַווישע יידן;

אָטטאָ ראַש, עסעס-גענעראַל, אָנפירער פון דער אָפּעראַציע-גרופּע C — (איינזאַץ-גרופּע). ער האָט אָנגעפירט מיטן פאַרטיליקן די יידן אין אוקראַינע, איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער גרויזאַמער שחיטה פון די קיעווער יידן. אָבער נישט געקוקט דערויף, האָט דאָס מערב-דייטשישע געריכט אָנערקענט, אַז עס איז נישט קאָמפּעטענט צו משפּטן דעם דאָזיקן פעלקערמערדער. אויך די ענגליש-אַמערי-קאַנער אָקופּאַציע-מאַכט האָט זיך אַרויסגעדרייט פון משפּטן אָטטאָ ראַשען [92].

גענ. האָסבאַך, היטלערס געוועזענער אַדיוטאַנט. אין 1938 יאָר האָט ער פּראָטאָקאָלירט די באַראַטונגען צווישן היטלערן מיט די גענעראַלן, וואָס זע-

---

[90] בוולעטין פון דער הויפּט-קאָמיסיע צו פאָרשן די היטלעריסטישע פאַרברעכנס אין פוילן, ב. 6, ז. 171—187 (קאַצמאַנס ראַפּאָרט).

[91] נירעמבערגער דאָקומענט פּ. ס. — 2738. נאַצי קאָנספּיראַיס, ב' 5, ז. 380.

[92] „פּראָצעס" ב. 31, ז. 40.

נען געווען געווידמעט דער פלאנירטער אגרעסיע אויף פוילן און פראנקרייך. אין נאוועמבער 1951 יאר האט ער ארגאניזירט דעם צוזאמענטרעף צווישן דעם רעכטן פירער פון דער דייטשישער סאציאל-דעמאקראטיע, קורט שומאכער, מיט דער דעלעגאציע פון וואפן-עסעס, אין דער שפיץ פון וועלכער עס איז געשטאנען דער באקאנטער קריגס-פארברעכער, עסעס-גענעראל קום, געוו. אנפירער פון דער דיוויזיע „היטלעריוגענד“.

גענ. קארל דים, היטלערס פארטרויונגס-מאן. אין דער צייט פון „3-טן רייך“ דורכגעפירט די נאציפיקאציע פון דייטשישן ספארט. איצט איז ער ווידער שעף פון מערב-דייטשישן ספארט, וועלכן ער האט פארוואנדלט אין אן אינסטרומענט פון מיליטאריזם. אין שייכות מיט זיין אנגעזאגטן וויזיט אין דעם פראנצויזישן אינסטיטוט פאר פיזישער דערציונג, האבן די פראנצויזישע ספארטלער — פאטריאטן שארף פראטעסטירט און זיך אפגעזאגט אויפצונעמען אין די מויערן פון זייערע שולן דעם געוועזענעם היטלעריסטישן גענעראל[93].

אויסער די פריער שוין דערמאנטע, געפינען זיך אויף דער פריי אן א שיעור אנדערע היטלעריסטישע פעלקער-מערדער, וואס זענען געווען פארמשפט אין זיינער צייט אויף לאנגיאריקע תפיסה-שטראפן און דערנאך — פארן אפזיצן זייערע אורטיילן — באפרייט געווארן אין מערב-דייטשלאנד, איטאליע, פראנקרייך, בעלגיע, דענעמארק, גריכנלאנד, נארוועגיע, קאנאדע אאז.וו. צווישן זיי געפינען זיך אזעלכע קריגס-פארברעכער, ווי עסעס-גענעראל יאכים רישארד; עסעס-פולק. ד״ר רודאלף מילדנער (געסטאפא-שעף אין אויבערשלעזיע און שפעטער אין דענעמארק); לודוויק געבהנער (קאמענדאנט פון קאנצענטראציע-לאגער און מאוטהאוזען); לודוויק פאנקע (הויפט-אנפירער פון עסעס און געסטאפא אין דענעמארק); ד״ר וואלטער צירפינס (קריפא-קאמענדאנט אין לאדזש), איצט העכערער פונקציאנאר אין מיניסטעריום פאר אינערלעכע ענינים ביי דער אדענאוער-רעגירונג; קארל ווערנער בעסט (רייכס-קאמיסאר אין דענעמארק, איז פאראנטווארטלעך פאר דער דעפארטאציע פון די דענישע יידן); ווילהעלם שעפמאן, (ס.א.-שעף, איצט ראטמאן פון דער פארטיי פון די איבערגעזידלטע); קאנסטאנטין קאנארים (געסטאפא-שעף אין בעלגיע); פאול איסעל, (שעף פון דער אבווער אין דענעמארק); ד״ר אייגען דאלמאן, (מיטגליד פון הימלערס פערסאנאלן שטאב); רודאלף רענער, (שעף פון געסטאפא אין ארהוס, דענעמארק); הייניץ שומאן, (אלענדארפס אדיוטאנט); עמיל סטינהויזען, (ס.א.-שעף, האט זיך באטייליקט אין די אנטי-יידישע פאגראמען אין אקטאבער 1938 יאר); ווילמי, (ארויסגעבער פון דער בארימטער יידנפרעסערישער שמאטע „דער שטירמער“),

---

[93] „הימאניטע“ פון 1954.III.19 י.

וועלכער איז רעדאַגירט געוואָרן דורך שטרייכערן; איצט איז ווילמי דער אַרויס־געבער פון דער באָנער פּרעסע.

עס איז פּשוט אוממעגלעך אויסצורעכענען אַלע גענעראַלן פון דער ווערמאַכט און עסעס, ווי אויך אַלע אַנדערע היטלעריסטישע קריגס־פאַרברעכער, וועלכע געפינען זיך שוין אויף דער פריי. ראשית, צוליב זייער גרויסער צאָל, ווי אויך צו־ליב דעם פאַקט, וואָס אַ סך פון זיי באַהאַלטן זיך אויס אונטער פאַלשע נעמען. געוויסע מערב־אייראָפּעישע טאָג־צייטונגען טיילן מיט, אַז אין מערב־דייטשלאַנד באַהאַלטן זיך אויס אונטער אַנדערע נעמען אַן ערך 60 טויזנט היטלעריסטישע פּאַרטיי־טוער [94]. וועגן די אַנדערע פאַרברעכער זענען נאָך נישט דערגאַנגען קיין ידיעות צו דער עפנטלעכער מיינונג. אַ סך פון זיי געפינען זיך אין די אַזוי גערופע־נע הויז־אַרעסטן און אַנדערע ווידער זענען פאָרמעל אַרעסטירט, אָבער געניסן פון אַבסאָלוטער פרייהייט, ווייל מען האָט זיי אַרויסגעלאָזט אויף „געזונטהייטס־אורלויבן אויפן ערן־וואָרט, פאַר גוט אויפפירן זיך...“

אַ חוץ די אויבן אויסגערעכנטע, געפינען זיך אויף דער פריי צענדליקער באַ־קאַנטע היטלעריסטישע גענעראַלן, וועגן וועלכע מיר שרייבן אונטן אין שייכות מיט זייער אָנפירנדיקער ראָל, וואָס זיי שפּילן איצט אין די פּאַראַמיליטערישע פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס, ביים אויסאַרבעטן מלחמה־פּלענער, ביים אָרגאַני־זירן די נייע באַוואָפנטע כוחות אין דעם אַזוי גערופענעם אַמט פון בלאַנקן א.אַז.וו.

אין שייכות מיט דעם צוגעאײַלטן דורך דער ענגליש־אַמעריקאַנער אָקופּאַציע־מאַכט פּראָצעס פון רעמיליטאַריזירן מערב־דייטשלאַנד ביי דער מיטהילף, פאַר־שטענדלעך, פון די געוועזענע ווערמאַכט־ און עסעס־גענעראַלן, קומט איצט פאָר אַ פאַרביסענע קאַמפּאַניע פאַר באַפרייען און רעהאַבילטירן אַלע היטלעריסטישע קריגס־פאַרברעכער, פון וועלכע אַ זייער קליינער טייל געפינט זיך נאָך — אויפן סמך פון די אורטיילן פון נירנבערגער אינטערנאַציאָנאַלן מיליטערישן טריבונאַל — אין תפיסה.

די פּרעסע האָט איבערגעגעבן, אַז אַדענאַוער אַליין האָט אין פרילינג 1953 יאָר באַזוכט די היטלעריסטישע גענעראַלן אין דער ווערלער תפיסה, פאַרזיכערנ־דיק זיי, אַז ער וועט אַלץ טאָן, וואָס איז אין זיין מאַכט, כדי זיי אינגיכן צו באַ־פרייען [95].

און ווירקלעך, אין אָנהייב יאַנואַר 1954 יאָר — אין שייכות מיט דער פאָר־שטייענדיקער קאָנפערענץ פון די 4 גרויסמאַכטן אין בערלין — האָט דער באָנער קאַנצלער זיך געווענדעט צו די הויך־קאָמיסאַרן פון די פאַראייניקטע שטאַטן, ענגלאַנד און פראַנקרייך מיט אַ פאָרשלאָג צו רעווידירן די אַרויסגעטראָגענע אור־

[94] „טריבונאַ לודו“ פון 1954.I.8 י.

[95] „הימאַניטע“ פון 1953.IV.30 י.

טײלן אַפילו בנוגע די היטלעריסטישע הויפּט־פֿאַרברעכער (אַדמיראַל רעדער, אַדמיראַל דעניץ, די מיניסטאָרן: נויראַט, פונק, שפּעער, היטלערס פּאַרטײ־טעטער העס און געװעזענעם פירער פון דער „היטלער־יוגענד" — באַלדור פאָן שיראַך), װעלכע געפינען זיך אין דער שפּאַנדאַוער תפיסה [96]. אויסער דעם, האָט מען אין פרילינג 1954 יאָר אויך באַפרײַט פון דער לאַנדסבערגער תפיסה אַ װײַטערדיקע גרופּע פון 84 היטלעריסטישע קריגס־פֿאַרברעכער. אין רעזולטאַט פון דער אַלגע־מײנער אַקציע פאַר באַפרײַען די היטלעריסטישע פאַרברעכער, זענען פון די צענד־ליקער טויזנטער גלײַך נאָך דער מלחמה פאַרמשפּטע און פאַרשפּאַרטע אין די תפיסות פון מערב־דײַטשלאַנד פאַרבליבן בלויז—װי עס טײלט מיט די פּרעסע— אין װערל — 70, אין װיטליך — 87 און אין לאַנדסבערג — 219 קריגס־ פאַר־ברעכער.

די קרוינונג פון דעם צוגעאײַלטן פּראָצעס פון אומקערן דעם מיליטערישן כבוד און ערע פון די פעלקער־מערדער פון דער װערמאַכט, װעלכן עס האָט נאָך אָנגעהויבן דעם 25־טן יאַנואַר 1951 יאָר דער גענעראַל אײַזענהאַוער, איז געװען דאָס „רעהאַביליטירן" נאָכן טויט דעם שעף פון גענעראַל־שטאַב פון דער װער־מאַכט — אַלפרעד יאָדל אין אויגוסט 1953 יאָר. יאָדל איז אויפגעהאָנגען גע־װאָרן דעם 16־טן נאָװעמבער 1946 יאָר אַלס אײנער פון די היטלעריסטישע הויפּט־פעלקערמערדער אויפן סמך פונעם אורטײל פון נירענבערגער אינטערנאַ־ציאָנאַלן מיליטערישן טריבונאַל אינעם פּראָצעס צוזאַמען מיט קײטעלן, ריבענ־טראָפּן, ראָזענבערגן, פראַנקן, פריק, שטרײַכערן, זאוקעלען, קאַלטענברונערן און סײס־אינקװאַרטן [97].

[96] „טריבונאַ לודו" פון 1954.I.12 י.

[97] דער נירענבערגער פּראָצעס (רוסיש), ב. 1, ז. 593, „נײַע פּרעסע" פון 26.IX. 1953 י.

III

נעאָהיטלעריסטישע פּאַראַמיליטערישע אָרגאַניזאַציעס

באַלד נאָך דער קאַפּיטולאַציע פון היטלער-דייטשלאַנד האָבן די אַלטע קאַדרען פון דער צעגראָמירטער היטלעריסטישער אַרמיי געפונען שוץ און אויפזיכט אין דער אָקופּאַציע-זאָנע פון מערב-דייטשלאַנד, ווו מען האָט זיי אַנגאַזשירט צו דער אַרבעט אין די ביוראָען פון דער אָקופּאַציע-מאַכט און ספּעציעל אין דער אַמעריקאַנער מיליטערישער פאַרוואַלטונג. מען איז תיכף צוגעטראָטן — אין אָנהייב אין אַ טיף-פאַרמאַסקירטער פאָרם, און שפּעטער אין אַן אַלץ מער בולטער פאָרם — צום ווידעראויפשטעלן דעם דייטשישן מיליטאַריזם.

בקרוב איז פולשטענדיק קלאָר געוואָרן, אַז די פאַרברעכערישע שפּיל, וועלכע עס האָבן געפירט די ענגליש-אַמעריקאַנער רעאַקציאָנערע קרייזן אין דעם צווישן-מלחמה-פּעריאָד און בעת דער לעצטער וועלט-מלחמה אין באַצוג צום דייטשישן מיליטאַריזם אַלס „פּלאַצדאַרם קעגן באָלשעוויזם“, איז אויפסניי אונטערגענומען געוואָרן, אָבער אין אַ נאָך שטאַרקערער, אומפאַרשעמטער און צינישערער פאָרם. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אומבאַשטרייטבאַרער פאַקט, אַז די קרייזן פון די פאַראייניקטע שטאַטן און ענגלאַנד, וועלכע זענען שוין פון לאַנג פאַרבונדן מיטן דייטשישן מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל, האָבן געבראָכן די פייערלעך-אָנגענומענע פּאָטסדאַמער פאַרפליכטונגען: ניט דערמעגלעכנדיק דאָס פאַראייניקן דייטשלאַנד אויף פרידלעכע און דעמאָקראַטישע יסודות, פאַרוואַנדלענדיק מערב-דייטשלאַנד אין זייער אַ קריגס-באַזע.

דער הויפּט-צענטער פון איינהאַלטן און אָרגאַניזירן די צעשטויבטע מיליטערישע און עסעסישע קאַדרען זענען געווען די פאַרשידענע פאַשיסטישע פּאַראַמיליטערישע פאַרבאַנדן.

עטלעכע חדשים פאַר דער קאַפּיטולאַציע פון מערב-דייטשלאַנד איז געגרינדעט געוואָרן די מיליטעריש-טעראָריסטישע אָרגאַניזאַציע „ווערוואָלף“, וועלכע

האָט אין די ערשטע נאָכמלחמה=יאָרן אַנטוויקלט אַ לעבהאַפטע טעטיקייט ספּעציעל אין די אָקופּירטע מערבֿ=זאָנעס. באַוואָפנטע באַיוווקעס פון דער „ווערוואָלף“ האָבן אָרגאַניזירט בלוטיקע אָנפאַלן אויף אַנטיפאַשיסטישע טוער, טעראָריזירט די באַשולדיקונגס=עדות און די ריכטער פון די פּראָצעסן קעגן היטלעריסטישע מערדער, פון דענאַציפיקאַציע=פּראָצעסן, שאַנטאַזשירט די באַפעלקערונג, דורכגעפירט דיווערסיע= און סאַבאָטאַזש=אַקטן, געשענדעט סינאַגאָגעס און יידישע בית=עלמינס א.אז.וו.

באַלד נאָכדעם, אין גאַנג פון צייטיק ווערן פון די אַמעריקאַנער פּלענער צו צעטיילן דייטשלאַנד און ווידעראויפבויען דעם דייטשישן מיליטאַריזם, אַנטשטייען אַ גאַנצע ריי פאַרבאַנדן פון געוועזענע ווערמאַכט=אָפיצירן און זעלנער, וועלכע טרעטן טיילמאָל אָפן אַרויס, אויסנוצנדיק דעם צוזאַמענהאַנג פון זייערע אויפגאַבן מיט די הויפּט=צילן פון די מערבֿ=גרויסמאַכטן.

איינער פון די באַדייטנדיקסטע צווישן די פאַשיסטישע פּאַראַמיליטערישע אָרגאַניזאַציעס איז דער פאַרבאַנד פון געוועזענע אָפיצירן פון גענעראַל=שטאַב א. ג. „ברודערשאַפט“, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן פאָרמירן אין 1949 יאָר, אין דער זעלבער צייט, ווען עס איז געשאַפן געוואָרן די באָנער מלוכה. דער פאַרבאַנד „ברודערשאַפט“ איז דעפיניטיוו געגרינדעט געוואָרן דעם 28=טן יאַנואַר 1950 יאָר אויף דער געהיימער באַראַטונג פון געוועזענע העכערע אָפיצירן פון דער אויבער=קאָמאַנדע פון דער ווערמאַכט (א.ק.וו.) אין שטוטגאַרט מיט דער באַטייליקונג פון גענעראַל רונדשטעדט אַלס פּרעזיצער. רונדשטעדט האָט אויף דער דאָזיקער באַראַטונג דערקלערט, אַז די אַמעריקאַנער פּלאַנירן אין דער נאָענטסטער צוקונפט ווידעראויפצובויען די דייטשישע אַרמיי, אין וועלכער דער „ברודערשאַפט“=פאַרבאַנד דאַרף שפּילן נישט קיין קליינע ראָל[1].

די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס, פּונקט ווי די אַלע אונטן אויסגערעכנטע פּאַראַמיליטערישע פאַרבאַנדן, ווערן אויסגעהאַלטן דורך די גרויסע אינדוסטריעלער און באַנקירן, וועלכע האָבן בשעתו פינאַנסירט היטלערן און זיין פּאַרטיי. מען דאַרף דאָ אין דער ערשטער ריי אויסרעכענען די „פּאָליטיש=ווירטשאַפטלעכע געזעלשאַפט פון 1947 יאָר“, אין באַשטאַנד פון וועלכער עס גייען אַריין די קאָנצערנען פון פּפערדעמענגעס, הענלע, מערטאָן. א. א. גאָר באַדייטנדיקע סובווענצן באַקומען זיי פון קעלנער האַנדלס=הויז, ווי אויך פון שרעדערן, וועמען עס פאַרבינדט אויסער דעם אַ האַרציקע פרײַנדלעכע פריינדשאַפט מיט דעם אָנפירער פון „ברודערשאַפט“ — גענ. האַסאָ פאָן מאַנטויפעל[2].

[1] ד. מיעלניקאָוו און ל. טשאָרנאַיאַ: די היטלעריסטישע גענעראַלן, ז. 19.
[2] דאָרט און „נאָווע טשאַסי“ פון 1954 י. נומ. 8.

דאָס זענען די קאַדרען פון דער נייער ווערמאַכט

אין דעם באשטאַנד פון דער אָנפירונג פון „ברודערשאַפט", וועלכער פאַרמאָגט זיינע אָפּטיילונגען אין פאַרשידענע שטעט פון מערב=דייטשלאַנד, גייען אריין די געוועזענע גענעראַלן: סטודענט, פראַנקע=גריקש, שטומפּף, האַלדער, שפּיידעל, ווי אויך לינדע, ניעמאַק, טעפּקע, פאָן נאַצמער, צייץ, פאָן קראַמער, פאָן שטאופענבערג, סטרעווע, שטיינער, האַוזהער, פאָן בורגסדאָרף, פאָן בעקעראַט, פאָן בעק=בריאָכריטער א. אנד. אין שפּיץ פון „ברודערשאַפט" שטייט גענעראַל פאָן מאַנטויפעל [3].

גענעראַל האַסאָ פאָן מאַנטויפעל, דער נאָכפאָלגער פון די פּרייסישע גענעראַלן, האָט בעת דער לעצטער מלחמה אָנגעפירט מיט דער באַקאַנטער פון איר בעסטיאַלישקייט עליטאַרער פּאַנצער=דיוויזיע „גראָסדויטשלאַנד". אין דעצעמבער 1944 יאָר איז ער געווען אָנפירער פון דער V=טער טאַנקען=אַרמיי אין אַרדענען (בעלגיע). נאָך דער מלחמה האָט דער באַוווּסטער דייטשישער מאָנאָפּאָליסט פּפערדמענגעס איינגעאָרדנט מאַנטויפעלן אין איינער פון זיינע אונטערנעמונגען אַלס דירעקטאָר פון דער פאַבריק פון מעטאַל=אויסאַרבעטונגען „באַער און שאַורטע" אין נעים ביים ריין. מאַנטויפעל איז איינער פון די פירער פון דער פאַשיסטישער פּאַרטיי „פרייע דעמאָקראַטישע פּאַרטיי" (פ.ד.פּ.), אין נאָמען פון וועלכער ער פאַרנעמט דעם אַמט אַלס מוניציפּאַלער ראַטמאַן און האָט קאַנדידירט און איז אויסגעוויילט געוואָרן בעת די לעצטע וואַלן צום בונדעסטאַג [4].

מאַנטויפעל האָט באַלד נאָך דער מלחמה אָנגעבאָטן זיין הילף דער אַמעריקאַנער מיליטערישער מאַכט, פאָרלייגנדיק פאַרשידענע פּראָיעקטן פון צוקונפטיקן אָנטייל פון די דייטשישע מיליטאַריסטן אין די אַמעריקאַנער אַגרעסיווע פּלענער. נאָכן אַנטשטיין פון דער באָנער מאַריאָנעטן=מלוכה איז מאַנטויפעל באַשטימט געוואָרן אַלס איינער פון אַדענאַוערס מיליטערישע ראַטגעבער, צווישן אַנדערע האָט מען אים אָנפאַרטרויט די אויפגאַבע צו פאָרמירן מאָטאָריזירטע אָפּטיילונגען פון דער נעאָ=ווערמאַכט.

דעם 11=טן און 12=טן פעברואַר 1950 יאָר איז אין האַנאָווער פאָרגעקומען די קאָנפערענץ פון די פירער פון „ברודערשאַפט". אין פּראָגראַם לייענען מיר צווישן אַנדערע:

„עס איז שוין געקומען דער מאָמענט צו פאַרטרעטן די צייט פון די מאַסן אויף דער צייט פון דער אמתער עליטע, ווען אַ ציל עס איז צו נעמען אין די

---

[3] ע. אָסמאַנטשיק: דייטשלאַנד, ז. 223, „טעגלעכע רונדשוי" פון 9.VIII. 1954 י.

[4] „פראַנס ד'אַבאָר" פון 3.IX.1953 י., „קאַיער אינטערנאַציאָנאַ" נומ. 42 פון יאַנואַר 1953 י.; „טריבונא לודו" פון 29.VIII. און פון 5.IX.1953 י., אַרטיקל פון מ. פאָדקאָווינסקי א. נ. „אַדענאַוערס וואַלן".

הענט די אָנפירערשאַפט איבערן פאָלק, כדי ווידער עס צו פירן אויפן וועג פון דער דייטשישער טראַדיציע פונעם פירער. אונדזער העכסטער ציל איז צו פאַראייניקן די פעלקער פון אייראָפּע פון אַטלאַנטיק ביז אוראַל"[5].

אויף דער געהיימער קאָנפערענץ פון „ברודערשאַפט", וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 23-טן אָקטאָבער 1951 יאָר אין האַמבורג, האָט מאַנטויפעל אָפן גערופן צו באַנייען די מלחמה קעגן ראַטנפאַרבאַנד. ער האָט געפאָדערט צו באַפרייען די היטלעריסטישע קריגס-פאַרברעכער, ער האָט אַפּאָטעאָזירט די אַנטיבאָלשעוויסטישע לעגיאָנערן, אונטערשטרייכנדיק, אַז דאָס איז בלומרשט געווען אַן אויסדרוק פון דער „פאַראייניקטער אייראָפּע". ער האָט גלייכצייטיק אויסגעדריקט זיין פאָרמעלן הסכם, אַז דער „ברודערשאַפט"-פאַרבאַנד זאָל ווערן דער הויפּט-קערן פון דער נייער „אייראָפּעישער אַנטיסאָוויעטישער אַרמיי"[6].

די פאָרשטייער פון „ברודערשאַפט" שפּילן אַ דאָמינירנדיקע ראָל אין פאַרשידענע רעאַקציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, פּאָליטישע פּאַרטייען, פאַרבאַנדן, געזעלשאַפטן, פּאַראַמיליטערישע ליגעס. אַזוי, צום ביישפּיל, איז גען. רעמער אַ מיטגליד פון „ברודערשאַפט" און איינער פון די אָנפירער פון דער פאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע „דויטשע רייכספּאַרטיי" (פריער „סאָציאַליסטישע רייכספּאַרטיי"). איינפלוסרייכע מיטגלידער פון „ברודערשאַפט" געפינען זיך אין אַ גאַנצער ריי מיניסטעריומס פון דער באָנער רעגירונג, האַלטן אָן קאָנטאַקטן מיט אַנדערע מיליטאַריסטישע פאַרבאַנדן, ווי: „שטאַלהעלם", „סאָלדאַטענבונד", „אַפריקע-קאָרפּס" א. א.

אַדאַנק דער פאַרמיטלונג פון ענגלישן קאַפּיטאַן לידל האַרט, איז דער „ברודערשאַפט"-פאַרבאַנד פאַרבליבן אין שטענדיקן קאָנטאַקט מיט טשערטשילן[7]. גלייכצייטיק האָט ער אָנגעהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיטן אַמעריקאַנער הויך-קאָמיסאַר מאַק קלאָי. דער לעצטער האָט, נאָכן אָננעמען דעם באַשלוס דורך די דריי מערב-גרויסמאַכטן וועגן ווידעראויפבויען די ווערמאַכט, באַאויפטראַגט אין יולי 1950 יאָר דעם „ברודערשאַפט"-פאַרבאַנד צונויפצושטעלן אַ קאַרטאָטעקע פון אַלע געוועזענע דייטשישע מיליטערלייט און צו באַאַרבעטן אַ פּלאַן פון אָרגאַניזירן די נייע ווערמאַכט[8]. און ווירקלעך, די אָנפירנדיקע גענעראַלן פון „ברודערשאַפט" האָבן באַאַרבעט אַ מעמאָריאַל, וואָס איז געוואָרן אונטערגעשריבן דורך מאַנטויפעלן, אין וועלכן זיי האָבן אויסגעדריקט זייער שטעלונג. דער מעמאָריאַל פאַרמאָגט אַ גענוי באַאַרבעטן פּלאַן וועגן דער סטרוקטור פון די צוקונפטיקע מילי-

5 י. בוימיער: פון היטלערן ביז טרומאַנען, ז. 95.
6 „נייע פּרעסע" פון 1951.X.24 י.
7 „נאָווע טשאַסי" נומ. 18 פון 1950 י., די היטלעריסטישע גענעראַלן, ז. 34.
8 מיעלניקאָוו און טשאָרנאַיא: די היטלעריסטישע גענעראַלן, ז. 19.

טערישע אָפּטיילונגען, צאָל דיוויזיעס (ארום 30), אָרגאַניזאַציע פון דער אָנפירערשאַפט, סטראַטעגישע אָפּעראַציע־אויפגאַבן א. אז. וו. די גענעראַלן האָבן דערביי ארויסגערוקט א גאַנצע ריי באַדינגונגען, פון וועלכע איינער פון די עיקר־דיקסטע איז דאָס באַפרייען און רעהאַביליטירן די געוועזענע היטלעריסטישע קריגס־פאַרברעכער.

דעם דאָזיקן באַדינג האָט עטלעכע מאָל און ביי יעדער געלעגנהייט ארויסגערוקט דער „ברודערשאַפט“־פאַרבאַנד. סוף אָקטאָבער 1950 יאָר האָט זייער שעף מאַנטויפעל, ארויסטרעטנדיק אין נאָמען פון פ.ד.פּ. אויף א וואַל־פאַרזאַמלונג אין ווערל, דערקלערט: „דאָס דייטשישע פאָלק וועט איינשטימיק אָפּזאָגן זיין אָנטייל אין דער געמיינזאַמער פאַרטיידיקונג פון מערב־אייראָפּע אזוי לאַנג, ווי לאַנג עס וועלן נישט ארויסגעלאָזט ווערן אויף דער פריי די אזוי גערופענע קריגס־פאַרברעכער“. ער האָט זיך קאַטעגאָריש קעגנגעשטעלט, אז מען זאָל „פראַנקרייך רעזערווירן דאָס רעכט צו באַזיצן די גרעסטע צאָל באַוואָפנטע כוחות“ און געפאָדערט אומצוקערן דייטשלאַנד די „פולקאָמע און גלייכע רעכט“.

אויף א פאַרזאַמלונג פונעם פאַרבאַנד פון דייטשישע זעלנער אין אָנהייב אָקטאָבער 1951 יאָר הינטער דיסעלדאָרף האָט שוין מאַנטויפעל דערקלערט: „מיר זענען מסכים בלויז אויף א דייטשישער ארמיי מיט א דייטשישער אָנפירערשאַפט“ [9]. דער גענעראַלער לאָזונג פון „ברודערשאַפט“ איז דורך זיינע אָנפירער געוואָרפן געוואָרן שוין אין אויגוסט 1951 יאָר: „די צוקונפט פון דייטשלאַנד ליגט אין די חורבות פון דער קאַנצעלאַריע פון דריטן רייך“ [10]. אומאָפּהענגיק פון דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע „ברודערשאַפט“ עקזיסטירן פאַרבאַנדן פון געוועזענע אָפיצירן און זעלנער פון ספּעציעלע פאָרמאַציעס פון דער ווערמאַכט און עסעס, די אַזוי גערופענע „טראַדיציאָנספאַרבאַנדן“. זייער אויפגאַבע איז אונטערצוהאַלטן די טראַדיציע פון געמיינזאמע קאַמפן, איינהאַלטן די פאַרבינדונגען, מאַטעריעלע זעלבסטהילף א. אז. וו. זיי אָרדענען איין גאַנץ אָפט און לעצטנס גאָר אָפט צוזאַמענפליען און דעמאָנסטראַציעס אונטער דער אַפּיטראָפּסות פון דער ענגליש־אַמעריקאַנער אָקופּאַציע־מאַכט און דער באָנער רעגירונג. אזוי איז, צום ביישפּיל, אין נאָוועמבער 1953 יאָר פאָרגעקומען אין דעטמאָלד (נידערזאַקסן) א צוזאַמענפלי פון אָפיצירן און זעלנער פון דער „לופטוואַפע“; אין מאַרבורג — פון מיליטער־לייט פון דער 1־טער פאַנצער־דיוויזיע; אין צעללע — פון דער 24־טער פאַנצער־דיוויזיע; אין טרעווס — פון 105 און 125 פוסגייער־פולק. די צוזאַמענפליען זענען פאַרבונדן מיט דעפילאַדעס אונטער פאַנאַנדערגעוויקלטע

[9] „נייע פרעסע“ פון 1950.XI.19 און פון 1951.X.16 י.

[10] דאָס ווייסע בוך פון 1952 י., ז. 129, „פאָלקסצייטונג“ (קעלן) פון VIII.7. 1951 י.

שוואַרץ=ווייס=רויטע פענער פאַר די געוועזענע היטלעריסטישע גענעראַלן, אָנפירער פון די אָפּטיילונגען אין דער צייט פון דער מלחמה. עס ווערט אַזוי אַרום געשאַפן די געהעריקע אַטמאָספער פאַר דער ווידערגעבורט און אונטערהעצונג פון די מיליטאַריסטישע און רעוואַנזשיסטישע לאָזונגען, פון ווידעראויפבויען די ווערמאַכט.

די צווייטע לויט דער ריי אָנפירנדיקע פּאַראַמיליטערישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע פירט אַ ספּעציעל לעבהאַפטע טעטיקייט אין מערב=דייטשלאַנד, איז דער ווידערגעבוירענער, טרויעריק באַקאַנטער „שטאַלהעלם“. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע, ווי עס איז אַלעמען באַקאַנט, איז אין דער צייט פון דער ווייַמאַרער רעפּובליק געווען דער קערן פון דער אַזוי גערופענער רייכסווער, וועלכע האָט מיטגעווירקט צום זיג פון היטלערן אין 1933 יאָר און דערנאָך איינגעשלאָסן געוואָרן אין עסעס און ס.א. נעמענדיק אין אַכט אירע באַוווּסטע מיליטאַריסטיש=פּאַשיסטישע טראַדיציעס, האָט די ענגליש=אַמעריקאַנער אָקופּאַציע=מאַכט אין דער העלפט 1950 יאָר מסכים געווען אויפסנייַ צו גרינדן דעם „שטאַלהעלם“ אין מערב=דייטשלאַנד[11].

די „שטאַלהעלם“=אָרגאַניזאַציע, וועלכע גרופּירט אַרום זיך 120 טויזנט געוועזענע פראָנט=אָפיצירן און זעלנער פון דער ווערמאַכט, האָט אין אויגוסט 1952 יאָר פאַרעפנטלעכט אַ פּראָקלאַמאַציע, אין וועלכער זי דערקלערט פייערלעך, „אַז זי וועט פאַרטיידיקן אירע אידעאַלן קעגן יעטוועדן פּרווו פון אומברענגען זיי“[12].

אין דער שפּיץ פון דער דאָזיקער מיליטעריש=פאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע איז אין אָנהייב געשטאַנען האַנס יאָאַכים גאָטסלעבען, דער געוועזענער אָנפירער פון דער היטלעריסטישער יוגנט „יונגפאָלק“. דעם 7=טן אויגוסט 1952 יאָר איז אַלס פּרעזעס פון „שטאַלהעלם“ באַשטימט געוואָרן דער געוועזענער פעלדמאַרשאַל פון „לופטוואַפן“ אַלבערט קעסעלרינג. עס איז כדאַי אונטערצושטרייכן, אַז דער אויסוואַל איז פאָרגעקומען, ווען דער „פירער“ האָט זיך נאָך געפונען אין דער ווערלער תפיסה. די מיטגלידער פון „שטאַלהעלם“ האָבן דעמלט דעם אָפּוועזנדיקן פירער באַלייגט אַ שבועה פון טרייהייט.

פעלדמאַרשאַל אַלבערט קעסעלרינג האָט אָנגעהויבן זיין קאַריערע אין 1930 יאָר, גלייכצייטיק מיט דעם געבורט פון דעם היטלעריסטישן דראַנג צו דער העגעמאָניע אויף דער וועלט. ער האָט ענג צוזאַמענגעאַרבעט מיט הערמאַן גערינגען ביים אויפבויען דעם היינטצייטיקן היטלעריסטישן לופט=פלאָט. היטלער אַליין האָט אים באַאויפטראַגט פאַנאַנדערצובויען די אַוויאַציע. קעסעל=

---

[11] דער „שטאַלהעלם“ איז ענדגילטיק לעגאַליזירט געוואָרן דעם 1951.II.24 י., „נייע פּרעסע“ פון 1951.X.17 י.

[12] „טריבונאַ לודו“ פון 1953.VIII.9 י.; „נייע פּרעסע“ פון 7 און 1953.V.12 י.

רינג איז דער שפּעטער פון דער טעאָריע פון דער „טאָטאַלער אוויאַציע־מלחמה", דאָס הייסט קאַמף קעגן דער ציווילער באַפעלקערונג, באָמבאַרדירן אָפענע שטעט א. אז. וו. אין 1940 יאָר האָט ער אין בערלין געלערנט די אויסגעשולטע פּילאָטן: „פאַרטויבט אין זיך אַלע מענטשלעכע געפילן, כדי צו קאָנען פאַרניכטן אַלע ני־דעריקע ראַסן אין נאָמען פונעם זיג פון דער דייטשישער ראַסע" [13]. קעסעלרינג האָט אָנגעפירט מיט דער באָמבאַרדירונג פון פּוילן און 1939 יאָר, פון ענגלאַנד אין 1940 יאָר (לאָנדאָן און קאָווענטרי). אין 1941 יאָר איז ער געווען אָנפירער פון לופט־פלאָט אויפן מזרח־פראָנט, אָבער נאָך דער מיאוסער מפּלה הינטער מאָסקווע איז ער איבערגעוואָרפן געוואָרן אויפן מערב־פראָנט. ער איז פאַראַנט־וואָרטלעך פאַר די באַרבאַרישע לופט־אָנגריפן אויף מאַלטע, אפריקע און איטא־ליע. אין אַרדעאַטינעס (נאָענט פון רוים), אין קאַיאַצאָ און אין אַנדערע געגנטן פון איטאַליע האָבן זיינע אָפּטיילונגען אויף זיין באַפעל דורכגעפירט א מאַסן־שחיטה פון דער ציווילער באַפעלקערונג, נישט שוינענדיק קיין פרויען און קינדער [14].

פאַר די באַגאַנגענע פאַרברעכנס איז קעסעלרינג דורך דעם אַליאַנטישן טריבונאַל אין איטאַליע אין 1946 יאָר פאַרמשפּט געוואָרן צו טויט־שטראָף. מיט צוויי וואָכן שפּעטער האָט מען אים דעם טויט־אורטייל פאַרביטן אויף אייביקע תּפיסה, דערנאָך אויף 20 יאָר און לסוף איז ער — לויט א בפירושער אָנווייזונג פון מיניסטער אידען — דעם 23־טן אָקטאָבער 1952 יאָר באַפרייט געוואָרן פון דער ווערלער תּפיסה [15].

ביי דער געלעגנהייט איז כדאי צו דערמאָנען, אז בעת דער גרויסער קאַמ־פּאַניע, וועלכע איז פאַנאַנדערגעוויקלט געוואָרן אין מערב־דייטשלאַנד פאַר דער באַפרייונג פון קעסעלרינגען, האָט אויך גענומען א וואָרט דער בריטישער מאַר־שאַל אַלעקסאַנדער, וואָס איז געווען אין יענער צייט דער גענעראַל־גובערנאַטאָר פון קאַנאַדע.

אַלעקסאַנדער האָט פאַרעפנטלעכט אין דער פּרעסע א בריוו, אין וועלכן ער רימט דעם תּלין פון איטאַליענישע פרויען און קינדער אלס „א גוטן גענעראַל, וועלכער האָט אַמלאָיאַלסטן געקעמפט" [16]. עס איז כדאי אויך אונטערצושטרייכן דעם פאַקט, אז דער הויפּט־עדות פון קעסעלרינגס פאַרטיידיקונג בעת דער פּאָר־

[13] „פראַנס ד'אבאָר" פון 21.V.1953 י.

[14] „פראַנס ד'אבאָר" פון 19.III.1953 י.

[15] „קאַיע אינטערנאַסיאָנאַ" נומ. 42 (1953 י.), ד.ס.ק. 1954 י., ז. 51, „נייע פּרעסע" פון 9.VIII.1952 י.

[16] „נייע פּרעסע" פון 11.IV.1951 י.

מעלער אויספאָרשונג פאַר זיין באַפרייונג אין 1952 יאָר איז געווען דער עסעס־גרופנפירער וואָלף, — די רעכטע האַנט פון הימלערן [17].

פאַרלאָזנדיק די ווערלער תפיסה, איז אַלבערט קעסעלרינג שוין געווען, ווי מיר האָבן דערמאָנט, פּרעזעס פון „שטאַלהעלם“. ער איז גלייך צוגעטראָטן צו אַ לעבהאַפטער טעטיקייט אין „שטאַלהעלם“ גופא, ווי אויך אין אַלגעמיינעם פּאָליטישן לעבן פון מערב־דייטשלאַנד. קעסעלרינג איז איינער פון די אָנפירער פון דער פאַשיסטישער פּאַרטיי פ.ד.פ., וועלכע האָט אים אַרויסגעשטעלט אַלס קאַנדידאַט צום בונדעסטאַג [18].

וועגן די פּאָליטישע צילן פון „שטאַלהעלם“, וועלכן קעסעלרינג האַלט פאַר דעם „טשעמפּיאָן פון פרייהייט“, זאָגן עדות אַ גאַנצע ריי אַרויסטרעטונגען פון זיינע אָנפירער, וועלכע אַנטהאַלטן בפירושע דראָונגען לגבי די לענדער פון מזרח־ און מערב־אייראָפּע. אויף דער פאַרזאַמלונג פון „שטאַלהעלם“ אין זאַלצגיטער האָט מען קאָלפּאָרטירט בראָשורן מיט פּראָוואָקאַטאָרישע קעפּלעך: „מיר ווילן באַזיגן און פאַרניכטן פראַנקרייך“.

דער „שטאַלהעלם“ איז, ווי באַוווּסט, ענג פאַרבונדן מיט דעם אַזוי גערופענעם אַלדייטשישן בלאָק, וועלכער האָט זיין הויפּט־צענטער אין פראַנקפורט ביים מיין, און זיין הויפּט־ציל איז דער קאַמף פאַר „באַפרייען“ עלזאַס, לאָטאַרינגיע און סאַאַר־געביט. אין שפּיץ פון דעם בלאָק שטייען די קריגס־פאַרברעכער עסעס־גענעראַל ראַמקע און גענעראַל פאַלקענהויזען, וועלכע זענען באַקאַנט מיט זייער אַנטיפראַנצויזישער איינשטעלונג [19].

עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז דער לעצטער צוזאַמענפאָר פון „שטאַל־העלם“, וועלכער האָט נאָכאַמאָל אויסגעוויילט קעסעלרינגען אַלס פּרעזעס (30 יאַנואַר 1954 יאָר), איז פאָרגעקומען אין מערב־בערלין גראָד אין דער צייט פון דער היסטאָרישער קאָנפערענץ פון די 4 גרויסמאַכטן. עס איז קלאָר, אַז דאָס איז געווען אַ בכיוונדיקע פּראָוואָקאַציע פון גרויסן פאַרנעם [20].

אויסער „ברודערשאַפט“ און „שטאַלהעלם“ עקזיסטירן און זענען טעטיק אין מערב־דייטשלאַנד אַ גרויסע צאָל פאַראַמיליטאַריסטיש־פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע גרופּירן אַרום זיך געוועזענע אָפיצירן און זעלנער פון דער ווערמאַכט.

---

[17] „די וועלט“ פון 1952.V.3 י.; „פראַנקפורטער אַלגעמיינע צייטונג“ פון 1952.IV.4 י..

[18] „טריבונא לודו“ פון VIII.29. און פון 1953.IX.5 י. אַרטיקל פון מ. פּאָדקאָווינסקי: „אַדענאַוערס וואַלן“.

[19] „פאַר אַ דויערהאַפטן שלום און פאָלקס־דעמאָקראַטיע“ פון 1953.X.2 י.

[20] „טריבונא לודו“ פון 1954.II.3 י.

די אָרגאַניזאַציע „וויגדהונט“ (יאַגד־הונט), וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין 1950 יאָר דורך דעם גענעראַל שווערין, נעמט אַרום געוועזענע אָפיצירן און זעלנער, וועלכע האָבן געדינט אין די ווערמאַכט־אָפּטיילונגען אונטער זיין אָנפירונג [21].

דער „אַפריקע־קאָרפּס“ גרופּירט מיליטער־לייט פון גענעראַל ראָמעלס געוועזענער אפריקאַנער אַרמיי. אין שפּיץ פון דער אָרגאַניזאַציע שטייט דער געוועזענער שעף פון ראָמעלס שטאַב — גענ. קריוועל.

די אָרג. „גרינע טייוואָלאָנים“ גרופּירט מיליטערלייט פון די פּאַראַשוטיסטן־אָפּטיילונגען פון דער ווערמאַכט. די פּאַראַשוטיסטן־אָפּטיילונגען האָבן, ווי באַוווּסט, געהערט צו היטלערס עליטע־אָפּטיילונגען. זיי האָבן בעת דער מלחמה געציילט 220 טויזנט זעלנער. זייער מאַרש אין דער לעצטער מלחמה איז געצייכנט מיט טייכן בלוט. אין 1949 יאָר האָט זיך די נעץ פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע פאַרשפּרייט איבער גאַנץ מערב־דייטשלאַנד און מערב־בערלין. דעם 28־טן און 29־טן יוני 1951 יאָר איז אין ברונשוויק פאָרגעקומען א גרויסער אָפיציעלער צוזאַמענפלי פון די מיטגלידער פון די „גרינע טייוואָלאָנים“. אין שפּיץ פון דעם פאַרבאַנד שטייען אַזעלכע אַלגעמיין באַקאַנטע פאַשיסטישע פעלקערמערדער, ווי גענעראַל סטודענט (געוועזענער הויפּט־קאָמאַנדיר פון פּאַראַשוטיסטן־מיליטער ביי דער ווערמאַכט, באַקאַנט פון זיינע גרויזאַמע רציחות אויף דעם אינדזל קרעטע), עסעס־גענעראַל ראַמקע (געוועזענער קאָמאַנדיר פון פּאַראַשוטיסטן־מיליטער, מערדער פון דער פראַנצויזישער באַפעלקערונג אין ברעסטער פּאָרט) און פּולקאָווניק לאַום. די „גרינע טייוואָלאָנים“ פאָדערן — ווי עס האָט אין האַמבורג דערקלערט גענ. ראַמקע — נישט נאָר בלויז צו רעהאַביליטירן די ווערמאַכט, נאָר אויך די עסעס און ס.ד. — „אונדזערע געטרייע קאַמפּס־פראָנט־חברים“ [22].

די „געשפּענסטדיוויזיע“ פאַראייניקט געוועזענע אָפיצירן און זעלנער פון דער אויסספּעציאַליזירטער דיוויזיע צום קאַמף קעגן די פּאַרטיזאַנער אויף די בייפראָנטיקע געביטן. אין שפּיץ פון דער אָרגאַניזאַציע שטייט דער גענעראַל פאָן וויטערסהיים.

„דויטשער פראָנטקעמפערבונד“ (פאַרבאַנד פון געוועזענע פראָנט־זעלנער). אין שפּיץ פון דער אָרגאַניזאַציע שטייט דער גענ. פאָן שווע־פּענבורג, אַדענאַוערס מיטאַרבעטער.

„קיפהאַוזערבונד“. דאָס איז א רעאַקציאָנערע „זעלבסטהילף“־אָרגאַניזאַציע פון געוועזענע מיליטער־לייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. היטלער

---

[21] „Bulletin de la documentation française“ Nr 84 z 20.IX.1951 r. Série: „Deutschland“.

[22] „דאָס ווייסע בוך“ פון 1951 י., ז. 170; „נייע פּרעסע“ פון 1951.X.17 י.

האָט אַרויסגעוויזן צו דער אָרגאַניזאַציע אַ באַזונדערע ווילגענייגטקייט. זי האָט דיספּאָנירט מיט אַ מיליאָניקן פאַרמעגן, וואָס איז צו איר אַריינגעפאַלן פון דאָטאַציעס פון היטלעריסטישע קוואַלן. וועגן דעם פאַרמעגן זענען פאָרגעקומען דעבאַטן אין דער באָנער רעגירונג בנוגע דעם באַשטימען צו וועמענס דיספּאָזיציע עס ווערט איבערגעוויזן און אויף וואָס פאַר אַ צוועק עס זאָל אויסגענוצט ווערן.

מיט דער הסכּמה פון די קאָמיסאַרן פון די מערב-גרויסמאַכטן האָט אַדענאַוער פאַראָרדנט אומצוקערן דעם „קיפהאַוזערבונד“ דאָס פאַרמעגן אָבער אונטערן באַדינג, אַז עס וועט דינען אַלס יסוד פאַר דער פאַראייניקונג פון אַלע פאַרבאַנדן פון געוועזענע מיליטער-לייט. אין שפּיץ פון „קיפהאַוזערבונד“ שטייט דער גען. ריינהאַרד, וועגן וועלכן עס איז שוין געווען אַ רייד.

מיט אַ ספּעציעלער אַקטיווקייט צייכענען זיך אויס די מיליטאַריסטישע עס-עס-אָרגאַניזאַציע „גראָסדויטשלאַנד“, „עסעס לייבשטאַנדאַרטע אַדאָלף היטלער“, „וואַפן-עסעס-הילפגעמיינשאַפט“ א. אַנד.

„גראָסדויטשלאַנד“ באַשטייט פון געוועזענע פּריוויליקע עסעס-דיוויזיעס אונטערן זעלבן נאָמען. אויפן צוזאַמענפאַל אין קאַסעל אין יוני 1951 יאָר האָבן די מיטגלידער פון „גראָסדויטשלאַנד“ דעמאָנסטראַטיוו זיך אַרויסגעזאָגט פאַר דער אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק פון אַדענאַוערס מאַריאָנעטן-רעגירונג. דער גענעראַל מאַנטויפעל האָט אין זייער נאָמען דערקלערט: „מיר זענען פאַר דער איצטיקער מלוכה“ [23]. אין דער באַגריסונגס-טעלעגראַמע פונעם צוזאַמענפאַל צו אַדענאַוערן האָבן די אָנטיילנעמער אים פאַרזיכערט, אַז „זיי זענען גרייט אים צו דינען אין גייסט פון זייערע טראַדיציעס“. דער לאָזונג פון „גראָסדויטשלאַנד“ איז, ווי מיר ווייסן: „אייראָפּע רופט אונדז, מיר רופן אייראָפּע“ [24]. עס איז כּדאַי צו דערמאָנען דעם פאַקט, אַז דעם צוזאַמענפאַל האָט צווישן אַנדערע באַגריסט דער עסעס-אָבערגרופּנפירער דיטריך, דער קאָמענדאַנט פון היטלערס פּרעטאָריאַנער לייב-גוואַרדיע.

„עסעס לייבשטאַנדאַרטע אַדאָלף היטלער“ (היטלערס לייב-גוואַרדיע), וועלכע ציילט אַן ערך 4 טויזנט מיטגלידער, אַנטוויקלט לויט איר טעטיקייט מיט דער הסכּמה פון דער ענגליש-אַמעריקאַנער אָקופּאַציע-מאַכט און באָנער רעגירונג. אַזוי איז אין נאָוועמבער 1951 יאָר, ביי דער אונטערשטיצונג פון בירגערמייסטער ערנסט רויטער, פאָרגעקומען אין מערב-בערלין אַ פאַרזאַמלונג פון אירע מיטגלידער [25]. צווישן די אָנפירער פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע געפינען זיך: דער עסעס-פּולקאָווניק בערטאָלד בעבעל, עסעס-מאַיאָר

[23] „דאָס ווייסע בוך“ פון 1951 י. ז. 169—170.

[24] די רעמיליטאַריזאַציע, ז. 164.

[25] „דאָס ווייסע בוך“ פון 1951 י., ז. 129.

ווערנער לעיטהאָלד, האָלם עריקס און ביערן רעיקענסאָן. זייער אָנפירער בעכעל האָט אין נאָמען פון די מיטגלידער פונעם פאַרבאַנד אָפן דערקלערט, אז „היינט, פונקט ווי נעכטן, וועלן זיי פאַרטיידיקן די אידעאַלן פון אַדאָלף היטלער“.[26] עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך, אז א סך פון זיי האָבן שוין געפונען באַשעפטיקונג אין דעם באָנער מלוכה־אַפּאַראַט, אין דער פּאָליציי און באַזונדערס ביים פאָר־מירן די נייע ווערמאַכט־אָפּטיילונגען. אזוי, צ. ב., דינט דער עסעס מאַיאָר האַ־ראָלד מילער אין דער גרענעץ־וואַך פון באָן; און דער עסעס־מאַיאָר טייכעל, וועלכער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אייגנהענטיק דערמאָרדן מיט א מעסער 63 געבונדענע סאָוועטישע קריגס־געפאַנגענע, איז איצט א פּאָליציי־פונקציאָנאַר אין שטוטגאַרט.

„וואַפּען עסעס־הילפסגעמיינשאַפט“ (געזעלשאַפט פאַר זעלבסטהילף פון די מיטגלידער פון די עסעס־דיוויזיעס). דאָס איז אן אָפיציעלע אָרגאַניזאַציע פון עסעסאָווצעס, וועלכע איז טעטיק לעגאַל אין מערב־דייטשלאַנד, נישט געקוקט דערויף, וואָס די עסעס איז דורכן אינטערנאַציאָנאַלן נירענבערגער טריבונאַל אָנערקענט געוואָרן אלס פאַרברעכערישע אָרגאַניזאַציע. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע פאָדערט מאַטעריעלע אנטשעדיקונג „פאַר דער צייט פון דערני־דעריקונג און פאַראַכטונג“, פולשטענדיקע רעהאַביליטאַציע, גלייכצייטיק רוקט זי אַרויס דעם פּאָסטולאַט „צו פאַראייניקן אלע יונגע מענטשן אין אייראָפּע, וועלכע האָבן געקעמפט אונטער די פענער פון עסעס, אין איין גרויסער גערמאַ־נישער אייגנהייט“. דעם דאָזיקן לאָזונג האָט אַרויסגערוקט דער גענעראַל פון וואַ־פן־עסעס שטומפּף, וועלכער שטייט — צוזאַמען מיט די גענעראַלן פון וואַפן־עסעס גילע, האוזער און קום — אין דער שפּיץ פון דער נעאָהיטלעריסטישער מיליטאַריסטישער אָרגאַניזאַציע. אין דער „וואַפן עסעס־הילפסגעמיינשאַפט“ קאָנצענטרירן זיך געוועזענע אָפיצירן און זעלנער פון אזעלכע עסעס־דיוויזיעס, וועלכע זענען טרויעריק־באַרימט אין אייראָפּע מיט זייער אכזריות. דאָס זענען די דיוויזיעס „וויקינג“, „עסעס־גאַליציען“, „לעגיאָן דאָראָטא“, „פלאַנדריא“ א. אנד.

אין דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע, ווי אויך אין א סך אנדערע — עפנטלעכע און געהיימע — עסעס־פאַרבאַנדן, געפינען זיך שוין איצט, ווי עס טיילט מיט די דייטשישע פרעסע, העכער 200 טויזנט געוועזענע מיטגלידער פון עסעס, ס.א. און נ.ס.ד.אַ.פּ. בלויז איין פאַרבאַנד פון געוועזענע עסעסאָווצעס ציילט 376 גרופּן צו 200 מענטשן יעדע[27].

---

[26] „טריבונאַ לודו“ פון 1951.XI.16 י.

[27] „דאָס ווייסע בוך“, פון 1952 י., ז. 129.

כדי צו האָבן א באַגריף פון וואָס פאַר אַן אומבאַגרענעצטער פרייהייט עס געניסן איצט אין מערב-דייטשלאַנד די פּראָפעסיאָנעלע היטלעריסטישע פאַרברעכער אונטער די שוץ-פליגל פון דער ענגליש-אַמעריקאַנער אָקופּאַציע-מאַכט און אַדענאַוער-רעגירונג, איז גענוג צו דערמאָנען, אַז שוין פון פרילינג 1951 יאָר איז אין מערב-בערלין טעטיק די „ס.א.-אָפּטיילונג צום אָנדענק פון האָרסט וועסעל“, אין שפּיץ פון וועלכער עס שטייט דער עסעס-פּולק. ראָבערט פראַגע.

די אָרגאַניזאַציעס פון דער געוועזענער עסעס, פּונקט ווי די מיליטערישע פאַרבאַנדן, אָרדענען איין, און איצט וואָס אַמאָל אַלץ אָפטער, פאַרזאַמלונגען, צוזאַמענפאָרן, צוזאַמענפליען, דעפילאַדעס, אויף וועלכע זיי קרעמפּירן זיך גאָרנישט בסדר אונטערצושטרייכן זייערע ביזאַיצטיקע פאַרדינסטן אין קאַמף קעגן פּראָגרעס און קאָמוניזם און מאַניפעסטירן זייער גרייטקייט צו קאָנטינואירן די פעלקערמערדערישע טראַדיציעס. אויף איינעם פון אַזעלכע צוזאַמענפליען אין באַרנבערג האָט דער עסעס-גרופּנפירער און גענעראַל פון וואַפן עסעס פעליקס שטיינער דערקלערט, אַז „דאָס עסעס-מיליטער שטעלט מיט זיך פאָר א בייששפּיל פאַר דער „אייראָפּעישער פאַרטיידיקונגס-געמיינשאַפט“, און דערפאַר דאַרף עס אַריינגיין אין באַשטאַנד פון דער מערב-דייטשישער אַרמיי אַלס איר „גלייכבאַרעכטיקטער“ אָדער אַפילו אַלס א דעצידירנדיקער כוח.

אומאָפּהענגיק פון די פריער דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס פון אַ בולט פאַשיסטיש-מיליטערישן כאַראַקטער עקזיסטירן אין מערב-דייטשלאַנד אונטער פאַרמאַסקירטע נעמען און שילדלעך אַ גאַנצע ריי אַנדערע פאַרבאַנדן און געזעלשאַפטן, וועלכע אַנטוויקלען אויך אַ פאַרברעכערישע טעטיקייט. צו דעם טיפּ פאַרקאָנספּירירטע פאַרבאַנדן געהערן:

דער „פאַרבאַנד פאַר לופט-פאַרטיידיקונג“, וועלכער ציילט 30 טויזנט מענטשן; „טעכנישע הילף“ — 70 טויזנט מאַן. זיי ווערן מיליטעריש אויסגעשולט אונטער דער אָנפירונג פון אינסטרוקטאָרן-סאָפערן פון דער געוועזענער ווערמאַכט;

דער פאַרבאַנד פון געוועזענע ווערמאַכט-זעלנער, באַרעכטיקטע צו מיליטערישער רענטע (ב. וו. פּ.), איז אַנטשטאַנען שוין אין אַפּריל 1950 יאָר. אין שפּיץ פון דעם פאַרבאַנד שטייט דער אַדמיראַל האַנזען.

אין יולי 1951 יאָר האָט זיך דער פאַרבאַנד פאַראייניקט מיט דעם „שוץ-בונד פון געוועזענע דייטשישע סאָלדאַטן“ (וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן אין מערץ 1951 יאָר אונטערן פאָרזיץ פון גענעראַל קראַקאַו). פון דער דאָזיקער פאַראייניקונג איז אַנטשטאַנען אַ נייער פאַרבאַנד אונטערן נאָמען „דויטשער סאָלדאַטען בונד“. ער האָט דאַן געציילט 100 טויזנט מיטגלידער.[28]

---

[28] „דאָס ווייסע בוך“ פון 1951 י., ז. 118.

אין אָנהייב סעפּטעמבער 1951 יאָר האָבן די אַלע אויבן אויסגערעכנטע, ווי אויך א גאַנצע ריי אַנדערע נעאָהיטלעריסטישע מיליטאַריסטישע פאַרבאַנדן אין מערב-דייטשלאַנד זיך פאַראייניקט אין איין גרויסער קאָנפעדעראַציע אונטערן נאָמען „פאַרבאַנד פון דייטשישע זאָלדאַטן“. די אַלגעמיינע מיליטערישע און עסעס-פאַרבאַנדן האָבן זיך פולשטענדיק פאַראייניקט אין די ראַמען פון דער נייער אָרגאַניזאַציע. אין איר באַשטאַנד גייען אויך אַריין אַלס אויטענטישע גרופּן די פאַרבאַנדן פון געוועזענע מיליטערלייט פון די באַזונדערע פאָרמאַציעס און אָפּטיילונגען פון דער ווערמאַכט.

אַלזאָ, דער „פאַרבאַנד פון דייטשישע זאָלדאַטן“ פאַראייניקט אין איין אָרגאַניזאַציאָנעלער קאָנפעדעראַציע דעם „שטאַלהעלם“, „וואַפּען עסעס“, „אַפריקע-קאָרפּס“, „גרינע טייוולאָנים“, „גראָסדויטשלאַנד“, „לופטוואַפנרינג“, „מאַרינע-בונד“, „בראַנדענבורג“, „קורמאַרק“, „פירער-גרענאַדיר-דיוויזיע“, „פירער-באַגלייט-דיוויזיע“, „היימקערער“, און הונדערטער אַנדערע [29]. ווי עס טיילט מיט די פּרעסע, ציילט בלויז „היימקערער“ אַליין העכער 400 טויזנט מיטגלידער. דער „דויטשער זאָלדאַטן-קאַלענדאַר“ פאַרן 1954 יאָר אינפאָרמירט, אַז אין מערב-דייטשלאַנד עקזיסטירן 463 פאַרבאַנדן פון געוו. מיליטערלייט. [30] דער זעלבער „זאָלדאַטן-קאַלענדאַר“ פאַר 1955 יאָר טיילט מיט, אַז די אַלגעמיינע צאָל פאַרבאַנדן, וועלכע גרופּירן ביי 2 מיליאָן מיטגלידער, באַטרעפט שוין 714. די אַלע מיליטאַריסטישע פאַרבאַנדן אין מערב-דייטשלאַנד איבן אויס דורך זייערע מיטגלידער אַ דעציזירטן איינפלוס אויף דער פּאָליטיק פון דער באָנער מאַריאָנעטן-מלוכה.

„דער פאַרבאַנד פון דייטשישע מיליטערלייט“ פאַרמאָגט זיינע אָפּטיילונגען אויפן געביט פון גאַנץ דייטשלאַנד. זיי האָבן באַשטימטע אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַמען לויט רעפּובליקן, פּראָווינצן, געגנטן און ראַיאָנען. [31]

אין דער שפּיץ פונעם „פאַרבאַנד פון דייטשישע מיליטערלייט“ שטייט דער גענ. פריזנער. צו דער פאַרוואַלטונג פונעם פאַרבאַנד געהערן 24 גענעראַלן. צווישן זיי געפינען זיך: שטומפּף, סטודענט, הענטשקע, ראַמקע, פאָן מאַנטייפעל, קרייוועל, אַדמיראַל האַנזען, האַוזער און גיל. גענ. פריזנער איז אין סעפּטעמבער 1951 יאָר אויפגענומען געוואָרן צוזאַמען מיט אַנדערע פאַרוואַלטונגס-מיטגלידער דורך דעם פּרעזידענט פון דער אַזוי-גערופענער פעדעראַלער רעפּובליק הויזן. [32]

---

[29] „טריבונא לודו“ פון 1954.III.18 י.

[30] ד. ס. ק. 1954, ז. 145—164, „דאָקומענטאַציאָן דער צייט“ פון 1954.II.1 י., ז. 3976.

[31] ד. ס. ק. 1954 י., ז. 145—152.

[32] „טריבונאַ לודו“ פון 1951 .IX.13 י.; „נייע פּרעסע“ פון 17.X. 1951 י., מאַריאַן פּאָדקאָווינסקי: דער קאָנגרעס פון די מיליטאַריסטן אין באָן.

„דער פאַרבאַנד פון דייטשישע מיליטערלייט“, וועלכער קאָאָרדינירט און רעפרעזענטירט די טעטיקייט פון אַלע מיליטאַריסטישע פאַרבאַנדן, פאָדערט צו באפרייען און צו רעהאביליטירן די אָפיצירן און זעלנער פון דער ווערמאכט, ווי אויך פון וואַפפען=עסעס. ער רוקט אַרויס רעוואַנזשיסטישע פאָדערונגען לגבי אַלע דייטשישע שכנים און ספעציעל לגבי פוילן. גענ. פריזנער האָט אויף דער ערשטער קאָנפערענץ אין באָן (דעם 8=טן סעפטעמבער 1951 יאָר) דערקלערט: „דער אָנגריף אויף פוילן איז געווען א בארעכטיקטער, ווייל די פאָליאקן, מאָרדנדיק ביי דער גרענעץ די דייטשישע ציווילע באפעלקערונג, האָבן פראָוואָצירט א מלחמה!“.

אַ בולטער באַווייז פון דער טעטיקייט פון „פאַרבאַנד פון דייטשישע מיליטערלייט“ (פ.ד.ס.) איז געווען דער פראָוואָקאַטאָרישער צוזאַמענפאָר פון זיינע 200 פאָרשטייער, וועלכער איז פאָרגעקומען דעם 12=טן מערץ 1954 יאָר אין באָן. דער צוזאַמענפאָר, אין וועלכן עס האָבן אָנטיילגענומען פאָרשטייער פון דער באָנער רעגירונג, איז געשטאַנען אונטערן צייכן פון לעצטנס אָנגענומענעם דורכן בונדעסטאַג מיליטערישן געזעץ וועגן דער רעקרוטאַציע צו דער ווערמאַכט. אויפן צוזאַמענפאָר זענען אַרויסגעטראָטן: עהלערס, פאָרזיצער פון בונדעסטאַג, די מיניסטאָרן: בלאַנק, סטראַוס און העלווענג. זייערע אַרויסטריטן, וועלכע האָבן גערופן צו פאַרשנעלערן די מיליטערישע צוגרייטונגען, צו רעהאַביליטירן און באַפרייען אַלע קריגס=פאַרברעכער און אָנטיילנעמען אין דער אַזוי גערופענער אייראָפעישער אַרמיי, זענען ענטוזיאַסטיש אויפגענומען געוואָרן דורך די היטלערישע גענעראַלן.[33]

דער פאַרבאַנד אַנטוויקלט אַ זייער ברייטע פראָפאַגאַנדיסטישע און אַגיטאַטאָרישע טעטיקייט, פאַרסמענדיק מיטן מיליטאַריסטישן און היטלעריסטישן גיפט די מוחות פון דער מערב=דייטשישער באַפעלקערונג. פראָפ. נאָרדען, לייטער פון פרעסע=אַמט פון דער דייטשישער דעמאָקראַטישער רעפובליק, האָט אויף דער קאָנפערענץ פון 15=טן דעצעמבער 1953 יאָר פעסטגעשטעלט, אַז אָנהייבנדיק פון 1951 יאָר האָט מען אין מערב=דייטשלאַנד אַרויסגעגעבן העכער 200 ביכער, אין וועלכע עס ווערט פאַרגעטערט די פעלקערמערדערישע און רויבערישע מלחמה פון די היטלעריסטישע פאַשיסטן. דאָס זענען קודם=כל די מעמואַרן פון די גענעראַלן און העכערע אָפיצירן, ווי גודעריאַן, הויזינגער, ראָמעל, מאַנטויפעל, קעסעלרינג, סקאָרזעני, כאָלטיץ, שלאַברענדאָרף, האַוזער אא.[34] אַז ענלעכן ציל

[33] „טריבונאַ לודו“ פון 1954.III.19 י.

[34] Gen. Guderian „Erinnerungen eines Soldaten“; gen. H. B. Ramcke „Fallschirmjaeger. Damals und danach“ Frankfurt a/M 1951; gen. SS Paul Hauser „Waffen-SS im Einsatz“ Goettingen 1953; Albert Kesselring „Soldat bis zum letzten Tag“ Bonn 1953; gen. Lothar Rendulitz „Gekaempft-

האָבן אויך געהאַט די מעמואַרן פון די באַקאַנטע היטלעריסטישע דיפּלאָמאַטן: דירקסען, ווייצזעקער, שמידט, שווערין, פאָן קראָסיק, קאָרדט, מייזנער א.א. לעצטנס זענען דערשינען צוויי ביכער: פון עדמונד הערבערטן אונטערן נאָמען „מיר באַפרייען היטלערן“ און פון הייגריך קרושעם אונטערן נאָמען „איך באַפריי היטלערן“. ביידע ביכער גלאָריפיצירן היטלערן און דעם היטלעריזם און פּרוּוון באַווייזן, אַז די „איראָפּעישע אַרמיי“ האָט היטלער שוין אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן אין דער פאָרם פון ספּעציעלע עסעס־דיוויזיעס. ערשט נישט לאַנג צוריק האָט זיך באַוויזן אַן אַלבאָם, וועלכער רימט די בלוטיקע מעשים פון דער ווערמאַכט אין דער צייט פון דער לעצטער מלחמה. נעבן די פאָטאָגראַפיעס פון היטלערן און גודעריאַנען געפינען זיך אין אַלבאָם פאָטאָגראַפיעס, וועלכע שטעלן פאָר דעם טריומפאַלן מאַרש פון די היטלעריסטן קיין פּאַריז.

אומאָפּהענגיק פון די דאָזיקע פּובליקאַציעס דערשייגען רעגולער אין מערב־דייטשלאַנד צייטונגען און פעריאָדישע אויסגאַבעס, וועלכע זענען אָרגאַנען פון פאַרשידענע נעאָהיטלעריסטישע פאַרבאַנדן. צו זיי געהערן קודם־כל: „זאָלדאַטען צייטונג“, „שטאַלהעלם“, „דער פראָנט־זאָלדאַט דערציילט“, „פאָרשריט“, „אָסט וועסט קוריער“, „רונדשוי פאַר וועהרוויסנשאַפט“ (רעדאַגירט דורך דעם היטלעריסטישן גענעראַל טאָפּפּע) און אַנדערע. די אַלע אויסגאַבן האָבן די פולע אונטערשטיצונג פון דער באָנער רעגירונג און ענגליש־אַמעריקאַנער אָקופּאַציע־מאַכט און ווערן סובסידירט דורך דער זעלבער גרופּע מאָנאָפּאָליסטן און באַנקירן, וועלכע האָבן בשעתו פינאַנסירט היטלערן. די דאָזיקע פרעסע צעבלאָזט און האַלט אונטער דעם שאָוויניזם און פּרייסישן מיליטאַריזם, העצט אונטער צו אַ נייער וועלט־שחיטה, אייגפלאַנצנדיק רעוואַנזש־לאָזונגען לגבי פּוילן, ראַטנפאַרבאַנד, טשעכאָסלאָוואַקיע, פראַנקרייך און בעלגיע. זיי פאַראייביקן אין די פּובליקאַציעס (ווי, למשל, אין „דויטשישן זאָלדאַטן־קאַלענדאַר“ פאַרן 1954 יאָר) זייערע בלוטיקע קרייץ־צוגן קעגן די פרייע פעלקער, די דאַטעס פון זייערע צייטווייליקע זיגן בעת דער לעצטער מלחמה, די יאָרטאָגן פון פאַרניכטן וואַרשע, פּאַריז א. אַז. וו.

Gesiegt-Geschlagen“; Otto Skorzenny „Geheimskommando Skorzenny“; Fabian Schlabrendorff „Offiziere gegen Hitler“; Edmund Herbert „Wir sprechen Hitler frei“; Hermann Teske „Die silbernen Spiegel“ (Generalstabsdienst); J. Erasmus „Der geheime Nachrichtendienst“ Goetlingen 1952 (Dzieje Abwehry); Heinrich Kruschem „Ich spreche Hitler frei“; gen. Halder „Hitler als Feldherr“.

IV

בלאַנקס אַמט — באָנער מיניסטעריום פאַר מיליטערישע ענינים

דער אָפיציעלער צענטער, אין וועלכן עס איז געוואָרן און ווערן קאָאָרדינירט אַלע אָרגאַניזאַציאָנעלע און סטראַטעגישע פּלענער פון ווידעראויפשטעלן דעם דייטשישן מיליטאַריזם, איז דער אַזוי=גערופענער אַמט פון בלאַנקן ביי דער באָנער רעגירונג. בלאַנקס אַמט, וואָס איז אין אָנהייב געווען בלויז אַ פאָרמעלער רעפּאַרטאַמענט פאַר די ענינים פון איינקוואַרטירן דאָס אָקופּאַציע=מיליטער, איז מיט דער צייט געוואָרן דער אָפיציעלער אַמט פון באַפולמעכטיקטן פאַר „די פראַגן פון זיכערקייט פון דער פעדעראַלער רעפּובליק“. אין שפּיץ פון דעם דאָזיקן אַמט שטייט פון 26=טן נאָוועמבער 1950 יאָר אָן טעאָדאָר בלאַנק, דער מיטגליד פון באָנער פּאַרלאַמענט מצד דער צ.ד.או. (אַדענאַוערס פּאַרטיי) [1].

שוין אין צווישנמלחמה=פּעריאָד האָט בלאַנק פאַרנומען דעם אַמט פון סעקרעטאַר פון דעם אַזוי=גערופענעם קריסטלעכן פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון פאַבריקאון טראַנספּאָרט=אַרבעטער. בעת דער ערשטער וועלט=מלחמה איז בלאַנק געווען אַן אָפיציר פון דער ווערמאַכט און נאָך דער מלחמה האָט ער זיך מתחילת אומגעקערט צו פּראָפעסיאָנעלער טעטיקייט. ער איז געוואָרן פירער פון דעם אָפּגעשפּאָלטענעם צעברעכערישן טייל פון דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון די קוילנגרעבער. נאָכן באַזייטיקן שווערינגן, האָט מען אלס שעף פון דעם אַנטשטייענדיקן קריגס=מיניסטעריום באַשטימט טאַקע דעם רעזערוו=אָפיציר בלאַנק, כדי צו מאַסקירן דעם פאַקטישן כאַראַקטער פון דער דאָזיקער פלאַצוווקע [2].

בלאַנקס אַמט איז אַנטשטאַנען אויפן יסוד פון אַן אַנאַלאָגישער פלאַצוווקע, וועלכע האָט עקזיסטירט ביז דער צייט ביי דער באָנער רעגירונג. די פלאַצוווקע

---

[1] ד. ס. ק. 1954 י., ז. 131; „דאָס ווייסע בוך“ פון 1951 י., ז. 247.

[2] „נאָווע טשאַסי“ נום. 47 פון 1953 י., אָ. נאַקראָפין: דער בלאַנק=אַמט.

איז אָפיציעל געשאַפן געוואָרן אין סעפטעמבער 1950, גלייך נאָך דער ניו-יאָרקער קאָנפערענץ (19.IX.1950), אויף וועלכער די אויסערן-מיניסטאָרן פון די פאַראייניקטע שטאַטן, ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבן באַשלאָסן צוצואיילן די רעמיליטאַריזאַציע פון מערב-דייטשלאַנד און עם איינגלידערן אין דעם אַגרעסיוון אַטלאַנטישן פאַקט. דאַן טאַקע האָט אַדענאַוער אָפגעהאַלטן אַ באַראַטונג מיט די גענעראַלן מאַנטויפעל, שפּיידעל און שווערין, אין רעזולטאַט פון וועלכער דער לעצטער איז באַשטימט געוואָרן אַלס מיליטערישער ראַטגעבער פון באָנער קאַנצעלאַריע און לייטער פון ניי-געשאַפענעם אַמט.

אין נאָוועמבער 1950 יאָר האָט אַדענאַוער באַפרייט שווערינען פון זיין אַמט, ווייל ער האָט פריצייטיק זיך צוגעאיילט אויפצודעקן די געהיימע פּלענער פון רעמיליטאַריזירן מערב-דייטשלאַנד און דערפאַר איז ער געוואָרן אומבאַקוועם סיי פאַר דער באָנער רעגירונג, סיי פאַר דער ענגליש-אַמעריקאַנער אָקופּאַציע-מאַכט. בלאַנק האָט דאַן איבערגענומען די אָנפירונג פון דער פּלאַצוווקע צוזאַמען מיט אַ שטאַב מיליטערישע מיטאַרבעטער, צווישן וועלכע עס געפינען זיך, צווישן אַנדערע, די גענעראַלן שפּיידעל און האַוזינגער, ווי אויך דער פּולקאָווניק גראַף פאָן קילמאַנזעג. די לעצטע רעכענען זיך אַלס ספּעציעל-ווערטפולע פאַכמענערישע כוחות, „אַלס אויסערגעוויינלעכע פאַכקענער אין די פראַגן פון פירן מלחמה אין רוסלאַנד“.

לכתחילה האָט בלאַנקס אַמט באַשעפטיקט קוים 20 באַאַמטע.[3] און אין סוף 1952 יאָר האָבן שוין אין אים געאַרבעט העכער 500 פּערזאָן, דערין ביי אַ 200 געוועזענע אָפיצירן פון היטלעריסטישן גענעראַל-שטאַב. אין סוף 1953 יאָר האָט בלאַנקס אַמט שוין געציילט 910 עטאַטירטע פונקציאָנאַרן.

בלאַנקס אַמט איז פאַקטיש אַ מיניסטעריום פאַר קריגס-ענינים. ער פאַרמאָגט אַ גאַנצע ריי ספּעציעלע דעפּאַרטאַמענטן פאַר מיליטערישע סטודיעס, קאָשאַרירונג, פאַרבינדונג מיט אויסלאַנד, אַדמיניסטראַציע, פּרעסע און פּראָפּאַגאַנדע, שולונג א. אַז. וו.[4] גלייכצייטיק געפינט זיך אינעם מיניסטעריום פאַר אינער-

[3] „דאָקומענטאַציאָן דער צייט“, העפט 63 פון 1.II.1954 י.

[4] „דער דייטשישער זאָלדאַטען-קאַלענדאַר“ פון 1954 י., ז. 131 אינפאָרמירט לויטן צושטאַנד פון יולי 1953 י. די פאָלגנדיקע סטרוקטור און אָנפירונגס-באַשטאַנד פונעם בלאַנק-אַמט:

בלאַנקס פאַרטרעטער — ד"ר האָלץ,
מיליטערישע אָפּטיילונג — גענ. הויזינגער,
פאַרוואַלטונגס-אָפּטיילונג — ווירמער,
מיליטער-פּאָליטישע אָפּטיילונג — פּולק. גראַף קעלמאַנזעג,
פּלאַנונגס-שטאַב — פּולק. פאָן באָנין,
פּערסאָנאַל-וועזן — פּולק. בראַנדשטעטער,

לעבע ענינים אַ פאַרקאָנספּירירטער גענעראַל־שטאַב מיט ספּעציאַליסטן פאַר פאַר=
שידענע מינים געווער, וועלכע פירן כלומרשט אָן מיט די באַנער פּאָליציייאישע
כוחות, און אין ווירטשאַפטס־מיניסטעריום פונקציאָנירט אַן אַפּאַראַט פאַר צו=
טיילן באַוואָפענונגס־באַשטעלונגען. אַ פאַכמענישע פראַנצויזישע צייטשריפט [5]
טיילט מיט, אַז אין בלאַנקס אַמט אַרבעטן 45 גענעראַלן, 146 פּולקאָווניקעס, 600
אָפיצירן פון גענעראַל־שטאַב, 300 אונטעראָפיצירן, ווי אויך אַ גאַנצע ריי אַנדערע
מיליטערישע ספּעציאַליסטן, אויסגעקליבן אין דער מערהייט פון די פּליטים פון
מזרח.

בלאַנקס אַמט האָט זיך אויסגעבילדעט אין רעזולטאַט פון דער צענטראַליזאַ=
ציע פון עטלעכע אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט פראַגן פון רעמי=
ליטאַריזירן מערב־דייטשלאַנד. צוגרייטנדיק באַלד נאָכן פאַרענדיקן די מלחמה
נייע אַגרעסיע־פּלענער קעגן ראַטנפאַרבאַנד און די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענ=
דער,האָבן די רעגירונגען פון די מערב־גרויסמאַכטן זיך באַנוצט — אין אָנהייב
שטרענג געהיים — מיט געוועזענע גענעראַלן פון דער ווערמאַכט אלס „ספּעציא=
ליסטן“ פון אַן אָנפאַל־מלחמה. אויפן באַפעל פון די ענגליש־אַמעריקאַנער מיליטע=
רישע קרייזן האָבן די זאַכקענער באַאַרבעט נייע מלחמה־פּלענער, נעמענדיק
דערביי אין באַטראַכט דעם אָנטייל פון די דייטשישע באַוואָפנטע כוחות, וואָס
וועלן צוריק אויפגעשטעלט ווערן.

די ערשטע פון דעם מין היטלעריסטישער גרופּע מיליטערישע זאַכקענער,
וועלכע האָבן געאַרבעט פאַר דער אמעריקאנער מיליטערישער מאכט, איז געווען
דער אזוי גערופענער קאָמיטעט פון מלחמה־היסטאָריקער, אין וועמענס באַשטאַנד
עס זענען אַריינגעגאַנגען די גענעראַלן האַלדער, גודעריאַן און בוסע. דאָס זענען
באַקאַנטע פאַשיסטישע גדולים, די מיטשעפער פון „באַרבאַראָסאַ“־פּלאַן (פּלאַן
פון אָנפאַל אויפן ראַטנפאַרבאַנד).

גען. פ ר אַ נ ץ ה אַ ל ד ע ר, געוועזענער שעף פונעם גענעראַל־שטאַב פון
דער ווערמאַכט (היטלעריסטישער הויפּט־טעאָרעטיקער פון די גרונט־פּרינציפּן פון
דער סטראַטעגיע פון אָנפאַל־מלחמות אין 20 יאָרהונדערט). האַרט פאַר דער
2־טער וועלט־מלחמה האָט האַלדער אויף דער פאַרזאַמלונג פון העכערע אָפיצירן
און פאַשיסטישע אָנפירער אין דער מיליטערישער אַקאַדעמיע אין בערלין פאָר=
געשטעלט זיין קריגס־טעאָריע מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „אונדזער מלחמה וועט

טעכנישע אָפּטיילונג — פּולק. עבערהאַרדט,
רעכטס־אָפּטיילונג — ד״ר באַרט,
אונטערברינגונגס־אָפּטיילונג — ד״ר לאָש,
בעשאַפונגס־אָפּטיילונג — ד״ר רענטראָפּ.

[5] „לאַ ווי מיליטער“ (פּאַריז) פון 15.I.1954 י. און די „הומאַניטע“ פון 28.I.1954 י.

זיין אַ קאָמבינאַציע פון לופט=אָנגריפן, וועלכע וועט מיט איר מאַסן=טעטיקייט אַרויסרופן אַ בהלה. די נייע מלחמה — דאָס זענען קריגס=אָפּעראַציעס פאַרבונדן מיט אָנווענדן טעראָר, אָפּשרעקונגען, סאַבאָטאַזש און מאָרדן איבער רעגירונגס=מיטגלידער". אין האַלדערס הענט האָבן זיך קאָנצענטרירט אַלע אָפּעראַציע=פּלענער קעגן ראַטנפאַרבאַנד. האַלדערן האָט מען שטענדיק געהאַלטן פאַר אַ ספּעציאַליסט אין די ענינים פון אַגרעסיע אויפן מזרח. [6]

צוליב האַלדערס קוואַליפיקאַציעס טאַקע האָט מען אים — נישט געקוקט אויפן געזעץ וועגן פאַרפאָלגן די היטלעריסטישע קריגס=פאַרברעכער און שטעלן זיי פאַרן טריבונאַל — נישט איבערגעגעבן צום געריכט. דאָס דענאַציפיקאַציע=געריכט אין מינכען אונטערן פאָרזיץ פון פאָן דעוויץ (האַלדערס פריינד) האָט אין 1948 יאָר אָנערקענט, אַז האַלדער פאַלט נישט אַרונטער דעם דענאַציפיקאַציע=געזעץ. [7] ספּעציעל באַלערנדיק איז דער פאַקט, אַז ווען די בייערישע מאַכט האָט אין 1949 יאָר באַשלאָסן, אַז האַלדער זאָל זיך שטעלן פאַרן אַפּעלאַציע=געריכט, איז דער אַמעריקאַנער מיליטערישער גובערנאַטאָר לוקיוס קלעי קאַטעגאָריש אַרויסגעטראָטן קעגן דעם באַשלוס, מאָטיווירנדיק, אַז „האַלדער איז פאַרנומען. האַלדער האָט אַרבעט איבער די אויערן. האַלדער קאָן נישט אַרויספאָרן אַפילו אויף אַ מינוט, ווייל אָן האַלדערן וועלן מיר זיך לחלוטין נישט געבן קיין עצה". [8]

אין 1949 יאָר האָט דאָס דענאַציפיקאַציע=געריכט אויפן באַפעל פון דער אַמעריקאַנער מאַכט האַלדערן נישט נאָר באַפרייט און רעהאַביליטירט, נאָר אַפילו אָנערקענט אַלס „קעמפער פון דער דייטשישער ווידערשטאַנד=באַוועגונג". די דאָזיקע ידיעה האָט אַרויסגערופן אַן אַלגעמיינע אויפרעגונג צווישן אַלע פעלקער און ספּעציעל צווישן די, וועלכע זענען געפאַלן אַ קרבן פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע אין די יאָרן 1939—1945. די פאַרברעכנס קעגן דער מענטשהייט, וואָס האַלדער איז באַגאַנגען, זענען געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן אַפילו אויפגערודערט דעם פאַשיסטישן דיפּלאָמאַט אולריך פאָן האַסעלן, וועלכער שרייבט אין זיינע דערינערונגען: „די האָר שטעלן זיך קאַפּויר, ווען מען לייענט די באַפעלן צום מיליטער מיט האַלדערס אונטערשריפט, וועגן די מעטאָדן, וועלכע דאַרפן אָנגעווענדעט ווערן אין רוסלאַנד". [9]

האַלדער איז דורך די אַמעריקאַנער שטאַבלייט איבערגענומען געוואָרן דירעקט פון היטלעריסטישן שטאַב. פון 1946 יאָר אָן אַרבעט ער אָפיציעל אין דער

---

[6] מיעלניקאָוו און טשאַרנאַיאַ: די היטלעריסטישע גענעראַלן, ז. 29—31.
[7] „פּזשעגלאָנד זאַכאָדני" 1948, נום. 11, ז. 592—593.
[8] מיעלניקאָוו און טשאַרנאַיאַ: די היטלעריסטישע גענעראַלן, ז. 29.
[9] דער נירענבערגער פּראָצעס (רוסיש), ב. 1, ז. XVI.

היסטאָרישער סעקציע פון גענעראַל־שטאַב פון די פאַראייניקטע שטאַטן. האַלדער איז געווען איינער פון די ערשטע דייטשישע מיליטערישע זאַכקענער, וועלכע זענען אַנגאַזשירט געוואָרן דורך די אַמעריקאַנער.[10]

אָפּגעבנדיק זיך אַ רעכענונג פון די שוועריקייטן ביים דערלאַנגען די דייטשישע יוגנט פאַר אַ נייער וועלט־שחיטה, האָט האַלדער געראַטן די פאַראייניקטע שטאַטן זיך אָנצושפּאַרן אין דער ערשטער ריי אויף די געוועזענע אָפיצירן און זעלנער פון דער היטלעריסטישער ווערמאַכט... אין דעם אינטערוויו פאַרן „ניו־יאָרק העראַלד טריבון" האָט האַלדער אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער נויטווענדיקייט צו „רעקרוטירן אין דער ערשטער ריי די אַמאָליקע זעלנער, וואָס האָבן דערפאַרונג אין קאַמף קעגן ראַטנפאַרבאַנד, כדי אין פאַל פון אַ נויטווענדיקייט צו האָבן זיי אונטער דער האַנט".[11]

פונקט ווי די אַנדערע היטלעריסטישע גענעראַלן, האָט אויך האַלדער אין 1949 יאָר אַרויסגעגעבן אין מינכען אַ ביכל אונטערן נאָמען „היטלער אַלס פעלדהער", אין וועלכן ער באַמיט זיך נישט בלויז צו רעהאַביליטירן, נאָר אַפילו צו גלאָריפיצירן די ווערמאַכט. האַלדער געהערט צו דער באַקאַנטער פאַשיסטישער פאַרטיי פ.ד.פ.[12]

גענ. היינץ גודעריאַן. שוין אין די יאָרן 1918—1939 האָט ער געאַרבעט אין דייטשישן גענעראַל־שטאַב. אין אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער קאָמאַנדיר פון XIX פאַנצער־קאָרפּוס, וועלכער איז דעם 1־טן סעפּטעמבער 1939 יאָר אָנגעפאַלן אויף פוילן אין כאָיניצער ראיאָן, שפּעטער האָט ער אָקופּירט פּאָמערן און אָנגעפירט מיט דער באַלאַגערונג פון ווארשע. זיינע מיליטער־אָפּטיילונגען האָבן דאָס טאַקע אין סעפּטעמבער 1939 יאָר דורכגעפירט די מוראדיקע שחיטה איבער דער יידישער און פוילישער באַפעלקערונג אין בידגאָשטש („דער בלוטיקער זונטיק"). פאַר די פאַרדינסטן אין דער אַגרעסיע אויף פוילן האָט גודעריאַן באַקומען אַ ריטער־קרייץ אין חודש אָקטאָבער 1939 יאָר, ווען ער האָט צוגעגרייט דעם פּלאַן פונעם אָנפאַל אויף פראַנקרייך. אין פעברואַר 1943 יאָר איז גודעריאַן נאָמינירט געוואָרן אַלס אינספּעקטאָר פון אַלע דייטשישע פאַנצער־כוחות. דעם 21־טן יולי 1944 יאָר נאָמינירט אים היטלער אַלס שעף פון דייטשישן שטאַב פון די יבשה־כוחות אויפן מזרח־פראָנט און גודעריאַן איז שוין

[10] „פראַנס ד'אַבאָר" פון 1953.III.19 י.

[11] מאַריאַן פּאָדקאָווינסקי: פון דער וואַפּען־עס־עס ביז צו דער אייראָפּעישער אַרמיי". „טריבונאַ לודו" פון 1954.I.30 י.

[12] „קאָיער אינטערנאַסיאָנאָ" נומ. 42 פון יאַנואַר 1953 י.



די געוועזענע גענעראַלן פון דער ווערמאַכט און ס״ס, באַוווּסטע מלחמה־פאַר־ברעכער, שטייען ווידער אין שפּיץ פון די רעוואַנשיסטישע באַוואָפנטע־כוחות פון דער „באָנער רעפּובליק“.



נעכטיקע היטלעריסטישע פעלקערמערדער גרייטן זיך שוין אויפסניי צו באַזיגן
און פאַרשקלאַפן די פעלקער פון אייראָפּע

דירעקט אונטערגעאָרדנט נאָך היטלערן [13]. גודעריאַנס פּאַנצער־אַרמיי האָט אָנטייל־גענומען אין די שלאַכטן הינטער אָריאָל און קורסק, ווו זי איז צעגראָמירט געוואָרן דורך דער סאָוויעטישער אַרמיי.

די דערפאַרונגען פון דער דייטשישער מאָטאָריזירטער אַרמיי אויפן מזרח האָט גודעריאַן באַשריבן אין זיינע מעמואַרן, וועלכע זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אונטערן נאָמען „דערינערונגען פון אַ זעלנער". דער סענאַטאָר מאַק קאַרטי האָט דאָס ביכל באַצייכנט אַלס „די ביבל פאַרן אַמעריקאַנער גענעראַל־שטאַב" [14].

גודעריאַן איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר חרוב מאַכן סאָוויעטישע שטעט און דערפער, פאַר דערמאָרדן מיליאָנען פּאָליאַקן, יידן, רוסן, ווייסרוסן און אוקראַינער, און אויך פאַר חרוב מאַכן וואַרשע אין אויגוסט 1944 יאָר. אין אויגוסט 1944 יאָר האָט גודעריאַן געשיקט — ווי ער דערמאָנט אין זיינע מעמואַרן — צום גענעראַל־גובערנאַטאָר האַנס פראַנקן פּאַנצער־מיליטער מיטן באַפעל צו פאַרניכטן וואַרשע.

פאַר די דאָזיקע אַלע פאַרברעכנס איז גודעריאַן נישט געמשפּט און נישט באַשטראָפט געוואָרן. ער איז אויך נישט אַרויסגעגעבן געוואָרן פּוילן, נישט געקוקט אויף דער עקסטראַדיציע־פאָדערונג נאָך אין סעפּטעמבער 1947 יאָר. די ענגליש־אַמעריקאַנער מאַכט האָט אָפּגעזאָגט אַרויסצוגעבן גודעריאַנען, ווייל „ער איז זיי נייטיק אויף אַן אומבאַשטימטער צייט" [15].

און ווירקלעך, נאָך דער קאַפּיטולאַציע פון דייטשלאַנד איז גודעריאַן תיכף צוגעטראָטן צו דער אַרבעט אין דער „היסטאָרישער סעקציע" פון אַמעריקאַנער גענעראַל־שטאַב. אויף דער איינלאַדונג פון פּענטאַגאָן פאָרט ער אין יאַנואַר 1951 יאָר קיין וואַשינגטאָן. אין אויפטראַג פון פּענטאַגאָן, אין שייכות מיטן איינשליסן דעם נאָענטן מזרח אין אַטלאַנטישן פּאַקט, פאָרט גודעריאַן אין פעברואַר 1951 יאָר קיין עגיפּטן [16]. גודעריאַן אַנטוויקלט אויך אַ פּאָליטישע טעטיקייט אין מערב־דייטשלאַנד. אין נאָמען פון דער רעכטער גרופּירונג „רייכסבלאָק" קאַנדידירט ער אין 1953 יאָר צום בונדעסטאַג. [17] ער טרעט אַרויס מיט רעוואַנזשיסטישע לאָזונגען לגבי די פּוילישע מערב־געביטן, גלאָריפיצירט היטלערן און פאָדערט צו שאַפן די „איידאָפּעישע אַרמיי" מיטן אָנטייל פון דער ווערמאַכט. אין זיינע דערינערונגען שרייבט ער צווישן אַנדערן: „די טאַטן פון היטלערן קאָן מען משפּטן וויאַזוי מען

---

[13] גודעריאַנס דערקלערונגען פאַרן פּוילישן פּראָקוראָר אין נירנבערג דעם 29.I.1946 י., פאַרעפנטלעכט אין דער פּובליקאַציע: „די פאַרניכטונג פון וואַרשע", ז"ז 97—145.

[14] „דאָס ווייסע בוך" פון 1951 י., ז. 241—245.

[15] דאָקומענטן פון פּיינטלעכער טעטיקייט, ז. 29.

[16] „פראַנס ד'אַבאָר" פון 19.III.1953 י.; „נייע פּרעסע" פון 10.III.1951 י.

[17] „טריבונאַ לודו" פון 29.VIII. און פון 5.IX.1953 י. אָרטיקל פון מ. פּאָדקאָווינסקי: „אַדענאַוערס וואַלן".

וויל, אָבער זיין קאמף האָט גוט צוגעדינט אייראָפּע... די ערשטע אייראָפּעישע אידעע איז רעאליזירט געוואָרן אינערהאלב פונעם עסעס=מיליטער; דאָרט טאקע האָבן די פעלקער אָנגעקניפּט פּעדעם, וועלכע מען וואָלט נישט געדאַרפט צערייסן... מיר פאָדערן טעריטאָריעס, וועלכע ליגן אויף מזרח פון דער ערדע און ניסע...“ [18].

אין דער העלפט מאַי 1954 יאָר איז גודעריאַן אין עלטער פון 65 יאָר געשטאָרבן. די מיליטעריש=היטלעריסטישע קרייזן האָבן זיין לוויה פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסער מיליטאַריסטישער און רעוויזיאָניסטישער דעמאָנסטראַציע.

ג ע נ. ב ו ס ע איז דער געוועזענער שעף פון מאַנשטיינס שטאַב. ער האָט צונויפגעשטעלט דעם פּלאַן פון דעראָבערן סטאַלינגראַד און פון דער קרימער קאַמפּאַניע. ער האָט ענג צוזאַמענגעאַרבעט מיטן עסעס=גענעראַל אָלענדאָרף, דעם אָנפירער פון די עסעסישע אָפּעראַציע=גרופּן (אייגזאַץ=גרופּן), וועלכע זענען געווען טעטיק אויף די ציוויליק=אָקופּירטע סאָוויעטישע געביטן. בוסע איז דעריבער מיטפאַראַנטוואָרטלעך פאַר אויסמאָרדן הונדערטער טויזנטער מענטשן פון דער ציווילער באַפעלקערונג.

אינערהאַלב דעם קאָמיטעט פון די מלחמה=היסטאָריקער, אין שפּיץ פון וועלכן עס זענען געשטאַנען די גענעראַלן האַלדער, גודעריאַן און בוסע, איז אַנטשטאַנען דער אַזוי=גערופענער האַלדער=פּלאַן. דער דאָזיקער פּלאַן איז באַאַרבעט געוואָרן זומער 1950 יאָר פאַר די אַמעריקאַנער הויפּט=קאָמאַנדירן און איז נוגע דעם ווידערגעבורט פון מערב=דייטשישן מיליטאַריזם, ווי אויך זיין אָנטייל אין די אַמעריקאַנער אַגרעסיע=פּלענער. האַלדערס פּלאַן האָט פאָרגעזען דאָס צעטיילן מערב=דייטשלאַנד אויף 9 מיליטערישע ראַיאָנען און 4 לופט=סטרעפעס. ער האָט פאָרגעלייגט צו שאַפן אין אָנהייב 26 דיוויזיעס אינפאַנטעריע=מיליטער, פּאַנצער=אָפּטיילונגען א. אז. וו. דער פּלאַן האָט געדאַרפט איינגעפירט ווערן אין לעבן אין 3 עטאַפּן. אין ערשטן פעריאָד האָט געדאַרפט אויסגעשולט ווערן אין משך פון אַ האַלב יאָר 25 טויזנט אינסטרוקטאָרן; אין צווייטן פעריאָד האָט מען געדאַרפט אָרגאַניזירן מיליטערישע רעקרוטיר=פּונקטן אין אַלע מיליטערישע ראַיאָנען, און אין לעצטן עטאַפּ האָט געדאַרפט דורכגעפירט ווערן די מאָביליזאַציע און שולונג פון די ניי=געשאַפענע מיליטערישע אָפּטיילונגען. [19]

גלייכצייטיק האָט גענ. מאַנטויפעל צוזאַמען מיט אַ צווייטער גרופּע באַאַרבעט אַן אַנאַלאָגישן מלחמה=פּלאַן. אין מאַי 1950 יאָר האָט מאַנטויפעל — אַלס פאָרשטייער פון „ברודערשאַפט“ — פאָרגעלייגט דער ענגליש=אַמעריקאַנער מיליטערישער מאַכט אַ פּלאַן פון שנעלן רעמיליטאַריזירן מערב=דייטשלאַנד, וואָס וואָלט עס

[18] „וואָלאַ לודו“ פון 1951.X.6 י.; „פראַנס ד׳אַבאָר“ פון 1953.III.12 י.

[19] „דאָס ווייסע בוך“ פון 1951 י. ז. 265.

פֿאַרזיכערט די אָנפֿירנדיקע ראָל אין אייראָפּע און פֿאַרוואַנדלט מערב=אייראָפּע
אין אַ „פֿעלד פֿון כּוח“ פֿאַר דער צוקונפֿטיקער אַגרעסיע אויף מיזרח.[20]

אויסער דעם, האָט אַ צווייטע גרופּע גענעראַלן אונטער דער אָנפֿירונג פֿון
העלמוט העיע און פֿרידריך רוגע אויפֿן באַפֿעל פֿון דער אָנפֿירונג פֿון אָקופּאַציע=
מיליטער זיך פֿאַרנומען מיט צוגרייטן פּלענער פֿון ווידעראויפֿבויען די דייטשישע
ים=כּוחות. אַנדערע גענעראַלן (מאַלמאַן, העקערט א. אַנד.) האָט מען באַאויפֿ=
טראַגט צו באַאַרבעטן די טעכנישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע פּלענער פֿאַר דער צו=
קונפֿטיקער ווערמאַכט. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט דער גענעראַל העקערט צונויפֿגע=
שטעלט אַ קאַרטאָטעקע פֿון אַלע געוועזענע פּראָפֿעסיאָנעלע דייטשישע אָפֿיצירן.

די צוזאַמענאַרבעט פֿון דער אַמעריקאַנער מיליטערישער מאַכט מיט די דיי=
טשישע מיליטאַריסטישע קרייזן איז אויך אויף א צווייטן אָפּשניט געווען זייער
אַן ענגע. אין 1948 יאָר האָט די רעגירונג פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן אַריבער=
געפֿירט פֿון מערב=דייטשלאַנד קיין אַמעריקע אַ גרופּע פֿון 200 היטלעריסטישע
עקספּערטן פֿון דער „לופֿטוואַפֿע“, וועלכע האָבן מיטגענומען מיט זיך אַן ערך פֿון
1200 טאָן וויסנשאַפֿטלעכע מאַטעריאַלן וועגן דער מיליטערישער אַוויאַציע. זייערע
דערפֿאַרונגען אויף דעם דאָזיקן געביט האָבן זיי איבערגעגעבן דעם אַמעריקאַנער
לופֿט=פֿלאָט, כּדי אים „צו פֿאַרזיכערן אַן איבערגעוויכט אין דער לופֿט“.[21]

די מלוכות פֿון די מערב=גרויסמאַכטן באַגרענעצן זיך לגמרי נישט, אַפֿילו
אין אָנהייב=פּעריאָד, צו באַאַרבעטן בלויז פֿאַרשידענע פּלענער פֿון רעמיליטאַריזירן
מערב=דייטשלאַנד; זיי זענען תּיכּף צוגעטראָטן צו שאַפֿן געוויסע פֿאָרמאַציעס,
וועלכע דאַרפֿן זיין דער עמבריאָן פֿון דער צוקונפֿטיקער ווערמאַכט. שוין אין
יאַנואַר 1948 יאָר האָט דער אַמעריקאַנער מיליטערישער גובערנאַטאָר גענ. קלעי
געפֿאָדערט צו שאַפֿן די דייטשישע אַרמיי אין דער צאָל פֿון 500 טויזנט מאַן,
אין וועלכער עס דאַרפֿן אַריינגיין 200 טויזנט מאַן פֿון פּאָליציייִשע פֿאָרמאַציעס,
150 טויזנט — פֿון די אַזוי=גערופֿענע אַרבעטס=באַטאַליאָנען, ווי אויך 150 טויזנט
מאַן פֿון פֿאַרשידענע הילפֿס=בריגאַדעס.[22]

אין הסכּם מיט די אָנווייזונגען פֿון דער אַמעריקאַנער מאַכט איז מען תּיכּף
צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן אין דער ערשטער ריי פּאָליציייִשע אָפּטיילונגען, וועל=
כע האָבן געטראָגן אַ בפֿירוש=מיליטערישן כאַראַקטער. אין באַשטאַנד פֿון די דאָ=
זיקע פּאָליציי=אָפּטיילונגען זענען אַריינגענומען געוואָרן אַ באַדייטנדיקע צאָל
עסעסאָווצעס. „די וועלט“ פֿון 10=טן פֿעברואַר 1951 יאָר האָט מיטגעטיילט —

---

[20] מיעלניקאָוו און טשאַרנאַיאַ: די היטלעריסטישע גענעראַלן, ז. 34; „דאָס ווייסע
בוך“, ז. 257.
[21] „פּוזשעגלאָנד זאַכאָדני“ 1948 י., נומ. 4.
[22] „דאָקומענטאַציאָן דער צייט“, נומ. 63 פֿון 1.II.1954, ז. 39—69.

לויט דער דערקלערונג פון לעהרן, דעם באָנער מיניסטער פאַר אינערלעכע ענינים — אַז די פּאָליציייאישע כוחות וועלן ציילן העכער 100 טויזנט מאַן.

צום סוף פון 1954 יאָר האָבן שוין די פאַרשידענע פּאָליציייאישע פאָרמאַציעס (פעדעראַלע, פּראָווינציאָנעלע און פּאָליציייאישע הילף) געציילט צוזאַמען 174 טויזנט זעלנער און אָפיצירן. אין די דאָזיקע אָפּטיילונגען האָט מען איינגעשלאָסן געוועזענע אָפיצירן און זעלנער פון דער ווערמאַכט, ס.ס. און ס.א. איינער פון די פּאָליציי-קאָמאַנדירן איז דער גענעראַל אַנטאָן גראַסער. דאָס „ווייסע בוך“ פון 1951 יאָר רעכנט אויס א סך עסעסאָווצעס, אפילו פון הימלערס שטאַב און אַנדערע עסעסישע אַמטן, וועלכע שטייען איצט אין שפּיץ פון ספּעציעלע פּאָליציי-אָפּטיילונגען אין מערב-דייטשלאַנד. אויך די גרענעץ-וואַך אין מערב-דייטשלאַנד איז א פאָרמאַציע, וואָס איז אָרגאַניזירט לויטן מיליטערישן שטייגער און האָט נאָך אין 1951 יאָר געציילט העכער 10 טויזנט מאַן. איצט ציילט זי שוין איבער 20 טויזנט. עס ווערט פּלאַנירט איר פאַנאַנדערבויען ביז 60 טויזנט. 93 פּראָצענט פון אירע אָפיצערישע קאַדרען זענען געוועזענע אָפיצירן פון דער ווערמאַכט און היטלעריסטישער פּאָליציי. די קאָמאַנדירן פון דער גרענעץ-פּאָליציי זענען די געוועזענע היטלעריסטישע גענעראַלן: גיזע, ברון, האָפּנער א. אַנד. וועגן מיליטערישן כאַראַקטער פון דער גרענעץ-פּאָליציי זאָגט עדות זייער פאָרם פון באַוואָפענונג (מאַשין-געווער, מינען-וואַרפער, פאַנצער-אויטאָס א. אז. וו.). ווי עס טיילט מיט דער באָנער פּאָליציי-אָרגאַן „פּאָליציי פּראַקסיס“, דאַרף די גרענעץ-פּאָליציי אינגיכן אויסגעשטאַט ווערן מיט טאַנקען און אַנדערע מינים פאַנצער-געווער. די דאָזיקע אָפּטיילונגען זענען אונטערגעאָרדנט דעם שעף פון דער VI אָפּטיילונג ביים באָנער אינערן-מיניסטעריום — דעם געוועזענעם היטלעריסטישן גדול האַנס עגידין[23].

אומאָפּהענגיק פון די אויבן אויסגערעכנטע פאָרמאַציעס עקזיסטירן אין אַלע דריי אָקופּאַציע-זאָנעס די אַזוי גערופענע „אַרבעטס-אָפּטיילונגען“, וועלכע האָבן זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן צו רעגולערע געדונגענע אַרמייען. די אַרבעטס-אָפּטיילונגען און די פּאָליציי-פאָרמאַציעס האָבן שוין אין דער העלפט 1950 יאָר געציילט — לויט די אָנגאַבן פון אינפאָרמאַציע-אַמט פון דער דייטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק — אַן ערך 200 טויזנט מאַן, דערפון אין דער אַמעריקאַנער זאָנע — 107 טויזנט[24].

וועגן מיליטערישן כאַראַקטער פון די אַזוי גערופענע אַרבעטס-אָפּטיילונגען זאָגט עדות דער פאַקט, וואָס זיי ווערן אָנגעפירט דורך אַזעלכע אויסגעפּרוווטע היטלעריסטישע גענעראַלן, ווי גוסטאַוו פאָן וואַרסט (אָנטיילנעמער אין ראָמעלס

[23] „נאָווע טשאַסי“ 1954, נומ. 8.
[24] „דאָס ווייסע בוך“ פון 1951 י., ז. 273.

קאָמפּאַניע אין אַפריקע), געג. גערהאַרד מאַצקי (געוועזענער קאָרפּוס־קאָמענדאַנט אויפן מזרח־פראָנט), געג. פאַן שליבען, געג. פּאַול מאַלמאַן, ווי אויך גענעראַלן פון לופט־פלאָט [25].

אין 1947 יאָר האָבן שוין עקזיסטירט אין דער אמעריקאַנער אָקופּאַציע־זאָנע פון מערב־דייטשלאַנד רעגולערע פאָרמאַציעס פון דער אַזוי גערופענער „אינדוסטריעלער פּאָליציי", וועלכע זענען מיט דער צייט מיליטאַריזירט געוואָרן. איצט זענען זיי שוין פולשטענדיק באַוואָפנט, רופן זיך „דינסט־אָפּטיילונגען" (לייבאָר סערוויס) און ציילן העכער 60 טויזנט מאַן. אין שפּיץ פון די דאָזיקע אָפּטיילונגען שטייט זינט אויגוסט 1951 יאָר עריך בראַנדענבערגער, געוועזענער גענעראַל פון וועהרמאַכט־פאַנצער־מיליטער. זיי דאַרפן איינגעשלאָסן ווערן אין דער פּלאַנירטער „אייראָפּעישער אַרמיי" [26].

אין דער בריטישער אָקופּאַציע־זאָנע זענען פאַראַן די אַזוי גערופענע געהילפס־באַטאַליאָנען אונטערן נאָמען „דזשערמען סערווים אָרגאַניזעישן" (ג.ס.א.), וועלכע ציילן אַן ערך 70 טויזנט מאַן און ווערן אָנגעפירט דורכן באַקאַנטן גענעראַל גערהאַרד שווערין. די געהילפס־באַטאַליאָנען, וועלכע זענען פאַקטיש א פאָרמאַס־קירטע אַרמיי, זענען דירעקט אונטערגעאָרדנט דער אָנפירונג פון דער רייניש בריטישער אַרמיי [27].

אויך אין דער פראַנצויזישער אָקופּאַציע־זאָנע פון מערב־דייטשלאַנד געפינען זיך דייטשישע אָפּטיילונגען אונטערן נאָמען „פאָרמאַציאָן אקסיליער" (פ. א.), וועלכע ציילן אַרום 15 טויזנט מאַן.

אומאָפּהענגיק פון אָרגאַניזירן פּאָליציייאישע „אַרבעטס"־ און „אינדוסטריע"־אָפּטיילונגען, האָט די אַמעריקאַנער אָקופּאַציע־מאַכט גלייכצייטיק אָרגאַניזירט דייטשישע ים־ און אוויאַציע־אָפּטיילונגען. שוין אין 1951 יאָר האָט עקזיסטירט א דייטשישע פלאָטיליע, וועלכע איז געשוואומען אויפן צפון־ים אונטער דער אַמעריקאַנער פאָן. אין איר באַשטאַנד זענען אַריין שיפן פון אַמאָליקן היטלערישן ים־פלאָט. אין די דאָזיקע אָפּטיילונגען האָט מען געשולט דייטשישע מאַטראָסן. מיט דעם אומלעגאַלן דייטשישן ים־פלאָט פירן אָן צוויי געוועזענע היטלעריסטישע אַדמיראַלן, פון וועלכע איינער איז אין די יאָרן 1941—1944 געווען אָנפירער פון דעם דייטשישן ים־פלאָט אויפן שוואַרצן ים, און דער צווייטער האָט אָנגעפירט מיט דעם שווערן קרייצער „היפּער" [28]. די היטלעריסטישע אַדמיראַלן העלמוט העיע און פרידריך רוגע באַאַרבעטן — אויף דער פאַראָרדענונג פון דער

[25] דאָרט, ז. 272.

[26] „וואָלאַ לודו" פון 1951.XII.13 י.; „נאָווע טשאַסי" 1954 י., נום. 8.

[27] „נאָווע טשאַסי" 1954 י, נום. 8.

[28] דאָרט.

אמעריקאַנער אָנפירונג — אָפּעראַציע=פּלענער פון א ים=קריג אין ראַיאָן פון צפון=ים[29].

די אויסגערעכנטע מיליטאַריזירטע דייטשישע אָפּטיילונגען, וועלכע פיגורירן אונטער פאַרשידענע פאַרקאָנספּירירטע נעמען, האָבן אָנטיילגענומען — ביי דער זייט פון דעם אָקופּאַציע=מיליטער — אין די מיליטערישע מאַנעוורן, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין מערב=דייטשלאַנד פרילינג 1951 יאָר. פון יענער צייט נעמען די דייטשישע אָפּטיילונגען רעגולער אָנטייל אין אַלע מאַנעוורן, וועלכע די אַמעריקאַנער מיליטערישע אָקופּאַציע=מאַכט אָרגאַניזירט אין טריזאָניע. אויף די פּאָליגאָנען פון מערב=דייטשלאַנד האָבן די אַמעריקאַנער גענעראַלן, אין דער באַגלייטונג פון די געוועזענע גענעראַלן פון דער ווערמאַכט, אויפגענומען און גענומען אויף דעפילאַדעס פון די ווידעראויפגעלעבטע דייטשיש=פאַשיסטישע באַוואָפנטע כוחות[30].

די צאָל פון די פאַרשידנאַרטיקע פּראָמיליטערישע פאָרמאַציעס האָט זיך אין דעם לעצטן יאָר באַדייטנדיק פאַרגרעסערט, און אויב עס וועלן ראַטיפיצירט ווערן די לאַנדאָנער און פּאַריזער אָפּמאַכן בנוגע דער רעמיליטאַריזאַציע פון מערב=דייטשלאַנד, וואָלטן תיכף אויף צומאָרגנס אויסגעוואַקסן די אַגרעסיווע באַוואָפנטע כוחות אויף העכער א מיליאָן זעלנער.

די טעטיקייט פון די דערמאָנטע פאָרמאַציעס און פּאַראַמיליטערישע אָפּטיילונגען איז באַזונדערס פאַרשטאַרקט געוואָרן נאָכן שאַפן פון דער אַזוי גערופענער דייטשישער פעדעראַלער רעפּובליק (סעפּטעמבער 1949 יאָר). נאָך דער ניו=יאָרקער קאָנפערענץ פון די אויסערן=מיניסטאָרן פון די דריי מערב=גרויסמאַכטן (סעפּטעמבער 1950 יאָר), נאָך דער בריסעלער קאָנפערענץ פון די מלוכות, וואָס האָבן אונטערגעשריבן דעם אַטלאַנטישן פּאַקט (דעצעמבער 1950 יאָר), זענען די ענגליש=אַמעריקאַנער אָקופּאַציע=מאַכט און אירע דייטשישע סאַטעליטן איבערגעגאַנגען צו דער פולשטענדיקער אָפענער רעמיליטאַריזאַציע פון מערב=דייטשלאַנד; זיי זענען צוגעטראָטן צוצואיילן דעם ווידערגעבורט פון דער ווערמאַכט, כדי זי איינצושליסן אין דער אַגרעסיווער אַרמיי פון אַטלאַנטישן בלאָק.

עס איז, אַלזאָ, לגמרי נישט קיין צופאַל, וואָס אָנהייב 1951 יאָר האָבן זיך אָנגעהויבן די אָפיציעלע געשפּרעכן פון די פאָרשטייער פון די מערב=גרויסמאַכטן מיט דער באָנער רעגירונג אין דער פראַגע פון רעמיליטאַריזירן מערב=דייטשלאַנד און זיין אָנטייל אין די באַוואָפנטע כוחות פון די אַטלאַנטישע מלוכות. דעם 9=טן יאַנואַר 1951 יאָר האָבן זיך אָנגעהויבן די אונטערהאַנדלונגען

[29] „נויע צייט" פון 1951.II.11 י.
[30] „וואָלאַ לודו" פון 1951.XII.13 י.

צווישן דער אַדענאַוער=רעגירונג און די רעגירונגען פון די מערב=מלוכות אין פעטערסבערג. די אונטערהאַנדלונגען האָבן געדויערט 6 חדשים. אין שפּיץ פון דער באָנער דעלעגאַציע איז געשטאַנען טעאָדאָר בלאַנק און אין איר באַשטאַנד זענען אַריינגעגאַנגען די גענעראַלן אַדאָלף האַוזינגער און האַנס שפּיידעל, די פּאָלקאָווניקעס גראַף קילמאַנזעג און ערנסט אָסטערמאַן[31]. פונעם אמעריקאַנער צד האָבן אין די אונטערהאַנדלונגען אָנטיילגענומען די פּאַרטרעטער פון הויך=קאָמיסאַר געג. ג. פּ. הייס און ב. פּ. בוטענוויזער (שותף פון דער באַוווסטער באַנק „קוהן=לעיב קאָמפּ."); ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבן רעפּרעזענטירט אין פעטערסבערג די פאַרטרעטער פון די הויך=קאָמיסאַרן — אַ וואַרד און א. בערער. עס איז כדאַי אונטערצושטרייכן, אַז אין משך פון די ערשטע 4 טעג זענען אין פעטערסבערג פאָרגעקומען די געשפּרעכן אויסשליסלעך צווישן די אַמעריקאַנער שטאַב=לייט מיט די היטלעריסטישע גענעראַלן. ערשט נאָכדעם זענען צו די געמיינזאַמע באַראַטונגען צוגעלאָזן געוואָרן די פאָרשטייער פון ענגלאַנד און פראַנקרייך.[32] די אַמעריקאַנער מיליטאַריסטן האָבן אויף אַזאַ אופן געהאַנדלט דורך דער גאַנצער צייט, וואָס עס האָט געדוירעט די קאָנפערענץ. אַזוי, למשל, האָט דער געג. אייזענהאַוער, וועלכער איז אָנגעקומען קיין באָן דעם 22=טן יאַנואַר 1951 יאָר, אַלזאָ, אין דער צייט, ווען עס האָבן זיך געפירט די אונטערהאַנדלונגען אין פעטערסבערג, געפונען פאַר נייטיק אָפּצוהאַלטן באַזונדערע באַראַטונגען אויסשליסלעך מיט די היטלעריסטישע גענעראַלן האַוזינגערן און שפּיידלען. די דייטשישע פרעסע האָט מיטגעטיילט, אַז אייזענהאַוער האָט זיך בעת די געהיימע געשפּרעכן פאַרפליכטעט צו געבן די דייטשישע מיליטאַריסטן פולע „גלייכבארעכטיקונג" אין די צוגרייטונגען צו אַ נייער אַגרעסיע. די היטלעריסטישע גענעראַלן האָבן דערפאַר פאַרזיכערט זייער פולקאָמע אונטערשטיצונג פאַר די אַמעריקאַנער אַגרעסיע=פּלענער קעגן ראַטנפאַרבאַנד, פאַרפליכטנדיק זיך צוצואיילן דעם ווידערגעבורט פון דעם מיליטערישן כוח פון מערב=דייטשלאַנד.

איידער מיר וועלן צוטרעטן אַרומצורעדן די רעזולטאַטן פון דער קאָנפערענץ אין פעטערסבערג, האַלטן מיר פאַר צוועקמעסיק צו געבן אַ קורצע כאַראַקטעריסטיק פון צוויי אָנפירנדיקע דייטשישע גענעראַלן, וועלכע האָבן אין דער קאָנפערענץ אָנטיילגענומען.

געג. אַ ד אָ ל ף ה אַ ו ז י נ ג ע ר איז ביזן 1937 יאָר געווען שעף פון דער אָפּעראַציע=אָפּטיילונג ביים גענעראַל=שטאַב פון דער ווערמאַכט. אַלס אָפּעראַציע=שעף פון דער אָפּטיילונג אָ.ק.וו. האָט ער אָנטיילגענומען אין צוגרייטן די

[31] „ווייס=בוך" פון 1951 י., ז. 258; „טריבונאַ לודו" פון 1951.VII.10 י.; „נייע פרעסע" פון 1953.XII.11 י.

[32] מיעלניקאָוו און טשאַרנאַיאַ: די היטלעריסטישע גענעראַלן, ז. 39—44.

אַגרעסיע=פּלענער קעגן פראַנקרייך („פאַל געלב“) און דעם פּלאַן פון אָנפאַל אויפן ראַטנפאַרבאַנד („פאַל באַרבאַראָסאַ“). אַלס אַזעלכער איז ער מיטפאַראַנטוואָרטלעך פאַר די אַרויסגעגעבענע דורך דער הויפּט=אָנפירערשאַפט פון דער ווערמאַכט באַפעלן צו פאַרניכטן פראַנצויזישע און סאָוועטישע שטעט און ישובים און פאַרן מאַסן=אויסמאָרדן די ציווילע באַפעלקערונג. האַוזינגער איז געווען איינער פון היטלערס אַממערסטן איבערגעגעבענע און געטרייע גענעראַלן. ווען איינע פון די גענעראַלישע קליקעס האָט זיך געווענדעט צו האַוזינגערן אין 1943 יאָר, פאָרלייגנדיק אים זיין מיטבאַטייליקונג אין צוגעגרייטן אַטענטאַט אויף היטלערן, האָט האַוזינגער קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט און אונטערגעשטראָכן, אַז זיין „געפיל פון טרייהייט און געהאָרכזאַמקייט“ דערלויבט אים אַפילו נישט צוצולאָזן דעם געדאַנק פון אַן איבערקערעניש. ער האָט אַפילו די גענעראַלן גערופן „אויסצופירן זייערע פליכטן ביזן סוף“. האַוזינגער האָט זיך אָבער שפּעטער אַרויסגעוויזן אַ סך מער פּראַקטישער. ווען ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די מפּלה פון היטלערן איז אומפאַרמיידלעך, האָט ער אָן שום געוויסנביסן אַוועקגעוואָרפן דעם „פירער“.[33]

עס איז בכלל נישט קיין צופאַל, וואָס האַוזינגער האָט זיך — צוזאַמען מיט האַלדערן און אַנדערע היטלעריסטישע גענעראַלן — הווקא געפונען אין דער אַמעריקאַנער געפאַנגענשאַפט, ווו ער האָט שנעל אָנגעבאָטן זיין דערפאַרונג און מיליטערישע דינסט. איניגיכן ווערט טאַקע האַוזינגער באַפרייט פון דעם נוישטאַדטער לאַגער און געהערט צו די דייטשישע מיליטערישע זאַכקענער, וואָס אַרבעטן אויס די פּלענער פון רעמיליטאַריזירן מערב=דייטשלאַנד. זיי זענען צוערשט אין דינסט פון דער אַמעריקאַנער מיליטערישער מאַכט און שפּעטער פון דער באָנער רעגירונג.

האַוזינגער געהערט היינט צו די אָנפירנדיקע און נאָענטע מיטאַרבעטער פון בלאַנקן און אַדענאַוערן. ער רעפּרעזענטירט די באָנער רעגירונג און דעם בלאַנק=אַמט אויף מיליטערישע קאָנפערענצן און באַראַטונגען, וועלכע קומען פאָר אין לאַנד און אין אויסלאַנד מיט די פאָרשטייער פון די מערב=גרויסמאַכטן. האַוזינגער באַגלייט בלאַנקן אויף זיינע אינספּעקציע=רייזעס איבער מערב=דייטשלאַנד, ווי אויך אין זיינע נסיעות אין די פאַראייניקטע שטאַטן.[34]

האַוזינגער האָט נאָך דער מלחמה פאַרעפנטלעכט זיינע זכרונות, אין וועלכע ער באַמיט זיך צו באַווייזן — פּונקט ווי די אַנדערע היטלעריסטישע גענעראַלן — אַז די מלחמה קעגן ראַטנפאַרבאַנד האָט מען געקאָנט געווינען און די אויסשליסלעכע שולד פאַר דער מפּלה טראָגט היטלער, וועלכער האָט „מיט זיינע קעגנזעצ=

[33] „וואָלאַ לודו“ פון 15.II.1951 י.
[34] „נייע פּרעסע“ פון 11.IX.1953 י.

לעבן באַפעלן בלויז געזייט צערודערונג". כדי צו באַווייזן די אַמעריקאַנער שטאַב־לייט, מיט וואָס עס דיספּאָנירט דער דייטשישער מיליטאַריזם און ווי רייך עס זענען זיינע קאַמפּב־דערפאַרונגען אויפן מזרח, האָט ער אין אָקטאָבער 1953 יאָר אויף דער פאַראָרדענונג פון אַדענאַוערן אָרגאַניזירט צוזאַמען מיטן גענעראַל שפּיידעל אין באָן אַן אויסשטעלונג פון דייטשישן קריגס־מאַטעריאַל.[35]

גענ. ד"ר האַנס שפּיידעל איז געווען דער קאָמאַנדיר פון די פאַנצער־דיוויזיעס, וועלכע האָבן אין 1940 יאָר באַזיגט פראַנקרייך. אין די שפּע־טערדיקע יאָרן איז ער געווען שעף פונעם שטאַב פון ראָמעלס אַרמיי אין אַפ־ריקע. בעת דער סטאַלינגראַדער שלאַכט איז ער געווען מיטגליד פון דייטשישן גענעראַל־שטאַב. ער איז געווען פאַקטישער אָנפירער פון דער VIII איטאַליעני־שער אַרמיי, וועלכע האָט געדעקט דעם צוריקטריט פון די דייטשן. שפּיידעל איז דעמאָלט (אין די יאָרן 1943—1944) באַרימט געוואָרן אַלס ספּעציאַליסט פון דעם אַזוי־גערופענעם פּלאַנמעסיקן צוריקטריט, וועלכער איז באַשטאַנען אין דער טאַקטיק פון „פאַרברענטער ערד". ער האָט איבערגעלאָזט הינטער זיך פאַר־ברענטע אוקראַיִנישע שטעט און דערפער.[36] אין אויגוסט 1944 יאָר האָט שפּיי־דעל אַרויסגעגעבן אַ באַפעל דעם גענ. כאָלטיצן, דעם קאָמענדאַנט פון פּאַריז, צו פאַרניכטן די שטאָט. דער באַפעל איז אָבער צוליב געמאַכט געוואָרן אַדאַנק דעם צוגעאײַלטן אויסברוך פון דעם פאָלקס־אויפשטאַנד אין פּאַריז, וועלכער איז אָנגעפירט געוואָרן דורך דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

נאָך דער מלחמה האָט דער אינטערנאַציאָנאַלער מיליטערישער טריבונאַל אין נירענבערג פאַרמשפּט שפּיידעלן פאַר זיינע קריגס־פאַרברעכנס אויף 20 יאָר תפיסה. אינגיכן אָבער ווערט ער דורך דער אַמעריקאַנער אָקופּאַציע־מאַכט באַפרייט און אין 1950 יאָר רוקט אים אייזנהאַוער אַרויס — צוליב זיינע נאָ־ענטע קאָנטאַקטן מיט די אינדוסטריעלע ספערן פון די פאַראייניקטע שטאַטן און ענגלאַנד נאָך פון דער צווישנמלחמה־צייט — אַלס זיין צוקונפטיקן פאַרטרעטער אין דער אַטלאַנטישער אַרמיי.[37]

שוין אין דעצעמבער 1948 יאָר האָט אַדענאַוער באַאויפטראַגט שפּיידלען אויסצואַרבעטן דעם פּלאַן פון ווידעראויפבויען די דייטשישע באַוואָפנטע כוחות. דאָס האָט דעם 24־טן יאַנואַר 1952 יאָר באַשטעטיקט דער באָנער קאַנצלער אַליין.[38]

---

[35] „פראַנס ד'אַבאָר" פון 1953.X.24 י.

[36] „וואָלאַ לודו" פון 1951.II.15 י.

[37] „פראַנס ד'אַבאָר" פון 1953.III.19 י.; שעניץ: היטלער און זיינע גענעראַלן, זייט 150.

[38] „דאָקומענטאַציאָן דער צייט" פון 1954.II.1 י

דער זעלבער שפּיידעל, וועלכער האָט אין 1940 יאָר אָנטייל־גענומען אין דער אינוואַזיע אויף פראַנקרייך, איז מיט צען יאָר שפּעטער געקומען אין דעם זעלבן פראַנקרייך — צוזאַמען מיטן גענעראַל האַוזינגער, דעם מיטשעפער פון דעם אָנפאַל־פלאַן אויף פראַנקרייך, — אַלס מיטגליד פון דער מערב־דייטשישער דעלעגאַציע אויף דער קאָנפערענץ, וואָס איז געווען געווידמעט די פּראָבלעמען פון דער צוקונפטיקער „אייראָפּעישער אַרמיי“. אין דער זעלבער צייט פאַרבעט אים דער פראַנצויזישער הויך־קאָמיסאַר פראַנסואַ פאָנסע גאַנץ אָפט אויף באַראַטונגען. [39] לויטן שטייגער פון אַלע היטלעריסטישע גענעראַלן גיט ער נאָך דער מלחמה אַרויס אַ בוך אונטערן נאָמען „די אינוואַזיע פון 1944 יאָר“, אין וועלכן ער אַפּאָטעאָזירט ראָמעלן, דעם דייטשישן מיליטאַריזם, אונטערשטרייכנדיק, אַז דער יולי־אַטענטאַט אויף היטלערן האָט לגמרי נישט געהאַט דעם ציל צו פאַרענדיקן די מלחמה, נאָר צו דערגרייכן אַ סעפּאַראַטע פאַרשטענדיקונג מיט די פאַראייניקטע שטאַטן און ענגלאַנד, כדי דערנאָך אונטערצונעמען אַ געמיינזאַמען קאַמף קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד.

ביי דער געלעגנהייט דאַרף מען דערמאָנען, אַז אַדאַנק שפּיידעלס אויסערגעוויינלעכע פאַרדינסטן לגבי דער אַמעריקאַנער מיליטערישער מאַכט, איז אויך באַפרייט געוואָרן זיין ברודער, דער עסעס־גענעראַל ווילהעלם שפּיידעל, וועלכער איז בשעתו, — פאַר זיין דירעקטן אָנטייל אין דער מאַסן־ליקווידאַציע פון דער גריכישער באַפעלקערונג (אויף קריט), פאַר צעשיסן די ערובניקעס אין ראַטנפאַרבאַנד און די יידישע באַפעלקערונג — פאַרמשפט געוואָרן אויף 20 יאָר תפיסה. דער דאָזיקער פעלקערמערדער ווילהעלם שפּיידעל איז אויפן בפירוש באַפעל פון אייזענהאַוערן אַליין, בעת ער איז געווען אין פראַנקפורט ביים מיין אין 1950 יאָר, אַרויסגעלאָזט געוואָרן אויף דער פריי. [40]

אין דער צייט פון די האַלביאָריקע אונטערהאַנדלונגען אין פּעטערסבערג האָט מען עטלעכע מאָל געענדערט די פּלענער בנוגע דער רעמיליטאַריזאַציע פון מערב־דייטשלאַנד און כסדר אין דער ריכטונג פון פאַרגרעסערן די צאָל דיוויזיעס פון דער נייער ווערמאַכט אין דער „פאַראייניקטער אייראָפּעישער אַרמיי“.

אַזוי זענען אָפּגעוואָרפן געוואָרן שפּיידעלס און האַוזינגערס פּלענער, וועלכע האָבן אין אַ געוויסער מאָס אין אַכט גענומען די פאַרלאַנגען פון די פראַנצויזן, וועלכע זענען אַרויסגעטרעטן קעגן זעלבשטענדיקע דייטשישע דיוויזיעס און קעגן זייער צו גרויסער צאָל. לויט שפּיידעלס און האַוזינגערס פריערדיקן פּלאַן האָט די צאָל פון די דייטשישע דיוויזיעס באַדאַרפט באַטרעפן אַ פינפט חלק פון דעם

[39] „נייע פּרעסע“ פון 1951.X.2 י.
[40] „ווייס־בוך“ פון 1951 י., ז. 237.

אַלגעמיינעם באַשטאַנד פון די אַזוי־גערופענע אַטלאַנטישע באַוואָפנטע כוחות, דאָס הייסט 12 דיוויזיעס מיט 600 אַעראָפּלאַנען. אין רעזולטאַט פון די אונטערהאַנדלונגען אין פעטערסבערג, וועלכע האָבן זיך פאַרענדיקט אין אָנהייב יוני 1951 יאָר, איז סוף־כל־סוף אָנגענומען געוואָרן אַ באַדייטנדיק ברייטערער פּלאַן פון רעמיליטאַריזירן מערב־דייטשלאַנד. דער דאָזיקער פּלאַן האָט פאָרגעזען, אַז די ווידעראויפגעלעבטע ווערמאַכט וועט ציילן 300—400 טויזנט זעלנער, דערין 100—150 טויזנט פון לופט־פלאָט, און וועט אויך זיין אויסגעשטאַט מיט 2—3 טויזנט אַעראָפּלאַנען און מיט קריגס־ים־פלאָט־אָפּטיילונגען.[41]

אייזענהאַוער האָט אויפמערקזאַם נאָכגעפאָלגט דעם פאַרלויף פון די אונטערהאַנדלונגען אין פעטערסבערג און איז עטלעכע מאָל אין משך פון דער צייט ספּעציעל געקומען קיין מערב־דייטשלאַנד, כדי פערזענלעך צו באַאיינפלוסן דעם גאַנג פון די אונטערהאַנדלונגען און די צוגעגרייטע פּלענער. בכדי נאָך מער צו דעראָבערן די צושטימונג פון די דייטשישע אימפּעריאַליסטישע און מיליטאַריסטישע קרייזן, האָט אייזענהאַוער פאַרזיכערט „אומצוקערן די ערע" די אָפיצירן און זעלנער פון דער ווערמאַכט און מוחל זיין זייערע פאַרברעכנס קעגן די פעלקער פון אייראָפּע. עס איז בכלל נישט קיין צופאַל, וואָס דווקא אין פעברואַר 1951 יאָר איז אַ גרעסערע גרופּע באַקאַנטע היטלעריסטישע קריגס־פאַרברעכער אַרויסגעלאָזט געוואָרן אויף דער פריי.

עס איז כדאַי צו דערמאָנען די אַרויסזאָגונג פון אייזענהאַוערן אין אויגוסט 1944 יאָר און פאַרגלייכן זי מיט זיין דערקלערונג אין דער צייט פון דער קאָנפערענץ אין פעטערסבערג. אין דעם לעצטן יאָר מלחמה האָט אייזענהאַוער דערקלערט: „אָנפירנדיקע היטלעריסטן צוזאַמען מיט געוויסע אינדוסטריעלער דאַרפן ווערן געמשפּט און באַשטראָפט, די אָנגעהעריקייט צו דער געסטאַפּאָ און עסעס דאַרף אָנערקענט ווערן פאַר אַ גענוגנדיקן באַווייז פון שולד. דער גענעראַלשטאַב דאַרף ווערן פאַרניכטעט און זיינע מיטגלידער, וועלכע זענען פאַרדעכטיקט אין אָנטיילנעמען אין די צוגרייטונגען צו דער מלחמה אָדער אין וועלכן נישט איז מלחמה־פאַרברעכן, דאַרפן איבערגעגעבן ווערן צום געריכט, דער קריגספּאָטענציאַל דאַרף ווערן פאַרניכטעט".

אָבער אין געשפּרעך מיט די גענעראַלן האַוזינגער און שפּיידעל דעם 21־טן יאַנואַר 1951 יאָר האָט אייזענהאַוער דערקלערט: „וואָס עס איז געווען, איז געווען". מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט אייזענהאַוער דערקלערט: איך האַלט, אַז דער דייטשישער זעלנער האָט נישט פאַרלוירן זיין ערע און מיליטערישע אַכטונג. דער פאַקט, וואָס געוויסע מיליטער־אָפּטיילונגען זענען באַגאַנגען שענדלעכע און

[41] דאָרט, ז. 257—262.

נידערטרעכטיקע טאַטן, זענען דערפאַר בלויז פאַראַנטוואָרטלעך די געגעבענע אָפּטיילונגען, אָבער נישט די מערהייט דייטשישע זעלנער און אָפיצירן". [42]

אין אָנהייב יולי 1951 יאָר האָט מאַק קלאָי מיטגעטיילט אַדענאַוערן, אַז דער פּלאַן פון רעמיליטאַריזירן מערב־דייטשלאַנד, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אין פּעטערסבערג, איז אין משך פון 9—10 יוני 1950 יאָר אַפּראָבירט געוואָרן דורך אייזענהאַוערן און האָט דערנאָך באַקומען די פאָרמעלע הסכמה פון די רע־גירונגס־קרייזן פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

נאָך דער קאָנפערענץ פון אייזענהאַוערן מיט אַדענאַוערן אין פאַריז האָט דער קריגס־מיניסטער פון די פאַראייניקטע שטאַטן א. לאָוועט דערקלערט דעם 16־טן נאָוועמבער 1951 יאָר אין בערלין, אַז איצט האַנדלט זיך נישט וועגן 30, נאָר וועגן 90 דייטשישע דיוויזיעס, וועלכע דאַרפן באַוואָפנט ווערן ביזן סוף 1954 יאָר. [43]

אין שייכות מיט דער גרויסער ראָל, וועלכע עס דאַרף שפּילן די צוקונפטיקע וועהרמאַכט אין דער אַזוי־גערופענער „אייראָפּעישער אַרמיי", האָט די אַרמיי־אָנפירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן שוין באַשטעטיקט — ווי עס האָט מיטגע־טיילט די „טריבון דע נאַסיאָן" — 60 געוועזענע היטלעריסטישע גענעראַלן אויף העכערע אַמטן אין דער „אייראָפּעישער אַרמיי", דערפון 18 גענעראַלן — אַלס דיוויזיע־קאָמאַנדירן, 6 — אַלס קאָמאַנדירן פון אַרמיי־קאָרפּוסן, 8—10 — אַלס מיטגלידער פון אָפּעראַטיוון שטאַב אין דער „אייראָפּעישער אַרמיי".

די צייטונג „האַמבורגער פרייע פּרעסע" האָט אין 1952 יאָר איבערגעגעבן איינצלהייטן פון דעם פּלאַן אויסצושולן אין די פאַראייניקטע שטאַטן 10 טויזנט מערב־דייטשישע אָפיצירן און אונטעראָפיצירן. אין שייכות דערמיט איז אויף דער איינלאַדונג פון מאַק קלאָיען דעלעגירט געוואָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן איינער פון די העכערע היטלעריסטישע אָפיצירן, וואָס האָט זיך דאָרטן באַקענט מיט די אַמעריקאַנער איבונגס־לאַגערן. נאָכן אומקערן זיך האָט דער אָפיציר באַאַרבעט אַ מעמאָריאַל, וועלכער איז נאָך דער פאָרגעקומענער באַראַטונג מיט אַדענאַוערן און דעם געוו. גענעראַל פון דער וועהרמאַכט האַוזינגערן, איבערגעגעבן געוואָרן דער אַמעריקאַנער מאַכט צום אויסנוצן. די דייטשישע אָפיצירן, וועלכע וועלן דורכמאַכן די אויסשולונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וועלן מיט זיך פאַר־שטעלן דעם עמבריאָן פון די מערב־דייטשישע מיליטערישע קאָנטינגענטן, וועלכע וועלן אַריינגיין אין באַשטאַנד פון דער אַטלאַנטישער אַרמיי. דאָס דאָזיקע מילי־טער דאַרף שפּילן אַן אַנאַלאָגישע ראָל, ווי אַמאָל די רייכסווער, דאָס הייסט פּונקט ווי די „אַרמיי פון פעלדפעבעלס" אין דעם פעריאָד פון שנעלן פאָרמירן זיך פון

[42] „דזשואיש לייף" (ניו־יאָרק), מערץ 1951 י.

[43] „טריבונאַ לודו" פון 1951.XI.17 י.

דער דײַטשישער אַרמײ אין די 30=ער יאָרן. ווי מיר ווייסן, איז אין 1935 יאָר אויף דער באַזיס פון דער רײַכסווער אומגעריכט אויסגעוואַקסן אַ 300.000=יקע אַרמײ, וואָס איז געווען באַוואָפנט מיט דעם סאַמע מאָדערנסטן געווער. אין משך פון יאָר איז די דאָזיקע אַרמײ אויסגעוואַקסן ביז 500.000 מאַן, און אין צוויי יאָר אַרום האָט זי שוין געציילט אַ מיליאָן זעלנער און אין 1938 יאָר האָט די פאַשיסטישע ווערמאַכט אָנגעהויבן איר פעלקערמערדערישן רויבצוג קעגן עסטרייך, דערנאָך קעגן טשעכאָסלאָוואַקיע, פוילן, פראַנקרייך א. אַז וו.

וועגן דער הילף, וואָס די פאַראייניקטע שטאַטן גיבן די מערב=דײַטשישע מי=ליטאַריסטן, זאָגט עדות די פאַרשטענדיקונג, וועלכע איז געשלאָסן געוואָרן צווישן בלאַנקן מיטן אַמעריקאַנער פענטאַגאָן, אויפן סמך פון וועלכער 60 געוו. היט=לעריסטישע גענעראַלן וועלן דורכמאַכן אַן עטלעכע חדשימדיקע אויסשולונג אין די אַמעריקאַנער מיליטערישע שולן אין מערב=דײַטשלאַנד. אין די דאָזיקע שולן וועלן זיי דורכמאַכן אַ קורס פון אָנפירן מיט קריגס=אָפּעראַציעס אין די הײַנט=צײַטיקע באַדינגונגען, מיטן באַנוצן געוויסע מינים געווער. דערנאָך וועלן זיי אַרויסגעשיקט ווערן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, כדי זיך צו באַקענען מיט דער סטרוקטור פון דער אַמעריקאַנער אַרמײ, מיט די מעטאָדן פון מיליטערישער שולונג און מיט די מאָדעלן פון דער נײַער באַוואָפענונג. די אַלע גענעראַלן, וועל=כע די פאַראייניקטע שטאַטן גיבן איבער די אָנפירונג פון דער צוקונפטיקער „איי=ראָפּעישער אַרמײ“, דאָס הייסט: פאָן מאַקענזען, שפּיידעל, קעסעלרינג און אַנ=דערע, זענען באַוווסטע היטלעריסטישע קריגס=פאַרברעכער און רעוואַנזשיסטן. אַ סך פון זיי האָבן בעת דער לעצטער וועלט=מלחמה אָנטיילגענומען אין אָקו=פּירן פוילן, פראַנקרייך, בעלגיע, נאָרוועגיע א. א. [44]

אַ גרויסע ראָל אין די צוגרייטונגען צו רעמיליטאַריזירן מערב=דײַטשלאַנד און ביים דערגרייכן אַ פאַרשטענדיקונג מיט די מיליטאַריסטן פון די פאַראיי=ניקטע שטאַטן האָבן געשפּילט די שוין דערמאָנטע היטלעריסטישע גענעראַלן: האַלדער, גודעריאַן, מאַנטויפעל, שווערין, בלומענטריט און רונדשטעט.

גענ. גראַף געריהארד שווערין. נאָך דער ערשטער וועלט=מלחמה רײַזט שווערין אַרום איבער אייראָפּע אַלס פאַרשטייער פון אַן אינטערנאַציאָנאַ=לער נאַפט=פירמע, צווישן אַנדער איבער פוילן און רומעניע. ער בינדט דעמלט אָן קאָנטאַקטן מיט אַגענטן פון אַמעריקאַנער מאָנאָפּאָליסטן. אין די דרייסיקער יאָרן געפינט זיך שווערין אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַלס געהיימער עקספּערט פאַר די ענינים פון באַוואָפענען די אַמעריקאַנער און ענגלישע אַרמייען. דעם קאָנ=

[44] И. Г. Жуков: «Милитаризация Западной Германии — угроза миру и безопасности народов. Москва, 1954. Стр. 95.

טאַקע האָט שווערין אָנגעהאַלטן אין משך פון דער צייט פון היטלעריסטישן רעזשים, אַפילו דאַן, ווען ער האָט שוין געאַרבעט (פון 1938 יאָר) אין גענעראַלשטאַב פון דער ווערמאַכט.

בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה איז שווערין געווען קאָמאַנדיר פון דער 116־טער פאַנצער־דיוויזיע, באַקאַנט אַלס דיוויזיע „ווינדהונט" (יאַגדהינט). דאָס איז געווען א דיוויזיע פון די שוידערלעכסטע מערדער און רויבער. צוזאַמען מיט דער VI אַרמיי פון גענ. האָלידט איז די דאָזיקע דיוויזיע צעגראָמירט געוואָרן דורכן מיליטער פון III אוקראַינישן פראָנט. גענ. שווערין האָט דעמלט אויף א פחדנותדיק־אומפאַרשעמטן אופן געראַטעוועט זיין אייגענע פעל אַנטלויפנדיק פון פראָנט און איבערלאָזנדיק זיינע זעלנער אויף גאָטס באַראָט. דערנאָך האָט ער זיך געמוזט מיט פאַרשיידענע תירוצים פאַרענטפערן פאַר דער דייטשישער הויפּט־קוואַרטיר. אדאַנק זיינע אַלטע קאָנטאַקטן מיט די מיליטערישע און מאָנאָפּאָליסטישע קרייזן פון די מערב־גרויסמאַכטן איז דער באַוווסטער קריגס־פאַרברעכער נאָך דער מלחמה אפילו נישט געמשפּט געוואָרן. די ענגליש־אַמעריקאַנער אָקופּאַציע־מאַכט באַשטימט אים באַלד נאָך דער מלחמה אַלס זייער מיליטערישן ראַטגעבער. און נאָכן שאַפן די באָנער רעגירונג ווערט ער איינער פון אַדענאַוערס נאָענטסטע מיליטערישע ראַטגעבער. שווערין שטייט בראָש פון א פּלאַצוווקע, וועלכע האָט זיך מיט דער צייט פאַרוואַנדלט, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, אין דעם אַזוי גערופענעם אַמט פון בלאַנק. שווערין פירט אָן גלייכצייטיק מיט די אַזוי גערופענע זיכערהייטס־אָפּטיילונגען און ער שיקט איבער צו דער אָקופּאַציע־מאַכט פאַרשיידענע מעמאָריאַלן, ווי צ. ב., וועגן דער דייטשישער באַוואָפענונגס־פּראָדוקציע: פאַנצער־אויטאָס, ביקסן, מאַשין־געווער, מינענוואַרפער א. א.

נישט געקוקט דערויף, וואָס שווערין האָט פון אָקטאָבער 1950 יאָר אָפּגעטרעטן זיין אָרט טעאָדאָר בלאַנקן, שפּילט ער ווייטער א זייער וויכטיקע ראָל אין דער רעמיליטאַריזאַציע פון מערב־דייטשלאַנד[45].

פעלדמאַרשאַל גערד פאָן רונדשטעדט האָט אין 1941 יאָר אָנטיילגענומען אין דער מלחמה קעגן ראַטנפאַרבאַנד. זיין אַרמיי איז אויף דער צייטווייליק־אָקופּירטער סאָוועטישער ערד באַגאַנגען פעלקערמערדערישע מאַסן־פאַרברעכנס, האָט פאַרניכטעט שטעט און פאַרברענט ישובים, געמאָרדעט די ציווילע באַפעלקערונג און ספּעציעל יידן. אין יוני 1942 יאָר האָט ער אַרויסגעגעבן בריטישע קריגס־געפאַנגענע אויף אומקום אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ. פאַר די באַגאַנגענע פאַרברעכנס קעגן דער מענטשהייט האָט ער געדאַרפט געמשפּט ווערן דורכן בריטישן טריבונאַל, אָבער שוין אין 1949 יאָר איז געפאַלן דער באַשלוס

---

[45] „ווייס־בוך" פון 1951 י., ז. 248—249; מיעלניקאָוו און טשאָרנאַיאַ: די היטלעריסטישע גענעראַלן, ז. 36; „ניוסוויק" פון 1950.X.2 י.; „פראַנס ד'אַבאָר" פון 1953.III.19 י.; „טריבונאַ לודו" פון 1950.XI.28 י.

וועגן נישט צוציען רונדשטעדטן צו פאראנטוואָרטלעכקייט און שפּעטער — אָן א שום געריכט — האָט מען אים צוזאמען מיט אנדערע פארברעכערישע היטלע־ריסטישע גענעראלן באפרייט פון יעדער שולד.

אין רעזולטאַט פון די אונטערהאנדלונגען אין פּעטערסבערג און אַנדערע גע־שפּרעכן ווערט צוגעאיילט די רעמיליטאַריזאַציע פון מערב־דייטשלאַנד און אין שייכות דערמיט די פאנאנדערבויונג פונעם בלאנק־אמט, וועלכער קאָארדינירט אלע פּראָבלעמען, וואָס האָבן א שייכות מיטן ווידעראויפבויען די דייטשישע באַוואָפנטע כוחות. אין דעצעמבער 1951 יאָר אַנטשטייען אין דעם בלאַנק־אַמט צוויי גייע דעפּארטאמענטן: מיליטערישע אוויאציע און ים־פלאָט. די באָנער רעגירונג באַמיט זיך אין דער צייט צו פאַרוואַנדלען דעם בלאַנק־אַמט אין אַן אָפיציעל מיניסטעריום פאר מיליטערישע ענינים. זי באקומט א שטילע הסכמה פון דער קאָנפערענץ פון די 6 אויסערן־מיניסטאָרן פון די מערב־רעגירונגען, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 11־טן דעצעמבער 1951 יאָר אין שטראסבורג. די „אסאָשיי־טעד־פרעס"־אַגענטור האָט אַפילו אָפיציעל באַשטעטיקט דעם פאַקט שוין דעם 12־טן דעצעמבער. אָבער צוליב דער אלגעמיינער אויפגעבראכטקייט פון דער עפנטלעכער מיינונג, און בפרט פון דער פראַנצויזישער, איז די פאַריזער א.פ.פ.־אַגענטור געווען געצוווּנגען צו פאַרעפנטלעכן אַן אָפיציעלע דעמענטי פון דער אינפאָרמאציע [46].

אין ענגן שייכות מיט דעם אויבנדערמאָנטן איז דורך די מערב־גרויסמאכטן אָפּגעשאפט געוואָרן דער קריגס־צושטאנד מיט מערב־דייטשלאנד (אין דער העלפט פון 1951 יאָר), אָבער דאָס האָט לגמרי נישט געשטערט דער ווייטערדיקער אָקו־פאציע פון לאנד.

מען דארף אונטערשטרייכן, אז די אלע מאנעוורן פון דער ענגליש־אמערי־קאנער אָקופאציע־מאכט, וועלכע האָבן געהאט פאר א ציל צוצואיילן דעם ווי־דערגעבורט פון דער ווערמאַכט, זענען פאָרגעקומען אין דער צייט, ווען עס האָבן נאָך פאָרמעל אין דער גאנצער ברייט פארפליכטעט די געזעצן פון דעם אליאנ־טישן קאָנטראָל־ראט פון די 4 גרויסמאכטן בנוגע דער דעמיליטאריזאציע פון דייטשלאנד, דאָס הייסט דאָס געזעץ נומ. 8 (וועגן פארבאָט פון מיליטערישער שולונג), נומ. 10 (וועגן באשטראָפן די קריגס־פארברעכער) און ספּעציעל דאָס געזעץ וועגן פאנאַנדערלאָזן די דייטשישע באוואָפנטע כוחות. [47]

דער אלגעמיינער אָפּמאך, וועלכער איז אונטערגעשריבן געוואָרן דעם 26־טן מאַי 1952 אין באָן, ווי אויך דער אָפּמאַך וועגן דער אייראָפּעישער פאַרטיידי־קונגס געמיינשאַפט, וועלכער איז צומאָרגנס אונטערגעשריבן געוואָרן דורך די

---

[46] „נייע פרעסע" פון 1951.XII.13 י.

[47] ע. אָסמאָנטשיק: דייטשלאַנד, ז. 49,

מערב־גרויסמאַכטן און באָנער רעגירונג אין פּאַריז, — וועלכער סאַנקציאָנירט דאָס צעשפּאָלטן דייטשלאַנד — האָט אָנגעהויבן אַ נייעם עטאַפּ אינעם פּראָצעס פון רעמיליטאַריזירן מערב־דייטשלאַנד. די דאָזיקע אָפּמאַכן פאַרמאָגן — חוץ דער קלאַוזולע פון ווירטשאַפטלעכן און פינאַנסיעלן כאַראַקטער — אויך געהיימע פּונקטן וועגן דעם באַשטאַנד פון דער אַזוי גערופענער אייראָפּעישער אַרמיי, וועגן דער באַוואָפענונגס־פּראָדוקציע, וועגן דעם ווייטערדיקן פאַרלויף פון דער רעמיליטאַריזאַציע פון מערב־דייטשלאַנד, ווי אויך וועגן דער באַציונג פון דער „אייראָפּעישער פאַרטיידיקונגס־געמיינשאַפט" צו דעם אַטלאַנטישן פּאַקט.[48] די אָפּמאַכן האָבן אַ שייכות צו דער צאָל און קאָנטינגענטן באַשטאַנד פון די מיליטער־אָפּטיילונגען, וועלכע מערב־דייטשלאַנד דאַרף צושטעלן דער אַרמיי פון אַטלאַנטישן פּאַקט.

טעאָדאָר בלאַנק האָט דעמלט דערקלערט, אַז מערב־דייטשלאַנד וועט צושטעלן 520 טויזנט זעלנער און שוין דעם 16־טן יוני 1952 יאָר האָט ער אויף איינער פון די פאַרזאַמלונגען (פון פאַשיסטישע סטודענטן) זיך באַרימט, אַז אין די ווייטערדיקע יאָרן וועלן פאָרמירט ווערן 60 דיוויזיעס, וואָס וועלן אויסגעשולט ווערן דורך אַמעריקאַנער מיליטערישע אינסטרוקטאָרן. די קאָסטן פון אויסהאַלטן די דאָזיקע אַרמיי דאַרפן באַטרעפן 200 מיליאַרד מאַרק.[49]

עס איז קלאָר, אַז דאָס אויסגעבן אַזאַ גרויסע סומע פאַר רעמיליטאַריזאַציע־צוועקן וואָלט מיט דער גאַנצער לאַסט געפאַלן אויף די פּלייצעס פון דער מערב־דייטשישער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג און וואָלט נאָך מער פאַרערגערט איר שוין אַזוי אויך שווערער סיטואַציע.

פון אַ גאַנצער ריי אַרויסטרעטונגען פון אַדענאַוערן און בלאַנקן אין יענער צייט דרינגט אַרויס, אַז דער ווידעראויפבוי פון דער ווערמאַכט איז נישט פאַרבליבן בלויז אין די ראַמען פון פּראָיעקטן, נאָר איז פּאַקטיש געשאַפן געוואָרן אין אַ שנעלן טעמפּ. אין בלאַנקס אינטערוויו פאַר דער „זאָלדאַטען צייטונג" האָט ער אונטערגעשטראָכן, אַז די מערב־דייטשישע אַרמיי וועט ציילן 600 טויזנט מאַן און וועט אויסשליסלעך אָנגעפירט ווערן דורך געוועזענע היטלעריסטישע אָפיצירן פון דער ווערמאַכט. בלאַנק האָט אונטערגעשטראָכן, אַז אין באַשטאַנד פונעם אָפיצירן־קאָרפּוס וועלן אַריינגיין 40 געוועזענע גענעראַלן, 250 פּאָלקאָווניקעס, 900 אונטערפּאָלקאָווניקעס, 2000 מיאַיאָרן און העכער 10 טויזנט נידעריקערע אָפיצירן. ער האָט ספּעציעל אונטערגעשטראָכן, אַז „די אַרמיי וועט דערצויגן ווערן אין גייסט פון פּרייסישן מיליטאַריזם".

---

[48] „ווייסבוך" פון 1953 י. (רוסיש), ז. 8—10.
[49] די רעמיליטאַריזאַציע, ז. 313.

אין דער זעלבער צייט האָט אַדענאַוער דורכגעפירט אַ גאַנצע ריי געשפּרעכן מיט געוועזענע גענעראַלן פון דער ווערמאַכט: מיט קעסעלרינגען, שטומפּפן, ריינהאַרדטן וועגן אויסנוצן די פּראָפעסיאָנעלע גענעראַלן און אָפיצירן — די קריגס־פאַרברעכער — אין די זיך פאָרמירנדיקע מיליטערישע אָפּטיילונגען.[50]

די פלענער פון רעמיליטאַריזירן מערב־דייטשלאַנד זענען באַאַרבעט געוואָרן דורך די היטלעריסטישע מיליטערישע קרייזן אין ענגן קאָנטאַקט מיט די מערב־דייטשישע ווירטשאַפטלעכע און פינאַנסיעלע קרייזן. עס איז גענוג בלויז צו דערמאָנען דעם געמיינזאַמען אויפרוף פון 28־טן אויגוסט 1952 יאָר, וועלכער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך 500 געוועזענע היטלעריסטישע גענעראַלן, מאַגנאַטן פון דער שווער־אינדוסטריע און באַנקירן, אין וועלכן עס געפינט זיך דער אַגרעסיווער פּראָגראַם פון דייטשישן אימפּעריאַליזם. צווישן די אונטערגעשריבענע אונטערן אויפרוף געפינען מיר באַקאַנטע קריגס־פאַרברעכער — געוועזענע גענעראַלן פון דער ווערמאַכט, ווי גענעראַל פון פאַנצער־מיליטער היינריך עבערבאַך, גענ. גניר פאָן שוועפּענבורג, פאָן ליטוויץ, פאָן זיידער אונד עפּערלין, האַנס רעטינגער, מאַרטימער פאָן קעסעל, קאַרל האָלידט, קורט פאָן טיפּעלקירך, ווי אויך גענעראַלן פון לופט־פלאָט ראָבערט קראַוז און האַנס זיידעמאַן. אַלס פאָרשטייער פון דער שווער־אינדוסטריע האָבן דעם אויפרוף אונטערגעשריבן: דער פּרעזעס פון אינדוסטריעלן און האַנדלס־אַמט אין דיסעלדאָרף ד״ר ערנסט שניידער,[51] וויצע־פּרעזעס פון דער באַנק „דויטשער לענדער“ ווילהעלם קענעקער (איינער פון שאַכטס פאַרטרויונגס־מענער), מאַקס טעניסען — פּרעזעס פון דער אויטאָ־אינדוסטריע אין מערב־דייטשלאַנד.[52]

דער פּראָצעס פון רעמיליטאַריזירן דייטשלאַנד איז אין דער צייט געגאַנגען אין אַזאַ שנעלן טעמפּ, אַז בלאַנק האָט שוין געקאָנט דערקלערן, אַז די רעקרוטאַציע פון אָפיצירן און זעלנער אין די מיליטערישע אָפּטיילונגען וועט אין גרונט גענומען זיין פאַרענדיקט ביז סוף 1953 יאָר.[53] „מיר שטייען אין אָנבליק פון שאַפן די נייע דייטשישע אַרמיי און ביזן לעצטן קנעפּל פון מונדיר איז אַלץ צוגעגרייט, אויסער, פאַרשטענדלעך, די רעקרוטן גופא“ — אַזוי האָט געשריבן סוף 1953 יאָר דאָס דיסעלדאָרפער וואָכנבלאַט „וועלט אַם זאָנאַבענד“.[54]

---

[50] „טריבונאַ לודו“ פון 1952.XII.16 י.

[51] ערנסט שניידער האָט געהערט צוזאַמען מיט פּאַפּענען און הוגאָ סטינעסן צו דער גרופּע אינדוסטריעלער, וועלכע האָט אין 1932 יאָר אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג מיט היטלערן אין דיסעלדאָרף וועגן איבערגעבן אים די מאַכט.

[52] „טריבונאַ לודו“ פון 1952.VIII.30 י.

[53] „פראַנס ד׳אַבאָר“ פון 1953.I.8 י.

[54] „טריבונאַ לודו“ פון 1954.I.8 י.

בלאַנק האָט אין זיין דערקלערונג אונטערגעשטראָכן, אַז די דייטשישע די־וויזיעס, וואָס גייען אַריין אין באַשטאַנד פון דער „אייראָפּעישער אַרמיי“, וועלן סטאַציאָנירן אין פאַרשידענע לענדער פון אייראָפּע. ס'איז קלאָר, אַז די ווער־בירטע מערב־דייטשישע אַרמיי וועט דאָרט אויסגענוצט ווערן צום קאַמף קעגן דער אַרבעטער־באַוועגונג און קעגן דער באַוועגונג פון די שלום־פאַרטיידיקער. דער „דויטשער קוריער“ (פראַנקפורט ביים מיין) פון 21־טן מערץ 1953 יאָר האָט שוין אַפילו איבערגעגעבן גענויע אָנגאַבן וועגן דער צאָל פון די דייטשישע מיליטערישע קאָנטינגענטן אין דער „אייראָפּעישער פאַרטיידיקונגס־געמיינ־שאַפט“. זיי דאַרפן באַטרעפן 500 טויזנט זעלנער, דערין 300 טויזנט מאָטאָריזיר־טע אינפאַנטעריע, 75 טויזנט לופט־פליער, 50 טויזנט פון ים־פלאָט א. אַז. וו.[55]

די פאָרויסזאָגונגען פון בלאַנקן און די דייטשישע מיליטאַריסטן האָבן זיך באַשטעטיקט. אויף דער קאָנפערענץ אין פרעסע־אַמט פון דער דייטשישער דע־מאָקראַטישער רעפּובליק דעם 15־טן דעצעמבער 1953 יאָר האָט דער פראָפעסאָר גאָרדען פעסטגעשטעלט, אַז די פיבערהאַפטע צוגרייטונגען צו דער מאָביליזאַציע פון ווייטערדיקע מיליטערישע קאַדרען אין מערב־דייטשלאַנד, ספּעציעל צווישן די „פּליטים“, זענען אַריין אין דער ענדגילטיקער סטאַדיע. די באָנער רעגירונג האָט דערביי בדעה צו שאַפן ספּעציעלע דיוויזיעס פון „פּליטים“. גאָרדען האָט אויך אונטערגעשטראָכן, אַז גלייכצייטיק קומט פאָר אין מערב־דייטשלאַנד דאָס איבער־געשטאַלטיקן פאַרשידענע פּאָליצייאישע פאָרמאַציעס אין נאָרמאַלע מיליטערישע אָפּטיילונגען.

עס איז לגמרי נישט קיין צופאַל, וואָס גראַד אין יענער צייט (סוף 1953 יאָר) האָט דער אַמט פון בלאַנקן דערהאַלטן פון דער אָקופּאַציע־מאַכט פון די דריי מערב־גרויסמאַכטן די פערסאָנאַלע אַקטן פון דער געוועזענער ווערמאַכט.[56]

דאָס איז אַ גרויסער אַרכיוו פון דער געוועזענער היטלעריסטישער אַרמיי, וועלכער באַזיצט איין מיליאָן 700.000 פערסאָנאַלע טעקעס און עווידענץ־קאַרטן פון געוו. זעלנער און אָפיצירן, ווי אויך העכער 5 מיליאָן מאָביליזאַציע־קאַרטן. אויפן סמך פון די דאָזיקע מאַטעריאַלן קאָן דער בלאַנק־אַמט תיכף רופן צו אַק־טיווער דינסט ביי 8 מיליאָן אויסגעאיבטע אין שלאַכטן זעלנער־רעזערוויסטן. די דאָזיקע ידיעה האָט אַפילו מיטגעטיילט די אַמעריקאַנער צייטונג „יונייטעד סטייטס ניוס ענד וואָרלד ריפּאָרט“.

די פרעסע האָט לעצטנס מיטגעטיילט, אַז אין באָן איז פאַרענדיקט געוואָרן די רעגיסטראַציע פון 105 טויזנט היטלעריסטישע אָפיצירן און אונטעראָפיצירן,

---

[55] „דאָקומענטאַציאָן דער צייט“ פון 1.II.1954 י., ז. 3973.

[56] דאָרט, ז. 3974.

און די אויסלענדישע מיליטערישע פֿאַכמענער שטרייכן אונטער, אַז די דאָזיקע צאָל איז פֿולשטענדיק גענוג, כּדי אויסצושטעלן עטלעכע צענדליק נאַטאָ־ווערמאַכט־דיוויזיעס.

גלייכצייטיק — נישט געקוקט אויף דעם פֿאָטשדאַמער אָפּמאַך און די געזעצן פֿון דעם אַליִאַנטישן קאָנטראָל־ראַט — ווערט פֿאַקטיש ווידער אויפֿגעשטעלט דער גענעראַל־שטאַב מיט דעם גענעראַל האַוזינגער אין דער שפּיץ. אַ ספּעציעל־געשאַפֿענע דורכן בונדעסטאַג קאָמיסיע האָט שוין אַפֿילו באַשטימט מענטשן אויף אָנפֿירנדיקע אַמטן. די פֿראַנצויזיש מיליטעריש־פֿאַכמענישע פּרעסע האָט מיטגעטיילט, אַז פֿון אָנהייב יאַנואַר 1954 יאָר זענען די רעמיליטאַריזאַציע־צוגרייטונגען אין מערבֿ־דײַטשלאַנד שוין געווען אַזוי ווײַט אַוואַנסירט, אַז אין משך פֿון 6 חדשים נאָך דער ראַטיפֿיקאַציע פֿון די באָנער און פּאַריזער אָפּמאַכן קאָן דאָרט געשאַפֿן ווערן אַן אַרמיי — ביי דעם אָנטייל בלויז פֿון דריי יאָרגענג (1932, 1933, 1934) — פֿון אַ מיליאָן זעלנער, און ביי דעם אָנטייל פֿון נאָך פֿריערדיקע צוויי יאָרגענג (1930 און 1931) — אַפֿילו אַן אַרמיי פֿון 1.700.000 זעלנער, נישט געקוקט דערויף, וואָס לויטן אָפּמאַך דאַרף דער דײַטשישער קאָנטינגענט באַטרעפֿן בלויז 600 טויזנט מענטשן.[57]

דאָס שאַפֿן אַזאַ גרויסע אַרמיי און אויסשטאַטן זי מיט דעם סאַמע מאָדערנסטן געווער איז, פֿאַרשטענדלעך, פֿאַרבונדן מיט געוואַלדיקע אויסגאַבן, די לאַסט פֿון וועלכע אַדענאַוער וואָרפֿט אַריבער אויף די פּלייצעס פֿון די אַרבעטנדיקע מאַסן. די מערבֿ־דײַטשישע „לענדער־באַנק“ אין פֿראַנקפֿורט ביים מײַן האָט לעצטנס פֿעסטגעשטעלט, אַז בלויז די פֿאַנאַנדערבויונג פֿון דער מערבֿ־דײַטשישער קריגס־אינדוסטריע האָט אין משך פֿון איין 1954 יאָר איינגעשלונגען 31 מיליאַרד מאַרק, אונטערשטרייכנדיק דערביי, אַז די מיליטערישע אינוועסטיציעס זענען באַזונדערס געוואַקסן נאָכן אונטערשרייבן די פּאַריזער אָפּמאַכן. אַנדערע קוועלן גיבן איבער, אַז די אַדענאַוער־רעגירונג האָט פּרעלימינירט אין 1955 יאָר אויף מיליטערישע צוועקן העכער 100 מיליאַרד מאַרק, דערפֿון 60 מיליאַרד אויף אַמוניציע און 40 מיליאַרד אויף אַרטילעריע, נישט רעכענענדיק די סומעס אויף לויפֿנדיקע אויסגאַבן.

אין שייכות מיטן צוטרעטן אין מערבֿ־דײַטשלאַנד צו שאַפֿן אַן אַרמיי פֿון אַ מיליאָן זעלנער, האָט אַדענאַוער נאָך אין אָנהייב דעצעמבער 1953 יאָר אַרײַנגעטראָגן אין בונדעסטאַג אַ געזעץ־פּראָיעקט וועגן אַלגעמיין־פֿאַרפֿליכטנדיקער מיליטער־דינסט. די באָנער רעגירונג האָט ביי דער אונטערשטיצונג פֿון אַלע

[57] „לאַ ווי מיליטער“ פֿון 1954.I.15 י.

רעאַקציאָנערע גרופּירונגען דורכגעפֿאַרסירט די ענדערונג פֿון דער קאָנסטיטוציע, וועלכע האָט פֿאַרווערט דאָס שאַפֿן רעגולערע באַוואָפֿנטע כּוחות. דער בונדעסטאַג האָט דעם 2־טן פֿעברואַר 1954 יאָר, ערב דער פֿאַרענדיקונג פֿון דער בערלינער קאָנפֿערענץ פֿון די אויסערן־מיניסטאָרן פֿון די 4 גרויסמאַכטן, „דערגענצט" אַ פּאַראַגראַף צו דער באָנער קאָנסטיטוציע, וועלכער דערלויבט צו ווערבירן די באַפֿעלקערונג אין דער רעגולערער אַרמיי און האָט אויך פֿעסטגעשטעלט דעם „איינקלאַנג פֿון די באָנער און פּאַריזער אָפּמאַכן" מיט דער קאָנסטיטוציע. אויף אַזאַ אופֿן האָט דער בונדעסטאַג באַשטעטיקט די רעמיליטאַריזאַציע פֿון מערבֿ־דייטשלאַנד, וועלכע איז שוין פּאַקטיש זינט עטלעכע יאָר סיי ווי פֿאָרגעקומען. דעם 19־טן מערץ 1954 יאָר האָט דער בונדעסראַט אַפּראָבירט דעם באַשלוס פֿון בונדעסטאַג.

מען דאַרף אונטערשטרייכן, אַז אַפֿילו אין דער צייט, ווען עס האָט געדויערט די היסטאָרישע קאָנפֿערענץ פֿון די אויסערן־מיניסטאָרן פֿון די פֿיר גרויסמאַכטן אין בערלין (I.25—II.18 1954), זענען גלייכצייטיק אין שטאַב פֿון דעם אָקופּאַציע־מיליטער פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן אין היידעלבערג פֿאָרגעקומען באַראַטונגען פֿון אַמעריקאַנער גענעראַלן מיט מערבֿ־דייטשישע עקספּערטן אין דער פֿראַגע פֿון רעמיליטאַריזירן מערבֿ־דייטשלאַנד. אין גאַנג פֿון די אונטערהאַנדלונגען האָבן די פֿאָרשטייער פֿון בלאַנק־אַמט פֿאַרזיכערט די אַמעריקאַנער שטאַבלייט, אַז די דייטשישע דיוויזיעס וועט מען קאָנען פֿאָרמירן אין עטלעכע חדשים אַרום נאָכן אָננעמען אין דער פֿראַגע די געהעריקע באַשלוסן. דער קאָמאַנדיר פֿון דער VII אַמעריקאַנער אַרמיי האָט אין דער זעלבער צייט דערקלערט בלאַנקן — לויט דער מיטטיילונג פֿון דער דייטשישער פּרעסע — אַז די מיליטערישע אָנפֿירונג פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן גיט צו אַ גרויסע באַדייטונג דעם שאַפֿן אין דער געגנטסטער צייט די מערבֿ־דייטשישע אַרמיי.[58]

אין דער זעלבער צייט, ווען אין בערלין זענען פֿאָרגעקומען די באַראַטונגען פֿון די אויסערן־מיניסטאָרן, איז אויף איינעם פֿון די מיליטערישע פֿלי־פּלעצער פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן אין מערבֿ־דייטשלאַנד, אין פֿירטענפֿעלדברוק, פֿאָרגעקומען (דעם 8־טן פֿעברואַר 1954 יאָר) אַ צוזאַמענטרעף פֿון אַמעריקאַנער מיט היטלעריסטישע לופֿט־פֿליער. פּאָלק. אַרמסטראָנג, דער אָנפֿירער פֿון אַמעריקאַנער פֿלי־פּלאַץ, האָט פֿאַרבעטן 20 לופֿט־פֿליער פֿון „לופֿטוואַפֿפֿען", פֿון פֿאַרבאַנד „אַלטע אָדלער" מיטן געוועזענעם מאַרשאַל פֿון אַוויאַציע און איצטיקער פּרעזעס פֿון „שטאַלהעלם" אַלבערט קעסעלרינג און גענעראַל פֿון אַוויאַציע פּלאָכער בראָש. דער ציל פֿונעם צוזאַמענטרעף איז געווען קעגנזייטיקער אויסטויש פֿון דערפֿאַרונ־

---

[58] „טריבונאַ לודו" פֿון 1954.II.8 י.

גען; מען האָט דערביי געוויזן צוויי פילמען וועגן לופטפלי=וועזן — (אַ היטלעריס=
טישן און אַן אַמעריקאַנער). [59]

בלאַנקס אַמט דיספּאָנירט — לויט די רעלאַציעס פון דער „דויטשער זאָל=
דאַטען צייטונג" — מיט אַ קאַרטאָטעקע פון רעקרוטן, וועלכע נעמט אַרום 2 מיל=
יאָן מענטשן. ער האָט צו זיין דיספּאָזיציע אַלס שולונגס=קאַדער פון דער צוקונפטי=
קער ווערמאַכט 86 טויזנט אָפיצירן און אונטעראָפיצירן, פאַרמאָגט קאַזאַרמעס,
איבונגס=פּלעצער א. אַז. וו. די נאָענטסטע מיטאַרבעטער פון בלאַנקס שטאַב זענען
געוועזענע אָפיצירן פון היטלעריסטישן גענעראַל=שטאַב און זייער צאָל דערגרייכט
העכער 180. צווישן זיי געפינען זיך — ווי עס שטעלט פעסט די „דויטשע זאָלדאַ=
טען צייטונג" — 24 געוועזענע העכערע אָפיצירן פון דער ווערמאַכט, וועלכע
האָבן פאַר זייערע פאַרדינסטן זיינער צייט באַקומען די גרעסטע היטלעריסטישע
אויסצייכענונגען. [60] מיר האָבן נישט קיין שום גרונט נישט צו גלייבן די אינ=
פאָרמאַציעס פון אַזאַ אויטאָריטאַטיוון אָרגאַן, ווי עס איז די „דויטשע זאָלדאַטען
צייטונג", וועלכער איז דער אָפיציעלער אָרגאַן פון די מערב=דייטשישע מילי=
טאַריסטן.

דער בלאַנק=אַמט האָט שוין אַפילו געלאָזט אין גאַנג — ווי עס פּאַסט פאַר
אַ פאַקטישן קריגס=מיניסטעריום — אַן אייגענעם אויסשפּיר=דינסט, אין וועלכער
עס גייען אַריין די אַמאָליקע היטלעריסטישע אָנפירער פון דער „אַבווער" מיט
דעם טרויעריק=באַרימטן גענ. געהלען אין דער שפּיץ. [61] געהלענס אויסשפּיר=
אַפּאַראַט באַשעפטיקט טויזנטער אַגענטן, ווערבירטע צווישן די געוועזענע מיט=
אַרבעטער פון היטלערס שפּיאָנאַזש=דינסט, געוועזענע אָפיצירן פון דער ווער=
מאַכט און אַזוי=גערופענע פליטים פון מזרח. דער שטאַב פון געהלענס אויסשפּיר=
אַפּאַראַט, וועלכער ציילט אַרום 4.200 אַגענטן, געפינט זיך אין מאָאַלען (נישט
ווייט פון באָן), די דאָזיקע אינסטיטוציע ווערט פינאַנסירט דורך דער אַמעריקאַ=
נער מאַכט און אונטערליגט דעם אויסשפּיר=דינסט פון די פאַראייניקטע שטאַטן
(C J C). אין 1950 יאָר האָט געהלען אויסגעגעבן 18 מיליאָן מאַרק אויף
דער שפּיאָנאַזש= און דיווערסיע=טעטיקייט אין פאַרשידענע לענדער אין אייראָפּע.
די „נויעס דויטשלאַנד" האָט מיטגעטיילט, אַז געהלענס אַגענטן באַמיען זיך צו
אַנטוויקלען אַ שפּיאָנאַזש= און דיווערסיע=טעטיקייט נישט בלויז אין די פאָלקס=

---

[59] „טריבונאַ לודו" פון 1954.II.9 י. ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז דער אָרגאַניזאַטאָר
פון דער דאָזיקער באַראַטונג, פּולק. אַרמסטראָנג, האָט פאַרן קאָרעספּאָנדענט פון דער ד.פּ.א.=
אַגענטור דערקלערט: „דער צוזאַמענטרעף פון די דייטשישע מיט די אַמעריקאַנער פליער
האָט געטראָגן אַ פולשטענדיק אַפּאָליטישן כאַראַקטער".

[60] „נייע פּרעסע" פון 1953.IX.11 י.

[61] „טריבונאַ לודו" פון 1954.I.8 י.

דעמאָקראַטישע לענדער, נאָר זיי אַרבעטן אויך אין די מערב־אייראָפּעישע מלוכות. [62]

די פּראָוואָקאַציע פון 17־טן יאַנואַר 1953 יאָר אין דער דייטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק איז טאַקע געווען — ווי עס האָט אַרויסגעוויזן די אויספאָרשונג — דאָס ווערק פון געהלענס געצאָלטע אַגענטן. די מאַכט־אָרגאַנען פון דער דייטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק האָבן אין משך פון 1953 יאָר ליקווידירט אַ גאַנצע ריי באַנדיטישע שפּיאָנאַזש־גרופּן, וועלכע זענען אַריינגעשיקט געוואָרן דורך געהלענס אויסשפּיר־אַפּאַראַט. די מאַטעריאַלן, וועלכע זענען אין דעצעמבער 1953 יאָר אויפגעדעקט געוואָרן דורך דעם מיליטערישן געריכט אין שטשעטשין בעתן פּראָצעס פון אַרעגאַוערס שפּיאָנען, האָבן דערוויזן, אַז די באַשולדיקטע האַנס לאַנדוואָיגט, קאָנראַד וורוק און אַדאָלף מאַכוראַ זענען געווען טעטיק אין פּוילן אויפן אויפטראַג פון גענ. געהלען. ווי עס האָבן פעסטגעשטעלט די דאָקומענטן און דער פאַרלויף פונעם פּראָצעס זענען די לערער פון די שפּיאָנען אין געהלענס אויסשפּיר־נעץ: דער מאַיאָר קייזער, דער געוועזענער עסעס־מאַן און גרויסער גוטבאַזיצער אין פאָמערן רווידער, די געוו. היטלעריסטישע פּילאָטן — יאַנסען, טאַרגלער, נענטוויג א. א. זיי האָבן געלערנט זייערע צוהערער, אַז די הויפּט־אויפגאַבע פון אַדענאַוערן איז צו שאַפן די נייע דייטשישע אַרמיי און מיט איר הילף פאַרכאַפּן די פּוילישע מערב־געביטן. לאַנדוואָיגט, איינער פון די באַשולדיקטע, האָט דערקלערט, אַז קייזער, רעדנדיק וועגן אַ גרויס דייטשלאַנד נאָך אַ פרישער מלחמה, האָט אונטערגעשטראָכן, אַז די דייטשישע מיליטאַריסטן האָבן בדעה אין אַ געוויסן פּאַר זיי באַקוועמען מאָמענט אַרויסצוטרעטן אויך קעגן די אַליאַנטן. [63]

די פּלאַצוווקע פון גענ. געהלען איז ניט דער איינציקער שפּיאָנאַזש־צענטער אין מערב־דייטשלאַנד. אין מערב־בערלין געפינט זיך אַ צווייטע פּלאַצוווקע פון זעלבן מין, וועלכע איז טעטיק אונטערן געהיימען שילד: „אינסטיטוט פאַר אַרבעטס־היגיענע", וועלכע ווערט אויך פינאַנסירט דורך דער אַמעריקאַנער אויסשפּיר־דינסט. בראש פון דעם צענטער, וועמענס הויפּט־אויפגאַבע איז דער קאַמף קעגן דער דייטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק, שטייט דער געוועזענער גענעראַל פון דער ווערמאַכט דעהרינג פאָן פּלאַמענבערג, און זיין פאַרטרעטער איז דער געוועזענער פּאָליציי־פּולקאָווניק באָקעלבערג וועל הארטמאַן.

אויסער די שוין פריער אויסגערעכנטע אָנפירנדיקע היטלעריסטישע גענעראַלן, ווי האַלדער, גודעריאַן, האַוזינגער, שפּיידעל, מאַנטויפעל, קעסעלרינג און אַ סך אַנדערע, שפּילן אַ ערנסטע ראָל אין בלאַנק־אַמט אַ גאַנצע ריי אַנדערע היטלעריסטישע גענעראַלן, וועלכע האָבן מיט זייערע פאַרברעכנס קעגן דער

[62] „טריבונאַ לודו" פון 1953.XI.12 י.
[63] „טריבונאַ לודו" פון 1953.XII.7 י.

מענטשהייט זיך בלוטיק פאַרשריבן אין דער געשיכטע פון די פעלקער פון פוילן, ראַטנפאַרבאַנד, פראַנקרייך, איטאַליע, דענעמאַרק, בעלגיע, נאָרוועגיע א. אַז. וו. מיר וועלן זיך באַגנוגענען בלויז מיט אויסרעכענען העכער אַ צענדליק פון די סאַמע באַוווּסטע צווישן זיי:

גענ. וואַלטער וואַרלימאָן פאָן גרייפענבערג. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געווען טעטיק אין דער „שוואַרצער רייכסווער“, דערנאָך געפינט ער זיך אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וווּ ער לערנט זיך אין דער וואַשינגטאָנער מיליטעריש־אינדוסטריעלער אַקאַדעמיע. ער איז פאַרבונדן מיט די אַמעריקאַנער מיליטערישע קרייזן, מיט וועלכע ער באַאַרבעט אַנטיסאָוויעטישע פּלענער.

אין דער צייט האָט וואַרלימאָן חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון אַ גרויסן אַמעריקאַנער פאַבריקאַנט. נאָכן אומקערן זיך אין לאַנד אַרבעט וואַרלימאָן אינעם שטאַב פון דער ווערמאַכט, וווּ ער שפּילט דאָרט, פּונקט ווי גענ. שווערין, אַ צווייזייטיקע ראָל: ער אינפאָרמירט די ווערמאַכט וועגן צושטאַנד פון דער אַרמיי אין די פאַראייניקטע שטאַטן און דעם אַמעריקאַנער שטאַב — וועגן דער היטלעריסטישער אַרמיי.[64] בעת דער לעצטער וועלט־מלחמה איז ער געווען שעף פון דער פאַרטיידיקונגס־אָפּטיילונג אָ.ק.וו. דאָס הייסט דער פאַרטרעטער פון יאָדלען, דעם שעף פון אָפּעראַטיוון גענעראַל־שטאַב פון דער ווערמאַכט.[65] וואַרלימאָן האָט געהערט צו די וויכטיקסטע שטאַב־גענעראַלן, וועלכע האָבן אויסגעאַרבעט דעם „באַרבאַראָסאַ“־פּלאַן. אַזוי אַרום האָט ער שוין אין 1941 יאָר צוגעגרייט דעם פאַרברעכערישן פּלאַן פון אויסמאָרדן סאָוויעטישע טוער און פּאָליטישע קאָמיסאַרן פון דער סאָוויעטישער אַרמיי. אין הסכּם מיט דעם דאָזיקן פּלאַן האָט דער גענעראַל בראַוכיטש, דעם 21־טן אַפּריל 1941 יאָר, אַרויסגעגעבן אַ באַפעל דעם גענ. רונדשטעדטן און אַנדערע גענעראַלן[66] וועגן אָנשטעלן אַן ענגע צוזאַמענאַרבעט מיט די אָפּעראַטיווע עסעס־גרופּן, וועלכע זענען טעטיק אין דער אָפּעראַטיווער סטרעפע פון דער ווערמאַכט. די פעלקערמערדערישע פּלענער זענען, ווי מיר וויסן, אויסגעפירט געוואָרן.[67]

דער דאָזיקער באַוווּסטער קריגס־פאַרברעכער איז בכלל נאָך דער מלחמה נישט געמשפּט געוואָרן, ווייל די אַמעריקאַנער מיליטערישע אָקופּאַציע־מאַכט האָט באַשלאָסן זיך צו באַנוצן מיט אים אַלס „עקספּערט“ ביים באַאַרבעטן די פּלענער פון רעמיליטאַריזירן מערב־דייטשלאַנד.

---

[64] מיעלניקאָוו און טשאַרנאַיאַ: די היטלעריסטישע גענעראַלן, ז. 38.

[65] דער נירנבערגער פּראָצעס (רוסיש), ב. 1, ז. 359.

[66] דער נירנבערגער פּראָצעס נומ. 9, ב. 1. דאָק. 3422 — NO

[67] דער נירנבערגער פּראָצעס נומ. 12. ב. 10, פּ. 30—31, דער נירנבערגער פּראָצעס (רוסיש), ב. 1, ז. 433 דאָק. רת. 884.

גענ. אַנטאָן גראַסער, געוועזענער גענעראַל פון דער ווערמאַכט. איצט איז ער אַ מיטאַרבעטער פונעם בלאַנק־אַמט. אין נאָוועמבער 1950 יאָר האָט אַדענאַוער אים באַשטימט אַלס גענעראַל־אינספּעקטאָר פון דער „פּאָליציי צו ספּעציעלע אויפגאַבן“.[68] אין יולי 1951 יאָר ווערט ער, ווי עס האָט מיטגעטיילט די פּרעסע, קאָמאַנדיר פון דער „מיליטערישער מערב־גרופּע“.[69]

גענ. האַנס פּריסנער, געוו. אָנפירער פון דרום־פראָנט. ער איז בכלל נישט געמשפּט געוואָרן נאָך דער מלחמה. הייַנט איז ער איינער פון די וויכטיקסטע מיטאַרבעטער פונעם בלאַנק־אַמט.[70] ער רעפּרעזענטירט אין אים די פאַרברעכערישע ליגע פון דער היטלעריסטישער ווערמאַכט. דאָס איז קלאָר געקומען צום אויסדרוק דעם 9־טן סעפּטעמבער 1951 יאָר, ווען ער האָט דערקלערט אויף אַ פאַרזאַמלונג, אַז „דער קרייץ־צוג קעגן פּוילן איז געווען אַ נויטווענדיקייט“. פּריסנער האָט זיך אויך באַמיט ריינוואַשן די פעלקערמערדער פון די עסעס־אָפּטיילונגען, דערקלערנדיק: „אַז די עסעס־פאָרמאַציעס האָבן באַלייגט דעם עקזאַמען אויפן פראָנט, זיי האָבן דערפילט זייער פליכט אין זין פון פולשטענדיקן מקריב זיין זיך און אידעאַליזם; זיי האָבן זיך מוסטערהאַפט אויפגעפירט“.[71]

גענ. ערנסט רעמער איז געווען איינער פון די ווערמאַכט־גענעראַלן, וואָס זענען געווען היטלערס איבערגעגעבנסטע דינער. ער האָט פאַראַטן — ווי עס איז אַלגעמיין באַקאַנט — די אָנפירער פון יולי־פאַרשווערונג אויף היטלערן (1944 VII.20) און איז דערנאָך געווען זייער בלוטיקער ליקווידאַטאָר. גענ. ערנסט רעמער האָט זיך שפּעטער באַרימט, אַז ער האָט מיט סאַטיספאַקציע אַסיסטירט בעתן אויפהענגען די שלימזלדיקע אַטענטאַטלער. אין 1945 יאָר איז ער אין גרויס פאַניק אַנטלאָפן פאַר דער סאָוויעטישער אַרמיי, איבערלאָזנדיק אויף גאָטס באַראָט זייַנע מיליטער־אָפּטיילונגען.

תיכף נאָכן פאַרענדיקן די מלחמה איז רעמער דורך דער אָנפירונג פון דער אַמעריקאַנער אָקופּאַציע־מאַכט אין מערב־דייטשלאַנד צוגעצויגן געוואָרן מיטצואַרבעטן אויפן געביט פון דער אַזוי גערופענער ספּעציעלער דינסט.[72] ער שפּילט

---

[68] ע. אָסמאַנטשיק: דייטשלאַנד, ז. 227.

[69] „טריבונאַ לודו“ פון 1951.VII.14.

[70] „טריבונאַ לודו“ פון 1951.XII.6 י.

[71] ה. קאָוואַלסקי: די אייראָפּעישע אַרמיי — די ווידעראויפלעבונג פון דער ווערמאַכט, „אינטערנאַציאָנאַלע פראַגן“ נומ. 4 פון 1952 י.

[72] נאַצי קאָנספּיריים. ב. 1. ז. 852. דאָק. פּס—3054. רעמערס רעדע נאָכן נישט אויסגעגעבענעם פּוטש און די „קאַיער אינטערנאַסיאָנאַ“ נומ. 42 פון 1953 י. פאַרן שענדלעך־פּחדנותדיקן אַנטלויפן פונעם שלאַכט־פעלד פאַר דער אָנגרייפערישער סאָוויעטישער אַרמיי, האָט דער גענ. פאָן טרעסקאָוו צוגעצויגן רעמערן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דיסציפּלין־ברוך.

איצט אַ וויכטיקע ראָל אין פּאָליטישן לעבן פון מערב־דייטשלאַנד: ער איז פאַרטרעטער פון פּאָרזיצער פון דער רעאַקציאָנערער „דויטשער רייכספּאַרטיי“ און טרעט גאַנץ אָפט אַרויס אויף מיטינגען און עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען. בעת דער וואַל־קאַמפּאַניע אין נידערזאַקסן אין 1951 יאָר האָט רעמער פּאַטעטיש דערקלערט: „מיר זענען גרייט צו אַלע קרבנות, כדי ווידער צו געפינען דאָס דייטשישע רייך פון דעם פעריאָד פאַרן 1945 יאָר“.[73]

גען. בלאַוראָק פאַרנעמט אַ זייער וויכטיקן פּאָסטן אינעם בלאַנק־אַמט. ער פירט אָן מיט דער אויסשולונג פון די אָפיצירן־קאַדרען. אין 1950 יאָר האָט ער אָנגעזאָגט דאָס אָרגאַניזירן קורסן פאַר די גענ. היטלעריסטישע אָפיצירן מיטן ציל „אויפצוהייבן זייערע פּראָפעסיאָנעלע קוואַליפיקאַציעס“.[74]

גען. פּאַול מאַהלמאַן איז איינער פון די הויפּט־אָרגאַניזאַטאָרן פון די נייע דייטשישע באַוואָפנטע כוחות. דעם 1־טן אָקטאָבער 1950 יאָר האָט ער איבערגענומען די אָנפירערשאַפט פונעם הויפּט־שטאַב פון די דייטשישע קאָנטינגענטן, וועלכע דאַרפן אַרייַנגיין אין באַשטאַנד פון דער „אייראָפּעישער אַרמיי“.[75]

גען. לינדע האָט זיך שוין אין האַרבסט 1950 יאָר — לויט דער באַפולמעכטיקונג פון גען. שווערין — פאַרנומען מיט רעקרוטירן פּראָפעסיאָנעלע אָפיצירן און אונטעראָפיצירן אין דער נעאָ־ווערמאַכט.[76]

גען. געראַהאַרדט מאַצקי איז נאָך אין דער העלפט 1951 יאָר באַשטימט געוואָרן דורך אַדענאַוערן אַלס קאָמאַנדיר פון די אַזוי גערופענע אָפּטיילונגען פון דער גרענעץ־וואַך, וועלכע זענען פאַקטיש רעגולערע מיליטער־אָפּטיילונגען און פירן דורך פּראָוואָקאַטאָרישע דיווערסיע־אַקטן אויף די גרענעצן פון דער דייטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק.[77] איצט איז מאַצקי — ווי עס טיילט מיט די פאַרעפנטלעכטע דורך דער דייטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק אין יאַנואַר 1954 יאָר פּובליקאַציע אונטערן נאָמען: „באָן גרייט צו אַ רעוואַנשיסטישע מלחמה“ — אינספּעקטאָר פון דער באָנער פּאָליציי. מאַצקי איז פון 1924 יאָר אָן געווען אַ מיטאַרבעטער פון דייטשישן גענעראַל־שטאַב. אין די יאָרן 1933—1939 — מיליטערישער אַטאַשע אין טאָקיאָ און פון 1939 יאָר אָן — דער הויפּט־קוואַרטירמייסטער אין היטלערס גענעראַל־שטאַב.

גען. צימערמאַן. אין נאָוועמבער 1953 יאָר האָט ער אָנטיילגענומען אין דער באַראַטונג מיט די אַמעריקאַנער קאָמאַנדירן, וועלכע האָבן געפירט די

---

[73] „מאָנד זשואיף“ נומ. 43 און 44. „קאַיער אינטערנאַסיאָנאָ“ נומ. 42 פון 1953 י.

[74] „טריבונאַ לודו“ פון 1950.X22 י.

[75] „זשעטשפּאָספּאָליטאַ“ פון 1950.X.21 י.

[76] „טריבונאַ לודו“ פון 1950.X.18 י.

[77] „טריבונאַ לודו“ פון 1951.VII.14 י.

שולונג פון די „דייטשישע דינסט=אָפּטיילונגען“ פאַרן איינשליסן זיי אין די פאָר=
מירטע דורכן בלאַנק=אַמט רעגולערע דיוויזיעס.[78]

גענ. טראַוגאָט שפּילט אַ וויכטיקע ראָל סיי אין מיליטערישן, סיי אין
פּאָליטישן לעבן. אויף איינעם פון זיינע אַרויסטרעטונגען זומער 1953 יאָר אין
האַנאָווער האָט ער אויפגעדעקט דעם פּאַקטישן ציל פון דער „אייראָפּעישער אַר=
מיי“, פעסטשטעלנדיק, אַז די „אייראָפּעישע אַרמיי וועט קאָנטינואירן די היט=
לעריסטישע מלחמה“.[79]

גענ. אַנדרע, באַוווסטער קריגס=פאַרברעכער, טרויעריק=באַרימט פון זיי=
נע פעלקערמערדערישע פאַרברעכנס אויפן אינדזל קרעטע. דער בלוטיקער צו=
נאָמען: „דער תלין פון קרעטע“, איז אים שוין פאַרבליבן אויף זיין גאַנץ לעבן.
פאַר די באַגאַנגענע פאַרברעכנס איז ער דורכן גריכישן טריבונאַל פאַרמשפּט גע=
וואָרן אויף לעבנסלענגלעכער תפיסה. אָבער אינגיכן ווערט ער אַרויסגעלאָזט
אויף דער פריי. איצט איז ער איינער פון די פירער פון דער פאַשיסטישער פאַר=
טיי „דויטשער בלאָק“, וועלכע באמיט זיך צו באַקומען ספּעציעלע הנחות פאַר די
געוו. מיטגלידער פון ס. אַ. און „אַרבעטס=דינסט“.[80]

גענ. פאַול האַוזער, גענעראַל פון וואַפּען עס־עס. איצט איז ער אַן
אָנגעשטעלטער אין בלאַנק=אַמט. ער האָט לעצטנס אַרויסגעגעבן אַ ביכל אונ=
טערן נאָמען: „דאָס עסעס=מיליטער אין אָפענסיווע“. דעם אַריינפיר=וואָרט האָט
אָנגעשריבן גודעריאַן.

דער אויטאָר לויבט די פעלקערמערדערישע מעשים פון עסעס=מיליטער בעת
דער לעצטער וועלט=מלחמה.

צווישן אַנדערן שרייבט האַוזער: „פאַרגעסט נישט, אַז אין די רייען פון
עסעס=וואַפּען זענען געפאַלן די ערשטע אייראָפּעער... פאַרהאַלט זיך נישט אין
מיטן וועג. דער געדאַנק וועגן אייראָפּע איז דער איינציקער פּאָליטישער אידעאַל,
וועגן וועלכן עס לוינט זיך נאָך היינט צו קעמפן. נאָך קיינמאָל זענען מיר נישט
געווען אַזוי נאָענט פון זיין רעאַליזירונג“.[81]

גענ. פראַוענפעלד. עסעס=וואַפּען=גענעראַל, שפּילט אַן אָנפירנדיקע
ראָל אין די עסעס=אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן אויך אַדאַנק זיינע באַמיונגען אַ
זייער גרויסן איינפלוס אויפן פּאָליטישן לעבן אין מערב=דייטשלאַנד. אויפן צוזאַ=
מענפאָר פון העכער 1000 געוו. זעלנער פון עסעס=וואַפּען אין פרילינג 1951
יאָר אין האַמבורג האָט זיך גענ. פראַוענפעלד באַרימט — ווי עס האָט מיטגע=

---

[78] „נאָווע טשאַסי“ פון 1954 י. נומ. 8.
[79] „נייע פרעסע“ פון 1953.VII.21 י.
[80] „קאַיער אינטערנאַסיאָנאָ“ נומ. 42 פון 1953 י.
[81] „וייס=בוך“ פון 1954, ז. 16.

טײלט די א.פ.פ.־פרעסע פון 4־טן נאָװעמבער 1951 יאָר — אַז װאָס אַמאָל איז אַן אַלץ גרעסערע צאָל פירער פון פּאָליטישע פּאַרטײען, און צװישן זײ קורט שו־מאַכער, באַמיען זיך בײַ אים צו באַקומען די אונטערשטיצונג פון דער עסעס, װײל זײ האַלטן די עסעס פאַר „אַ װאָגיקן פּאָליטישן פאַקטאָר“.

גענ. פאָן באָטהמער, גענעראַל פון ס.א. ער שפּילט אַ װיכטיקע ראָל אין דער רעאַקציאָנערער „דױטשער רײכס־פּאַרטײ“. [82]

גענ. ברענעקע האַלט פאַר אַן ערן־זאַך זײַנע בלוטיקע דערפאַרונגען אין דער אָנפאַלערישער מלחמה אויפן מזרח. איצט געהערט ער צו דער רעאַקציאָנע־רער פּאַרטײ פ.ד.פ., אין װעלכער עס גרופּירן זיך הויכע היטלעריסטישע טוער, עסעס־ און אַנדערע מיליטער־לײט. די װערמאַכט־גענעראַל — האַלדער, מאַנטױ־פעל, קעסעלרינג; די עסעס־גענעראַלן: ראַמקע, גיל און הױזער, װי אויך דער באַרימטער קאָמענטאַטאָר פון היטלעריסטישן ראַדיאָ — האַנס פריטשע. [83]

עסעס־גענעראַל שטײַנער איז אײנער פון די פירער פון „מערב־דײַטשישן פאַרבאַנד פון געװ. עסעס־לײט“, װעלכער איז געשאַפן געװאָרן אין 1953 יאָר אין האַנאָװער. [84]

דער עסעס־גענעראַל ראַמקע איז פאַראַנטװאָרטלעך פאַר אויס־מאָרדן אַ גרויסע צאָל פראַנצויזישע פּאַטריאָטן. ער האָט זיך באַזונדערס בלוטיק אײַנגעקריצט אין זכרון פון פראַנצויזישן פאָלק אַלס תלין פון ברעסט. דער פראַנ־צויזישער טריבונאַל האָט אים אין אָנהײב 1951 יאָר פאַרמשפּט בלויז אויף 5 יאָר תפיסה, אָבער אין 3 חדשים אַרום איז ער באַפרײַט געװאָרן. [85] שוין אויפן פראָצעס, װאָס האָט געדױערט קוים 3 טעג, האָט זיך ראַמקע — אַדאַנק דער זאָרג־פעליקער אויפזיכט פון זײַנע ענגליש־אַמעריקאַנער פּראָטעקטאָרן — פאַרהאַלטן חוצפּהדיק און ציניש. תיכף נאָכן אומקערן זיך קײן מערב־דײַטשלאַנד איז ער צו־געטראָטן צו אַ לעבהאַפטער פּאָליטישער און אָרגאַניזאַציאָנעלער טעטיקײט צװישן די געװ. עסעסלײט. זומער 1951 יאָר איז ער אַרויסגעטרעטן אויפן צוזאַ־מענפאָר פון 5 טויזנט געװ. היטלעריסטישע פּאַראַשוטיסטן אין ברונשװײק, אויס־דריקנדיק זײַן גרײטקײט אונטערצושטיצן די ענגליש־אַמעריקאַנער אַגרעסיװע פּלענער אונטערן באַדינג פון באַפרײַען און פולשטענדיק רעהאַביליטירן אַלע קריגס־פאַרברעכער, און ספּעציעל די הויפּט־קריגס־פאַרברעכער, װעלכע זענען דורכן אינטערנאַציאָנאַלן מיליטערישן טריבונאַל פאַרמשפּט געװאָרן, און נעמ־לעך: דעם אַדמיראַל דעניץ, העס, נױראַט און אַנדערע. [86]

---

82 דאָרט.

83 „קאַיע אינטערנאַסיאָנאַ“ נום. 42 פון 1953 י.

84 „נײַע פרעסע“ פון 1953.IX.2 י.

85 „נײַע פרעסע“ פון 1951.III.23 י.

86 „נײַע פרעסע“ פון 1951.VIII.31 י.

ראַמקע, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ פֿאַשיסט, איז געווען אַן אָנהענגער פֿונעם פֿאַררעטער פֿון פֿראַנצויזישן פֿאָלק, פֿון פּעטענען און אין שייכות מיט זיין טויט האָט ער אים באַערט און אָנגעזאָגט, אַז „עס וועט קומען דער טאָג, ווען די געוועזענע היטלעריסטישע מיליטערלייט און פּעטענס מענטשן וועלן ווידער קאָנען הויך רעדן“,[87] ווייל ראַמקען זענען ווידער נייטיק קאָלאַבאָראַציאָניסטן און פֿאַררעטער פֿונעם טיפּ, ווי פּעטען און לאַוואַל אין פֿראַנקרייך. צוליב זיינע איצטיקע רויבערישע פּלענער לגבי פֿראַנקרייך (עלזאַס און לאָטאַרינגיע), לגבי שווייצאַריע און בעלגיע, האָט ראַמקע אויף דער פֿאַרזאַמלונג פֿון עסעס־לייט אין בערלין אין מערץ 1952 יאָר חוצפּהדיק געפֿאָדערט „אַבסאָלוטע סוווערעניטעט פֿון אַ גרויס־דייטשלאַנד אין די ראַמען פֿון דער הערשונג פֿון דער דייטשישער שפּראַך“.[88]

ראַמקע שפּילט זייער אַ וויכטיקע ראָל אינעם פּראָצעס פֿון רעמיליטאַריזירן מערב־דייטשלאַנד. ער איז איינער פֿון די הויפּט־רעדלפֿירער אין דער שוואַרצער כנופֿיה, וואָס פֿירט אָן מיט דער רעפֿאַשיזירונג־באַוועגונג אין מערב־דייטשלאַנד. אין דער צווייטער העלפֿט פֿון 1951 יאָר האָט ראַמקע אויף אַ ספּעציעלער קאָנפֿערענץ פֿון געוו. גענעראַלן און העכערע אָפֿיצירן פֿון דער ווערמאַכט און עסעס פֿאָרגעשטעלט אַ פּלאַן פֿון רעמיליטאַריזירן דייטשלאַנד. ראַמקעס פּלאַן איז געווען פֿאָרמולירט אין 5 פּונקטן און האָט צווישן אַנדערן אָנגעצייכנט די באַדינגונגען פֿון דער אָנשליסונג פֿון דער ווערמאַכט צו דער „אייראָפּעישער אַרמיי“ (רעהאַביליטירן די קריגס־פֿאַרברעכער, אומבאַגרענעצטקייט פֿון דער צאָל און פֿון דער באַוואָפֿענונג פֿון דער ווערמאַכט, רעפּרעזענטאַנץ אין אייראָפּעישן גענעראַל־שטאַב, אומקערן דעם סאַאַר־באַסיין א. אַז. וו.).[89] נאָך בלאַנקס אומקערן זיך פֿון וואַשינגטאָן האָט ראַמקע אויף איינער פֿון די פֿאַרזאַמלונגען פֿון געוועזענע עסעסלייט דערקלערט: „די איצטיקע אינטערנאַציאָנאַלע סיטואַציע אַנטוויקלט זיך גינסטיק פֿאַר דייטשלאַנד, ווו דער מעכטיקער פֿאַרבינדעטער אירער זענען די פֿאַראייניקטע שטאַטן און וואָלטן געקאָנט אַנטיילנעמען אין ערנסטע קאָנפֿליקטן מיט פֿראַנקרייך“.[90]

דער בלאַנק־אַמט ווענדעט אַ ספּעציעל גרויסע אויפֿמערקזאַמקייט אויפֿן ווידעראויפֿבויען די מיליטערישע אַוויאַציע. אין דער קאָנפֿערענץ, וועלכע איז פֿאָרגעקומען אין אַפּריל 1953 יאָר אין פֿראַנקפֿורט ביים מיין, האָבן אָנטיילגענומען 25 היטלעריסטישע אַוויאַציע־גענעראַלן, די באַקאַנטע קאָנסטרוקטאָרן פֿון קריגס־

87 „נייע פּרעסע“ פֿון 1951.IX.11 י.

88 „נייע פּרעסע“ פֿון 1953.III.10 י.

89 „נייע פּרעסע“ פֿון 1951.XI.2 י.

90 „פֿאַר אַ דויערהאַפֿטן שלום און פֿאָלקס־דעמאָקראַטיע“ פֿון 1953.X.2 י. (לויט דער „טריבון דע נאַסיאָן“).

אַעראָפּלאַנען העינקעל און מעסערשמידט, ווי אויך בלאַנק אַליין מיט זיין שטאַב מיטאַרבעטער.

אין דער זעלבער צייט האָט די א.ד.נ.-אַגענטור מיטגעטיילט, אַז 200 געוו. היטלעריסטישע לופטפּליער האָבן פון דער שווייצאַרישער מאַכט באַקומען א דערליבעניש אויף לופט-איבונגען נאָענט פון לאָקאַרנאָ אויף די אַעראָדראָמען פון אַסקאָנאַ, אַחוץ דעם, מאַכט דורך א באַזונדערע שולונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן א ספּעציעלע גרופּע לופט-פּליער. אויסער דעם, שולן זיך דייטשישע לופט-פּליער אויף די אַמעריקאַנער אַעראָדראָמען אין מערב-דייטשלאַנד. עס איז קלאָר, אַז די הויפּט-ראָל ביים ווידעראויפבויען דעם מערב-דייטשישן מיליטערישן לופט-פלאָט שפּילן די געוו. היטלעריסטישע אָפיצירן פון דער „לופטוואַפע“. דער הויפּט-קאָמאַנדיר פון דעם באָנער אַוויאַציע-מיליטער דאַרף זיין פּולק. הויזער, געוו. שטאַב-קאָמאַנדיר פון איינער פון די „לופטוואַפע“-פאָרמאַציעס. אַלס קאָמאַנדירן זענען אויך טיפּירט די פּולק.: פאָן מאַלצאַן, שטיינהאָף, און קורט קולמיי, וועלכע האָבן א רייכע דערפאַרונג אין די באַרבאַרישע לופט-אָנפאַלן אויף די שטעט און דערפער פון פּוילן, ענגלאַנד, פראַנקרייך, דענעמאַרק, נאָרוועגיע, א. אַז. וו. דער צוקונפטיקער קאָמאַנדיר פון דער באָמבאַרדיר-אַוויאַציע דאַרף טאַקע זיין פּולק. קולמיי [91].

אַ מיליטערישן כאַראַקטער טראָגט אויך דער אויף שנעל אויסגעבויטער אין מערב-דייטשלאַנד ציווילער לופט-פלאָט. זיינע אַוויאַציע-אָפּטיילונגען וועלן אָנהייבן זייער רעגולערע טעטיקייט שוין דעם 1-טן מערץ 1955 יאָר. וועגן כאַראַקטער פון דעם דאָזיקן לופט-פלאָט, וואָס פיגורירט אונטערן נאָמען „לופט-האַנסאַ“, זאָגן שוין עדות די לעצטנס באַשטימטע דורך אַדענאַוערס רעגירונג אָנפירנדיקע קאַדרען. איינער פון די מיטגלידער פון אַדמיניסטראַטיוון ראַט איז ווערנער קנעיפּ, געוו. שעף פון גערינגס שטאַב „לופטוואַפע“; פאָרזיצער פון ראַט איז קורט וועגעלט, געוו. וויצע-פאָרזיצער פון היטלעריסטישן „לופט-האַנסא“; די הויפּט-דירעקטאָרן זענען האַנס באָנגערס און געראַהאַרד הייטיע — געוו. העכערע פונקציאָנאַרן פון דער זעלבער „לופטהאַנסאַ“. מיטגליד פון ראַט איז אויך געוואָרן באַשטימט פאָן ענגעל, געוו. לופטפּליער פון דער „לופטוואַפע“, וועלכער איז נאָך דער מפּלה פון היטלער-דייטשלאַנד אַנטלאָפן קיין שפּאַניע און איז פון 1948 ביז 1952 יאָר געווען אַ לופטפּליער פון פראַנקאָס לופטפלי-כוחות. עס איז כדאַי צו דערמאָנען, אַז אין באַשטאַנד פונעם אַדמיניסטראַטיוון ראַט פון „לופטהאַנסאַ“ גייט אויך אַריין מאַקס אַדענאַוער, דער זון פונעם באָנער קאַנצלער.

---

[91] И. Г. Жуков: «Милитаризация Западной Германии». Стр. 92—93.

עס זענען שוין באַאַרבעט געוואָרן די פּלענער, לויט וועלכע די לופט=כוחות פון מערב=דייטשלאַנד וועלן שוין אין אָנהייב=פּעריאָד ציילן 80 טויזנט מענטשן און העכער 1300 אַעראָפּלאַנען. זיי וועלן מיט זיך פאָרשטעלן 20 גרופּן, פון וועלכע 15 וועלן זיין פונעם טיפּ יעגער=באָמבאַרדירער.

דער גאַנצער שטאַב פון געוו. היטלעריסטישע אָפיצירן פון דער „לופטוואַפע" (ביי אַ 60 פּערזאָן) אַרבעטן מיט מיט דער אָנפירונג פון דעם אָקופּאַציע=מיליטער פון די פאַראייניקטע שטאַטן ביים ווידעראויפבויען און פאַנאַנדערבויען דעם מערב=דייטשישן מיליטערישן לופט=פלאָט. דאָס קומט פאָר קעגן דעם ווילן פון די פּאָטשדאַמער אָפּמאַכן, וועלכע האָבן פאַרווערט דעם ווידער=געבורט פון דייטשישן לופט=פלאָט. גלייכצייטיק קומט פאָר אין אַ שנעלן טעמפּ דער ווידער=אויפבוי פון דער מערב=דייטשישער מיליטערישער אַוויאַציע=אינדוסטריע. עס פירן מיט איר אָן באַוווסטע מאַגנאַטן פון דער לופטפלי=אינדוסטריע. ווי: קורט מעסערשמידט (ער בויט נייע פאַבריקן אין עסן, וועלכע וועלן באַשעפטיקן 10 טויזנט אַרבעטער) און ערנסט היינקעל. אין גאַנג פון פאַנאַנדערבוי געפינען זיך די גוטבאַקאַנטע אַעראָפּלאַנען=פאַבריקן: „פאָקע וואולף", „דאָרניער" און „יונקערס".[92] צווישן די דייטשישע ספּעציאַליסטן לופטפליער געפינען מיר די טרויעריק=באַרימטע געוו. היטלעריסטישע גענעראַלן, פון וועלכע מיר וועלן בלויז פאַרעפנטלעכן עטלעכע, וואָס זענען דורך דער פּרעסע אויפגעדעקט געוואָרן:

ג ע נ. ה אַ נ ס=י ו ר ג ע ן ש ט ו מ פּ ף, גענעראַל פון דער היטלעריסטישער „לופטוואַפע" פון 1936 יאָר; שעף פון פּערסאָנאַלן ביוראָ, קאָמאַנדיר פון „לופט=פלאָטע רייך". ער איז מיטפאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם באַרבאַרישן חרוב מאַכן אָפּענע שטעט אין נאָרוועגיע, פינלאַנד, ראַטנפאַרבאַנד; ער טראָגט די שולד פאַרן דערמאָרדן אַנטוואָפנטע אַליאַנטישע לופטפליער און פאַר באַגאַנגענע פעלקער=מערדערישע פאַרברעכנס אין די אָקופּירטע לענדער.

דאָס איז וואַרשיינלעך דער זעלבער גענ. שטומפּף, וועלכער האָט צוזאַמען מיט קייטעלן און פרידענבורגן אונטערגעשריבן דעם 8=טן מאַי 1945 יאָר אין בערלין אין דער הויפּט=קוואַרטיר פון מאַרשאַל זשוקאָוו דעם אַקט פון דער אומבאַדינגטער קאַפּיטולאַציע פון דייטשלאַנד[93].

דער גענ. שטומפּף איז פאַר זיינע באַגאַנגענע פאַרברעכנס נישט געמשפּט געוואָרן פאַר קיין שום טריבונאַל. ער אַנטוויקלט איצט אַ לעבהאַפטע טעטיקייט אין דער אָנפירערשאַפט פון דער אָרגאַניזאַציע „ברודערשאַפט" און איז גלייכצייטיק איינער פון די הויפּט=אָנפירער פון „זאָלדאַטענבונד" און פּרעזעס פון דער אָפּטיילונג אין שלעזוויג=האָלשטיין. אויף איינער פון די עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען אין

[92] „טריבונאַ לודו" פון 1953.I.10 י.
[93] ע. אָסמאַנטשיק: דייטשלאַנד, ז. 9.

אויגוסט 1951 יאָר אין לובעק האָט געג. שטומפף געגרופן די מיטגלידער פון פאַר־שידענע היטלעריסטישע פאָרמאַציעס (אַרבעטס־דינסט, אָרגאַניזאַציע טאָדט, עסעס און ענלעכע) צו פאַראייניקונג און צום צוגרייטן זיך אויפן רוף פון דער אָנפירער־שאַפט אלס דייטשישע מיליטערישע קאָנטינגענטן — דער עמבריאָן פון דער „אייראָפּישער אַרמיי“[94]. גלייכצייטיק האָט געג. שטומפף געפאָדערט אונ־טערצוגעמען אן אקציע פאַר באַפרייען דעם געג. שמידט. ווי באַוווּסט, איז שמידט דורכן טשעכאָסלאָוואַקישן טריבונאַל פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט פאַר זיינע באַגאַנגענע פאַרברעכנס אין לידיצע[95].

שטומפף שפּילט אויך א באַדייטנדיקע ראָל אין אַרגאַנאוערס פּאַרטיי (צ. ד. או.) און מצד איר האָט ער אין 1953 יאָר קאַנדידירט צום בונדעסטאַג[96].

געג. קרייפּע איז געוועזן שעף פון גענעראַל־שטאַב פון דער „לופטוואַ־פע“. אין מערץ 1951 יאָר איז ער דורך דער באָנער רעגירונג באַשטימט געוואָרן אַלס ראַטגעבער פאַר לופטפלי־ענינים.[97] געג. קרייפּע צוזאַמען מיט ד״ר קניפּפער (געגרינגס געוועזענער פאַרטרויונגס־מאַן) אַרבעטן אין טראַנספּאָרט־מיניסטע־ריום, ווו זיי גרייטן צו די מאַטעריעלע באַזע און די קאַדרען פאַר דעם באָנער מי־ליטערישן לופטפלי־וועזן. אונטערן פּראָטעקטאָראַט פונעם דאָזיקן מיניסטעריום געפינט זיך דער היטלעריסטישער „לופטפלי־פאַרבאַנד“[98].

געג. קאַהלער, דער לעצטער שעף פון גענעראַל־שטאַב פון דער „לופט־וואַפע“, איז, וואָס אן אמת, נאָך דער מלחמה צוזאַמען מיט געריגגען אַרעס־טירט געוואָרן, אָבער די אַמעריקאַנער האָבן אים אינגיכן באַפרייט. ער דינט איצט דער אמעריקאַנער מאַכט און דער באָנער רעגירונג. ער נעמט אָנטייל אין די באַראַטונגען פון די דייטשישע גענעראַלן, אויף וועלכע עס ווערן באַטראַכט די פּראָבלעמען, וואָס זענען פאַרבונדן מיטן ווידעראויפבויען די דייטשישע באַ־וואָפנטע כוחות[99].

געג. באָדענשאַץ, געוו. אַדיוטאַנט פון געריגגען. פרילינג 1953 יאָר, בראש פון 34 געוועזענע אָפיצירן פון דער געריגג־עסקאַדרע „רייכסהאָפען“, האָט ער זיך געטראָפן מיט די אָפיצירן פונעם לופט־פלאָט פון די פאַר־אייניקטע שטאַטן, איבערווייזנדיק זיי די דערפאַרונג פון די דייטשן און זי קאָנ־פראָנטירט מיט דער דערפאַרונג פון אַמעריקאַנער לופט־פלאָט אין קאָרעע.[100]

[94] „פראַנס ד'אַבאָר“ פון 1953.IX.3 י.
[95] „נייע פּרעסע“ פון 1951.VIII.31 י.
[96] „טריבונאַ לודו“ פון 1951.VIII.29 י.
[97] „טריבונאַ לודו“ פון 1951.III.22 י.
[98] „נאָווע טשאַסי“ 1954, נומ. 8.
[99] „נייע פּרעסע“ פון 1951.VII27 י.
[100] „לאַ ליבעראַסיאָן“ פון 1953.V.8 י.

גענ. פלאָכער, געוו. קאָמאַנדיר פון טרויעריק־באַרימטן לעגיאָן „קאָנדאָר". ער האָט דאָס אָנגעפירט מיט די היטלעריסטישע לופט־עסקאַדרעס, וועלכע האָבן באָמבאַרדירט שפּאַניע בעתן בירגער־קריג (1936—1938). אין פעברואַר 1954 יאָר האָט פלאָכער צוזאַמען מיטן מאַרשאַל קעסעלרינג אָנטיילגענומען אינעם צוזאַמענטרעף פון די היטלעריסטישע לופטפליער מיט די אַמעריקאַנער לופטפליער (מיטן ציל פון דערפאַרונגס־אויסטויש) אין פירטענפעלדברוק [101]. אויסער די אויסגערעכנטע, נעמען אויך אָנטייל אין דעם ווידעראויפבוי פון דער „לופטוואַפע" דער גענ. עריך האַמפּע. פון 1952 יאָר שטייט ער אין שפּיץ פון דעם „פאַרבאַנד פאַר לופטפאַרטיידיקונג" [102].

גענ. עשענהאַוער;

גענ. זיידענמאַן;

גענ. מייסטער;

פּאָלק. יאָהאַנעס שטיינהאָף, געוו. אָנפירער פון דער עסקאַדרע „מעסערשמידט" און דערנאָך שעף פון דער אָפּעראַטיווער אָפּטיילונג;

פּאָלק. קורט קולמעי, געוו. קאָמאַנדיר פון דער לופטפלי־עסקאַדרע, וועלכע האָט באָמבאַרדירט לאָנדאָן, קאָווענטרי און בירמינגהאַם [103], ספּעציאַליסט אין די פראַגן פון באָמבאַרדיר־ און יעגער־אַעראָפּלאַנען;

פּאָלק. ווערנער פּאַניצקי, געוו. קאָמאַנדיר פון אַן עסקאַדרע באָמבאַרדיר־אַעראָפּלאַנען;

פּאָלק. גינטער פאָן מאַלצאַן האָט אָנגעפירט מיט דעם לופטפלאָט פון יעגער־אַעראָפּלאַנען אין איטאַליע און איז מיטפאַראַנטוואָרטלעך צוזאַמען מיט זיין געוועזענעם קאָמאַנדיר קעסעלרינג פאַר די באַגאַנגענע פעלקער־מערדערישע פאַרברעכנס;

פּאָלק. הויזער;

פּאָלק. רודעל איז אין 1948 יאָר, שרעקנדיק זיך פאַר דער שטראָף צוליב זיינע באַגאַנגענע קריגס־פאַרברעכנס, אַנטלאָפן פון דייטשלאַנד קיין אַרגענטינע. אין 1953 יאָר טרעט ער שוין אַרויס אין דער וואַל־קאַמפּאַניע צום בונדעסטאַג. ער רופט צו אַ באַוואָפנטן רעוואַנזש, און די אַמעריקאַנער איבערצייגט ער, אַז די „אַמעריקאַנער אַרמיי דאַרף אָרגאַניזירט ווערן נישט נאָר אויף דער באַזע פון די דערפאַרונגען פונעם קאַמף פון די פאַראייניקטע שטאַטן קעגן באָלשעוויזם

101 „טריבונאַ לודו" פון 9.II.1954 י.

102 „נאָווע טשאַסי" 1954, נומ. 8.

103 „איזוועסטיאַ" פון 30.VIII.1953 י.

אין קאָרעע, נאָר אויך פון די היטלעריסטישע דערפאַרונגען". רודעל איז א טוער אין דער רעאַקציאָנערער פּאַרטיי „דויטשע רייכספּאַרטיי" [104].

דער בלאַנק־אַמט האָט אויך צוגעצויגן צו צוזאַמענאַרבעט די געוו. העכערע היטלעריסטישע אָפיצירן פון קריגס־ים־פלאָט. זיי האָבן שוין באַאַרבעט א פּלאַן פון ווידעראויפבויען דעם ים־פלאָט.

אין מאַי 1953 יאָר איז אין קוקסהאַפען פאָרגעקומען א 3־טאָגיקע באַראַ־טונג פון 140 געוו. היטלעריסטישע אָפיצירן פון ים־פלאָט. ווי עס טיילט מיט דער „האַמבורגער אַבענדבלאַט", איז שוין אויסער דעם באַאַרבעט געוואָרן דער פּלאַן פון בויען פאַר מערב־דייטשלאַנד קריגס־שיפן. אויפן באַפעל פונעם קאָמאַנ־דיר פון די פּאַראייניקטע שטאַטן אין ברעמערהאַפען שווימען שוין די מינען־טרעגער פון דעם געוו. היטלעריסטישן קריגס־ים־פלאָט (צו 600 טאָן אַרויסשטויס־קראַפט יעדער). די מאַנשאַפט פון די דאָזיקע ים־אָפּטיילונגען באַשטייט פון דיי־טשן. די געוו. היטלעריסטישע אַדמיראַלן היימוט היי און פרידריך רוע באַ־אַרבעטן דעם אָפּעראַציע־פּלאַן פאַר דעם קריגס־ים־פלאָט אין דער סטרעפע פון צפון־ים און באַלטישן ים. אַן אָנפירנדיקע ראָל ביים ווידעראויפבויען דעם קריגס־ים־פלאָט שפּילן צווישן אַנדערע די אונטן אויסגערעכנטע:

אַדמיראַל גאָטפריד האַנזען. האַרבסט 1950 יאָר האָט ער זיך פאַר־נומען, לויטן אויפטראַג פון שווערינען (בלאַנקס פאָרגייער), מיט דער רעקרוטי־רונג פון אָפיצירן אין ים־פלאָט פון צווישן געוועזענע היטלעריסטישע מאַטראָסן. פון 1952 יאָר איז ער וויצע־פרעזעס פון דעם פאַשיסטישן פאַרבאַנד פון געוועזענע מיליטער־לייט („פאַרבאַנד דויטשע זאָלדאַטן"). ער האָט אַנטוויקלט און אַנטוויקלט א באַזונדערס אינטענסיווע טעטיקייט אויפן געביט פון ווידעראויפ־בויען דעם היטלעריסטישן ים־פלאָט און אין דער אַקציע פון באַפרייען די געוו. קריגס־פאַרברעכער. האַנזען האָט זיך צווישן אַנדערן געווענדעט צו אייזענהאַוערן און צו די הויך־קאָמיסאַרן פון די מערב־גרויסמאַכטן אין מערב־דייטשלאַנד, אַז זיי זאָלן דעם ענין פון די קריגס־פאַרברעכער איבערגעבן אויסשליסלעך צו דער קאָמפּעטענץ פון דער באָנער רעגירונג. ער פאָדערט זיי צו באַפרייען, ווייל „זיי האָבן דערפילט זייערע זעלנערישע און אַמטלעכע פליכטן". האַנזען האָט גלייכ־צייטיק געפאָדערט איינצופירן ספּעציעלע געזעצן, וואָס זאָלן באַשטראָפן פאַר באַליידיקן היטלעריסטן, באַשטראָפן דייטשישע אַנטיפאַשיסטן, דורכפירן רע־פּרעסיעס קעגן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי א. אז וו. זיינע מיליטאַריסטישע און רעוואַנזשיסטישע אָנשווונגען האָט ער געבראַכט צום אויסדרוק אין די פובליקאַ־

---

[104] „נײַע פרעסע" פון 2.IX.1953 י.; „קאַיער אינטערנאַציאָנאַ" נומ. 42 פון 1953 י.

ציעם פון „דויטשען זאָלדאַטען קאַלענדאַר“ אויפן 1954 יאָר אין דעם אַריינפירוואָרט אונטערן נאָמען „מיינע ליבע קאַמעראַדן“ [105].

אַדמיראַל העלמוט היע — באַוווּסטער היטלעריסטישער ספּעציאַליסט פון דעם אַזוי־גערופענעם ווונדער־געווער. ער אַרבעט איצט אין בלאַנקאַמט ביים ווידעראויפבויען לויטן היטלעריסטישן מוסטער דעם באָנער קריגס־ים־פלאָט. חוץ דעם נעמט ער אַן אַקטיוון אָנטייל אין פּאָליטישן לעבן. אין 1953 יאָר איז ער אַלס מיטגליד פון דער אַדענאַוער־פּאַרטיי (צ.ד.או.) אויסגעוויילט געוואָרן אין בונדעסטאַג, טרעט אַרויס פאַר באַפרייען די היטלעריסטישע קריגס־פאַרברעכער. [106]

אינעם בלאַנק־אַמט אַרבעטן נאָך אַ סך אַנדערע העכערע אָפיצירן, ווי די גענעראַלן גיזע און ברון (וועלכע שטייען אין שפּיץ פון דער אַזוי־גערופענער „גרענעץ־שוץ, אָבער פּאַקטיש בויט ער ווידער אויף — צוזאַמען מיט האַנזענען און העיען — די קריגס־באַזעס אין קעלן, אין די קריגס־פּאָרטן אין קוקסהאַפען און ווילהעלמסהאַפען. [107]

אינעם בלאַנק־אַמט אַרבעטן נאָך אַ סך אַנדערע העכערע אָפיצירן, ווי גענעראַל גיזע און ברון (וועלכער שטייט אין שפּיץ פון דער אַזוי־גערופענער „גרענעץ־פּאַרטיידיקונג“), גענ. האַמפּע (פּירט אָן מיט דער לופט־פּאַרטיידיקונג), גענ. רעדער [108] (גערינגס אַ פּערזענלעכער פריינד), איצט טוער פון דער אולטראַ־רעאַקציאָנערער פּאַרטיי „דויטשע רייכספּאַרטיי“, גענ. פּאָקטסבערגער [109] (געוו. קאָמאַנדיר פון אַדענאַוערס לייב־גוואַרדיע, אין וועלכער עס געפינען זיך אויסשליסלעך געוו. היטלעריסטישע אָפיצירן), פּולק. קאַראָל פּעטע [110], מאַיאָר אַקסעל פאָן בושע, [111] מאַיאָר זאָמערפעלד (רעדאַקטאָר פון דער מיליטערישער צייטשריפט „זיכערקייט פון אייראָפּע“ און פריער שעף פון אַמט פאַר אויסלענדישער פּרעסע ביי דער הויפּט־אָנפירונג פון דער היטלעריסטישער ווערמאַכט) אַ. אַז. וו. [112]

---

105 „די וועלט“ פון 1952.IV.3 י., ד. ס. ק. 1954 י., ז. 79, „נייע פּרעסע“ פון 1951.VI.30 י.

106 „טריבונאַ לודו“ פון 1953.VIII.29 י.

107 „טריבונאַ לודו“ פון 1953.X.26 י.

108 „קאַיער אינטערנאַסיאָנאָ“ נום. 42 פון 1953 י.

109 „זשעטשפּאָספּאָליטאַ“ פון 1950.X.21 י.

110 די רעמיליטאַריזאַציע, ז. 232.

111 „נייע פּרעסע“ פון 1953.IX.11 י.

112 „טריבונאַ לודו“ פון 1951.III.22 י.

* * *

אין אונדזער אָפּהאַנדלונג האָבן מיר זיך באַמיט אין אַלגעמיינע שטריכן פֿאַרצושטעלן דעם פּראָצעס פֿון רעמיליטאַריזירן מערב־דייטשלאַנד, אונטערשטרייכנדיק דערביי די עיקרדיקע און אָנפירנדיקע ראָל פֿון געוויסע פֿאַשיסטישע מיליטאַריסטישע גרופּן, ווי אויך פֿון באַקאַנטע היטלעריסטישע קריגס־פֿאַרברעכער, אין דער ערשטער ריי פֿון די געוועזענע גענעראַלן פֿון דער ווערמאַכט און עסעס. קלאָר, אַז די דאָ געבראַכטע מאַטעריאַלן שעפּן נישט אויס דעם גאַנצן באַהאַנדלטן פּראָבלעם. מיר האָבן זיך בלויז באַגרענעצט אויסצורעכענען די ווײַכטיקסטע מיליטערישע גרופּן און ווייזן די הויפּט־אָנפירער, וועלכע נעמען אָנטייל אין דער אַקציע פֿון ווידעראויפבויען די ווערמאַכט פֿאַר די פֿאַרברעכערישע צילן פֿון רעוואַנזש און אַגרעסיע.

די מאַסן־באַפרייונג פֿון די היטלעריסטישע קריגס־פֿאַרברעכער, זייער אָנטייל אין דעם באָנער אַדמיניסטראַטיוון אַפּאַראַט, זייער ראָל ביים ווידעראויפבויען די נייע אַגרעסיווע באַוואָפנטע כוחות, די זאָרגפֿעליקייט לגבי זיי מצד דער ענגליש־אַמעריקאַנער אָקופּאַציע־מאַכט, — האָבן אַקטיוויזירט אַלע רעאַקציאָנערע עלעמענטן אין מערב־דייטשלאַנד. דאָס קומט צום אויסדרוק אין אַ גאַנצער ריי אָנפאַלן פֿון נעאָהיטלעריסטישע באָיוווקעס אויף די לאָקאַלן פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אינעם אָרגאַניזירן פּראָצעסן קעגן די קאָמוניסטישע טוער, אין די פֿאַרפֿאָלגונגען לגבי די אַנטיפֿאַשיסטישע קרבנות פֿון היטלעריזם, אין פֿאַנאַנדערפֿלאַקערן אַ שאָוויניסטיש־רעוואַנזשיסטישע קאַמפּאַניע, אין דעם פֿאַוואָריזירן די באַקאַנטע היטלעריסטישע קריגס־פֿאַרברעכער, אין דעם אָנערקענען פֿאַר זיי שטענדיקע רענטעס און עמעריטור, אין דער פֿאַרשטאַרקטער פּראָפּאַגאַנדע און אין דער ראַסיסטישער און אַנטיסעמיטישער אַקציע.

אין דער לעצטער צייט איז אין מערב־דייטשלאַנד באַזונדערס געוואַקסן די אַנטי־יידישע קאַמפּאַניע. דאָס קומט צום אויסדרוק אין די פֿאַרעפֿנטלעכטע פּובליקאַציעס, וועלכע בינדן אָן — מער אָדער ווייניקער אָפֿן — צו די טראַדיציעס פֿון שטרייכערס היטלעריסטישן „שטירמער“, אין די צאָלרייכע פֿאַקטן פֿון שענדן יידישע בית־עלמינס, און די דראָונגס־בריוו צו יידישע פּערזענלעכקייטן, אין די אַנטי־יידישע אויפֿשריפֿטן אויף די מויערן פֿון שטעט און ישובים, אין די יידנפֿרעסערישע אויסרופֿן אויף מיטינגען און אויף דער גאַס, ווי צ. ב.: „צו ווייניק גאַז־קאַמערן זענען פֿאַר אייך געווען“.[113] מען דאַרף אונטערשטרייכן, אַז די אַדענאַוער־רעגירונג נעמט נישט אונטער קיין שום שריט, כדי צו צוימען די צעיושעטע געוו. היטלעריסטן, וועלכע וואַרטן נאָר אויף אַ באַקוועמען מאָמענט, כדי

[113] „נייע פּרעסע“ פֿון 22 און 1954.XII.24

ווידער צו פאַרוואַנדלען זייערע ווערטער אין מעשים. פאַרקערט, די פרעסע טיילט
מיט, אַז דער באָנער מיניסטער זעעבאָם האָט אָנטיילגענומען אין דער נעאָהיט=
לעריסטישער מאַניפעסטאַציע, אויף וועלכער עס זענען פאָרגעקומען באַשיינפער=
לעכע אַנטיסעמיטישע אַרויסטריטן. עס איז כדאי צו דערמאָנען, אַז אין איינעם
פון די לעצטע נומערן פון דער צייטשריפט „די אַנקלאַגע" — אָרגאַן פונעם פאַר=
באַנד פון געוועזענע דענאַציפיקאַציע=געליטענע (לייען: אָרגאַן פון געוועזענע היט=
לעריסטישע פאַרברעכער), רופן די רעדאַקטאָרן אויף אַן אומפאַרשעמטן און צי=
נישן אופן צו „פאַרענדיקן סוף=כל=סוף מיט דער לעגענדע פון דערמאָרדן 6 מיליאָן
יידן דורך די היטלעריסטן".

אַלע פרוון אָבער פון רעמיליטאַריזירן מערב=דייטשלאַנד אונטער דער פאָן
פון דער אַזוי=גערופענער „אייראָפּעישער פאַרטיידיקונגס=געמיינשאַפט" האָבן זיך
פאַרענדיקט מיט אַ פולשטענדיקן דורכפאַל, ווייל זיי האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף
דעם סטיכישן ווידערשטאַנד פון די אייראָפּעישע פעלקער און אין דער ערשטער
ריי פון פראַנצויזישן פאָלק. צוליב דעם האָט מען דאָס געפרוווט דורכפירן אונטער
אַ צווייטער שילד.

דעם 28=טן סעפטעמבער און דעם 23=טן אָקטאָבער 1954 יאָר זענען פאָרגע=
קומען קאָנפערענצן פון ניין מלוכות (פאַראייניקטע שטאַטן, ענגלאַנד, פראַנקרייך,
מערב=דייטשלאַנד, איטאַליע, בעלגיע, האָלאַנד, לוקסעמבורג, קאַנאַדע) אין לאָנדאָן
און דערנאָך אין פאַריז, אין רעזולטאַט פון וועלכע עס איז געשלאָסן געוואָרן אַן אָפּ=
מאַך, וועלכער זעט פאָר די רעמיליטאַריזאַציע פון מערב=דייטשלאַנד, צוציען עס
צום צפון=אַטלאַנטישן בלאָק און מאָנטירן אויפסניי די „מערב=אייראָפּעישע
וניע".

אַ שענדלעכע ראָל אין פראָצעס פון רעמיליטאַריזירן מערב=דייטשלאַנד האָט
אויך געשפילט די יידישע גרויס=בורזשואַזיע, וועלכע האָט נישט געקוקט אויף די
טראַגישע דערפאַרונגען פון דער יידישער באַפעלקערונג בעת דער היטלעריסטי=
שער אָקופּאַציע, קאָנטינואירט איר יודענראַטלערישע פּאָליטיק פון צוזאַמענאַר=
בעט מיט די יורשים און אויפבויער פון היטלעריזם — מיט די באָנער מלוכה=
קרייזן. דאָס האָט געפונען אַ בולטן אויסדרוק אין דעם שענדלעכן אַזוי=גערופע=
נעם לוקסעמבורגער אָפּמאַך. נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען איז, ווי באַוווסט,
פרילינג 1952 יאָר אונטערגעשריבן געוואָרן אַן אָפּמאַך צווישן דער באָנער רעגי=
רונג מיט די רעאַקציאָנערע יידישע אָרגאַניזאַציעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן
און דער רעגירונג פון ישראל אין דער פראַגע וועגן דער אַזוי=גערופענער אַנטשע=
דיקונג. אין איינקלאַנג מיט דעם דאָזיקן אָפּמאַך האָט די אַדענאַוער=רעגירונג
געדאַרפט אויסצאָלן דער יידישער באַפעלקערונג געוויסע סומעס אַלס „אַנטשעדי=
קונג" פאַר די באַגאַנגענע היטלעריסטישע פאַרברעכנס איבער די יידן אין איי=

ראָפּע. דער דאָזיקער אָפּמאַך, וואָס שענדעט דעם אָנדענק פון די 6 מיליאָן דערמאָרדעטע יידן, איז אַ שמוציקער מסחר, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן דורך די ישראל-קאַפּיטאַליסטן בשותפות מיט די יידישע קאַפּיטאַליסטן פון די פאַראייניקטע שטאַטן און ענגלאַנד מיט דעם גרויס-קאַפּיטאַל פון מערב-דייטשלאַנד. דער פּאָליטישער זין פון דער געשלאָסענער פאַרשטענדיקונג באַשטייט דערין, וואָס דאָס הייסט דאָס פּאַקטישע אָנערקענען דורך דער ישראל-רעגירונג און אַלוועלטלעכער יידישער גרויס-בורזשואַזיע די באָנער פּאָליטיק פון ווידעראויפלעבן דעם היטלעריזם און ווידעראויפבויען די פאַרברעכערישע ווערמאַכט, וואָס איז קעגן די לעבנס-אינטערעסן פון אַלע פעלקער און קעגן די אינטערעסן פון דער יידישער באַפעלקערונג. דער שענדלעכער לוקסעמבורגער אָפּמאַך איז געווען נאָך איין קלאָרער באַווייז פון דער פאַרעטערישער אַנטיפאָלקישער פּאָליטיק פון דער יידישער גרויס-בורזשואַזיע, וועלכע האָט אַפילו נאָך דער גרויסער קאַטאַסטראָפע פון די יידן זיך נישט אַ וואַקל געטאָן צו האַנדלען מיטן בלוט פון די מיליאָנען פאַרפייניקטע מאַרטירער און פון די קעמפער פון די געטאָס און לאַגערן, זיך נישט אַ וואַקל געטאָן אונטערצוהאַנדלען מיט די יורשים פון די פעלקערמערדערישע היטלעריסטן און אויסמעקן פון זכרון די פאַרברעכנס פון אָשוויענטשים, מאַידאַנעק, טרעבלינקע, סאָביבאָר, כעלמנאָ און בעלזשעץ.

וועגן דער שטעלונג פון דער יידישער גרויס-בורזשואַזיע פון די פאַראייניקטע שטאַטן, ענגלאַנד, פראַנקרייך, ישראל א. א. לענדער אין דער פראַגע פון דער באַציונג צו דער אַדענאַוער-רעגירונג און דער רעמיליטאַריזאַציע פון מערב-דייטשלאַנד האָט דעצידירט די געמיינזאַמקייט פון זייערע קלאַסן-אינטערעסן מיטן אַמעריקאַנער פינאַנס-קאַפּיטאַל, וועלכער שטעלט אין זיינע אַגרעסיווע פּלענער אין אייראָפּע אויפן דייטשישן מיליטאַריזם. עס איז כדאי צו דערמאָנען, צ. ב., אַז די יידישע אַקציאָנערן פון מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל פון די פאַראייניקטע שטאַטן און ענגלאַנד, וועלכע האָבן אין אַזאַ גרויסער מאָס באַהערשט די אינדוסטריע פון מערב-דייטשלאַנד, קאָנטראָלירן אויך די ווירטשאַפט פון ישראל. אַזוי רעפּרעזענטירט די אינטערעסן פון די לעמאַנס, וואַרבורגס, קוהן-לעיבס, מעלאָנס, ראָטשילדס באַנק-הייזער און פון אַנדערע פינאַנסיסטן — דער אַמעריקאַנער אינוועסטיציע-טרעסט „פּאַלעסט. עקאָנאָם. קאָרפּאָריישן“, דורך וועלכן עס גייט דורך דער אימפּאָרט פון קאַפּיטאַל קיין ישראל. די אינטערנאַציאָנאַלע געבונדנקייט פון אַמעריקאַנער, מערב-דייטשישע, ישראלדיק-ענגלישע א. אַנד. קאַרטעלן און טרעסטן, וועמענס אַקציאָנערן-מיטשותפים עס זענען צווישן אַנדערע די יידישע פינאַנס-פּאָטענטאַטן פון פאַרשידענע לענדער — אָט דאָס קלערט אונדז אויף דעם פּאַקטישן כאַראַקטער און באַדייטונג פון דער שענדלעכער לוקסעמבורגער פאַרשטענדיקונג, וועלכע איז געשלאָסן געוואָרן אין פרילינג 1952 יאָר צווישן אַדענאַוערן און בן-גוריונען.

די יידישע גרויס-בורזשואַזיע צוזאַמען מיט אירע רעאַקציאָנערע פאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, וועלכע גייען אַריין אין באַשטאַנד פון יידישן וועלט-קאָנגרעס, פירן ווייטער אַ שענדלעכע — איניציאירט דורך דער לוקסעמבורגער פאַרשטענדיקונג — פּאָליטיק פון אונטערשטיצן די פּלענער ווידעראויפצובויען די נעאָהיטלעריסטישע באַוואָפנטע כוחות. די דאָזיקע פּאָליטיק געפינט איר אויסדרוק אין אַ גאַנצער ריי פאַקטן. אַזוי, צום ביישפּיל, איז דער יידישער וועלט-קאָנגרעס, וועלכער האָט אָפּגעהאַלטן — אין דער צייט פון דעם פאַרשטאַרקטן ווידעראויפבוי פון דער ווערמאַכט אונטער דער אָנפירונג פון געוו. באַוווסטע היטלעריסטישע גענעראַלן — זיין אָרדנטלעכע סעסיע אין זשענעווע אין 1954 יאָר אונטערן פאָרזיץ פון נחום גאָלדמאַנען, פולשטענדיק אַריבערגעגאַנגען איבער דער טאָג-אָרדענונג בנוגע דער פראַגע פון רעמיליטאַריזירן מערב-דייטשלאַנד. מען האָט אויך אויף דער סעסיע נישט דערלאָזט קיין איין וואָרט פון קריטיק און פראָטעסט לגבי דער פּאָליטיק פון דער אַדענאַוער-רעגירונג, אין וועלכער עס באַטייליקן זיך באַקאַנטע פירער פון עסעס, ווי וויקטאָר עמאַנועל פרייסקער (מיניסטער פאַר ווינונגס-בויונג), וואַלדעמאַר קראַפט (מיניסטער אָן אַ טעקע), גלאָבקע און אַנדערע. עס איז לגמרי נישט קיין צופאַל, וואָס די ישראל-רעגירונג שטעלט זיך נישט אַנטקעגן, נישט געקוקט אויף די פאָדערונגען פון די ברייטע פאָלקס-מאַסן אין דער צייט פון דער גרויסער קאַמפּאַניע קעגן די אַזוי-גערופענע באָנער און פאַריזער אָפּמאַכן בנוגע דער פראַגע פון רעמיליטאַריזירן מערב-דייטשלאַנד, קעגן דעם ווידעראויפבויען די היטלעריסטישע ווערמאַכט. די ישראל-רעגירונג האָט אַפילו נישט דערלאָזט צו קיין דיסקוסיע אין פאַרלאַמענט, נישט געקוקט אויף די אינטערפּעלאַציעס פון אַ גאַנצער ריי פּראָגרעסיווע דעפּוטאַטן. די ישראל-רעגירונג האָט נישט געוואָלט דערלאָזן צו אַ שאַרפער קריטיק לגבי דער באָנער פּאָליטיק פון ווידעראויפשטעלן די ווערמאַכט, ווייל אין דער זעלבער צייט, פרילינג 1954 יאָר, האָבן זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט די ווירטשאַפטלעכע און פּאָליטישע באַציונגען מיט דער אַדענאַוער-רעגירונג. אין דער זעלבער צייט איז קיין ישראל געקומען דער פאָרשטייער פון דער באָנער רעגירונג און פון די דייטשישע מאָנאָפּאָלן — פראַנץ באָם.

די צייטונג „הדרור“, וועלכע איז דער אָפיציעלער שופר פון די רעגירונגס-קרייזן אין ישראל, טרעט אָפן אַרויס פאַר פאַרטיידיקן די פּרינציפּן פון רעמיליטאַריזירן מערב-דייטשלאַנד. די רעכטע סאָציאַליסטן, וועלכע גרופּירן זיך אַרום דעם „הדרור“, האָבן דאָך אָפיציעל אויפגענומען דעם דעפּוטאַט פון דער רעכטער לייבאָר-פּאַרטיי — קראָסמאַנען אין געמיינזאַם אַרומגערעדט די מעטאָדן און מיטלען פאַרן צוהעלפן אַדענאַוערן אין דעם ווערק פון ווידעראויפבויען די ווערמאַכט. אין אַזעלכע באַדינגונגען און אין אַזאַ פּאָליטישן קלימאַט איז מעגלעך, אַז דער אָפיציעלער מיליטערישער אָרגאַן אין ישראל זאָל פאַרעפנטלעכן אַ טאָגבוך פון

היטלעריסטישן פעלדמאַרשאַל ראָמעלן אונטערן נאָמען „די אינפאַנטעריע אין אָנגריף“, וואָס איז אַן אַפּאָלאָגיע פון דייטשישן מיליטאַריזם.

דער פירער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי ש. מיקוניס האָט דעמאַסקירט די אַנטישלומדיקע און אַנטיפאָלקישע פּאָליטיק פון דער ישראל-רעגירונג און עס באַצייכנט אַלס אַ פּרווו פון צוגרייטן די צוזאַמענאַרבעט מיט היטלערס דירעקטע יורשים.

אין פּראָצעס פון רעמיליטאַריזירן מערב-דייטשלאַנד האָבן געשפּילט און שפּילן אַ ספּעציעלע ראָל די דייטשישע מאָנאָפּאָליסטן, וועלכע זענען ענג פאַרבונדן מיטן ענגליש-אַמעריקאַנער פינאַנס-קאַפּיטאַל. אויף די דאָזיקע גרופּן, וועלכע צילן ווידעראויפצובויען די פּאָזיציע פון דייטשישן אימפּעריאַליזם דורך אַ פרישער וועלט-מלחמה, שפּאַרט זיך אָן דער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם. גיך גערוקט אויף דעם פּאָטשדאַמער באַשלוס וועגן דעקאַרטעליזירן די דייטשישע אינדוסטריע און פאַרווערן די קריגס-פּראָדוקציע, האָבן די מערב-גרויסמאַכטן דערלויבט ווי-דעראויפצובויען אין מערב-דייטשלאַנד דעם אינדוסטריעלן באַוואָפענונגס-פּאָטענ-ציאַל. אין אָנהייב 1954 יאָר האָבן שוין פיל הונדערטער אינדוסטריעלע פאַבריקן פּראָדוצירט קריגס-מכשירים: עראָפּלאַנען, טאַנקן, אונטערוואַסער-שיפן, טאָר-פּעדיר-קרייצערס, מאַשין-געווער, קוילן, מינעס, גראַנאַטן א. אַז. וו. עס ווערט אינטענסיוו ווידעראויפגעבויט דער דייטשישער קריגס-ים-פלאָט און מיליטערישער לופט-פלאָט. אויף אַ סך צעזייטע איבער גאַנץ מערב-דייטשלאַנד פּאָליגאָנען און מיליטערישע אַעראָדראָמען קומט פאָר שוין זינט אַ לענגערער צייט אַ מאַסן-אויסשולונג פון דייטשישע אָפיצירן און אונטעראָפיצירן אונטער דער אָנפירונג פון אַמעריקאַנער אינסטרוקטאָרן.

עס זענען שוין טעטיק ספּעציעלע מיליטערישע אָבסערוואַציע-אינסטיטוטן, אין דער שפּיץ פון וועלכע עס שטייען אַמעריקאַנער און היטלעריסטישע ספּע-ציאַליסטן. די אַדענאַוער-רעגירונג גיט אוים געוואַלדיקע סומעס אויף קריגס-צוועקן, און די גאַנצע לאַסט פאַלט אין דער ערשטער ריי אויף די אַרבעטנדיקע מאַסן, פאַרערגערנדיק זייערע שוין אַזוי אויך שלעכטע לעבנס-באַדינגונגען.

עס זענען אָבער פאַראַן מעכטיקע כוחות אויף דער וועלט, וועלכע פירן אַן עקשנותדיקן און קאָנסעקווענטן קאַמף קעגן דער פּאָליטיק פון צעשפּאַלטן דייטש-לאַנד און פאַרוואַנדלען די באַנער מלוכה אין אַ צענטער פון אַ נייער אַגרעסיע. אונטער דער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פירן די פאָלקס-מאַסן אין מערב-דייטשלאַנד גופא דעם דאָזיקן קאַמף. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי דע-מאַסקירט דעם פאַרברעכערישן כאַראַקטער פון דער אַדענאַוער-רעגירונג, וועלכע גרייט אַ נייע מלחמה, זי אָרגאַניזירט אַ ברייטן פראָנט פון קאַמף קעגן דער באָ-נער קליקע און אירע אַמעריקאַנער פּראָטעקטאָרן. „אויב דאָס גאַנצע דייטשישע

פּאָלק וועט וועלן, — האָט דערקלערט ג. מ. מאַלענקאָוו דעם 22=טן אויגוסט 1953 יאָר אין קרעמל דער דעלעגאַציע פון דער דייטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק — אַז דאָס דייטשישע פּראָבלעם זאָל ווערן רעגולירט אויפן פרידלעכן וועג, וועט קיין שום אַגרעסיווער כוח, נישט פון יענער זייט אָקעאַן, נישט אין אייראָפּע, נישט אימשטאַנד זיין צו שטערן דער פאַרווירקלעכונג פון אָט דעם איידעלן באַגער. דער גורל פון דייטשלאַנד ליגט אין די הענט פון דייטשישן פאָלק". אין דער לעצטער צייט פאַרשטאַרקט זיך וואָס אַמאָל אַלץ מער דער קאַמף פון די דייטשישע מאַסן אין מערב=דייטשלאַנד קעגן דער אַוואַנטוריסטישער פּאָליטיק פון אַדענאַוערן. מעכטיקע מאַניפעסטאַציעס קעגן דער רעמיליטאַריזאַציע=פּאָליטיק זענען לעצטנס פאָרגעקומען אין גאַנצן לאַנד. די פאַרטיידיקער פון ווידעראויפשטעלן די ווערמאַכט ווערן אויף פאַרזאַמלונגען און מיטינגען נישט צוגעלאָזט צום וואָרט, זיי ווערן אויסגעפייפט און פאַרטריבן. אויף אַ פאַרזאַמלונג, גערופן דורכן בלאַנק=אַמט אין קעלן, האָט דער עולם „מקבל=פּנים" געווען דעם גראַף באָדיסען מיט פייפעריען און פּראָטעסטן. נאָך אַן ערגערן סוף האָט געטראָפן טעאָדאָר בלאַנקן אַליין: אויף אַ מיטינג אין אוגסבורג האָט ער געמוזט — צוליב דער אַנטשלאָסענער שטעלונג פון די מאַסן און ספּעציעל פון דער יוגנט — זיך ראַטעווען דורך אַנטלויפן באַצייטנס אונטער פּאָליציייִשער שוץ. אַן אַנאַלאָגישן פאַרלויף האָבן געהאַט די פאַרזאַמלונגען מיטן אָנטייל פון אַדענאַוערן אַליין אָדער פון געוויסע מיניסטאָרן זיינע.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פאַראייניקט די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, די אַרבעטנדיקע מאַסן און ספּעציעל די יוגנט אין דעם שטראָם פון אַלגעמיינעם קאַמף. עס פאַרטיפט זיך וואָס אַמאָל אַלץ מער דער תהום צווישן דער באַפעלקערונג פון מערב=דייטשלאַנד און דער באָנער רעגירונג. די קאַמפּס=כוואַליע האָט שוין אַרומגענומען אַזעלכע גרויסע מאַסן פון דער דייטשישער סאָציאַל=דעמאָקראַטיע (ס.פּ.ד.), אַז זייערע פירער האָבן אויך געמוזט — אונטערן דרוק פון דער איינשטימיקער פאָדערונג פון די פּשוטע מיטגלידער — אָפיציעל און דעצידירט זיך אָפּגרענעצן פון דער פאַראַכטער דורך די פאָלקס=מאַסן רעמיליטאַריזאַציע=פּאָליטיק פון מערב=דייטשלאַנד. דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין דער דערקלערונג פון דעם פירער פון דער ס.פּ.ד אָלענהאַוערן, אַז זיין פּאַרטיי וועט שטימען קעגן דער ראַטיפיקאַציע פון די פּאַריזער אָפּמאַכן. עס איז כדאי צו דערמאָנען, אַז נאָך מיט עטלעכע יאָר צוריק האָבן די רעכטע פירער פון דער דייטשישער סאָציאַל=דעמאָקראַטיע, ווי קורט שומאַכער, קאַרל שמידט, רייטער און אַנדערע אונטערגעשטיצט אַדענאַוערס פּאָליטיק פון רעמיליטאַריזירן מערב=דייטשלאַנד מיט דער הילף פון אימפּעריאַליזם פון די פאַראייניקטע שטאַטן און די געוו. גענעראַלן פון דער ווערמאַכט. ווי באַוווּסט, האָט קורט שומאַכער אין פרילינג 1951 יאָר דערקלערט דעם עסעס=גענעראַל אָטטאָ קוממען, אַז ער שטיצט אונטער די

די באָנער פֿאַשיסטישע רעוואַנזשיסטן איבן זיך שוין ווידער איין אין זייער בלוטיקן
ווערק פֿון מאָרדן דאָס אייגענע פֿאָלק

פולשטענדיקע רעהאַביליטאַציע פון „וואָפן עסעס“, אויסער דעם האָט ער אָנטײלגענומען אין קאָנפערענצן און באַראַטונגען מיט געוו. היטלעריסטישע גענעראַלן, ווו אויף דער טאָג־אָרדענונג איז געשטאַנען די רעמיליטאַריזאַציע־פראַגע. איצט אָבער איז דער ווידערשטאַנד פון די אַרבעטנדיקע מאַסן קעגן די פּאַריזער אָפּמאַכן אַזוי גרויס, און די קעגנערשאַפט קעגן דעם ווידערגעבורט פון דער ווערמאַכט צווישן די ברייטסטע דייטשישע מאַסן אַזוי שטאַרק, אַז די אָנפירונג פון דער ס.פּ.ד. האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן די פּאַריזער אָפּמאַכן, ווייל זייער ראַטיפיצירונג וואָלט אוממעגלעך געמאַכט דאָס פאַראייניקן דייטשלאַנד. די פעסטונג פון אַלע דעמאָקראַטישע און פרידלעכע כוחות פון דייטשישן פאָלק, וואָס קעמפט קעגן דער רעמיליטאַריזאַציע, פאַר אַ פאַראייניקט דייטשלאַנד, איז די דייטשישע דעמאָקראַטישע רעפּובליק. די דייטשישע דעמאָקראַטישע רעפּובליק איז — אַדאַנק דער ריכטיקער און ווייטזיכטיקער פּאָליטיק פון ראַטנפאַרבאַנד, וועלכער פירט קאָנסעקווענט דורך אין לעבן די פּאָטסדאַמער אָפּמאַכן — געוואָרן דער באַסטיאָן פון שלום און דעמאָקראַטיע. אין דער דייטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק זענען אונטערגעשניטן געוואָרן די וואָרצלען פון אימפּעריאַליזם און מיליטאַריזם. עס איז דאָרט דורכגעפירט געוואָרן אַ פולשטענדיקע דענאַציפיקאַציע, מען האָט דורכגעפירט אַ ברייטע דעמאָקראַטיזירונג פון פּאָליטישן לעבן. די דייטשישע דעמאָקראַטישע רעפּובליק איז די ערשטע מלוכה אין דער געשיכטע פון דייטשישן פאָלק, וועלכע האָט אויסגעריסן מיט די וואָרצלען דעם מיליטאַריזם. די רעגירונג פון דער דייטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק האָט דורכגעפירט — אין אָנשפּאַר אויף די דייטשישע אַנטיפאַשיסטישע עלעמענטן און ביי דער ברידערלעכער הילף פון ראַטנפאַרבאַנד און די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער — דעם ווידעראויפבוי פון לאַנד אויף דעמאָקראַטישע און פרידלעכע יסודות. דער אויסדרוק דערפון איז צווישן אַנדערן דאָס אָנערקענען דורך דער דייטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק די גרענעצן אויף דער אָדרע און ניסע אַלס גרענעצן פון שלום צווישן דייטשלאַנד און פוילן. די עקזיסטענץ פון אַ פרידלעך און דעמאָקראַטיש דייטשלאַנד ביי דער עקזיסטענץ פון ראַטנפאַרבאַנד שוואַכט אָפּ אויף אַ זייער אויסדריקלעכן אופן די מעגלעכקייט פון אַ מלחמה אין אייראָפּע.

די אַרבעטנדיקע מאַסן אויף דער גאַנצער וועלט פירן אַ פאַרביסענעם און קאָנסעקווענטן קאַמף קעגן רעמיליטאַריזירן מערב־דייטשלאַנד, קעגן דער „אייראָפּעישער אַרמיי“. מיט דעם דאָזיקן אָנפשרותדיקן קאַמף פירן אָן די קאָמוניסטישע און אַרבעטער־פּאַרטייען. אַ ספּעציעל־עקשנותדיקן קאַמף פירן די ברייטע פאָלקס־מאַסן אין די שכנותדיקע לענדער פון דייטשלאַנד, ווייל זיי זעען — און מיט רעכט — אין דער רעמיליטאַריזאַציע פון דייטשלאַנד די געפאַר פאַר דער סוווערענער און אַפילו פיזישער עקזיסטענץ פון זייערע פעלקער. עס זאָגן וועגן דעם עדות די מאַסן־דעמאָנסטראַציעס פון די פּאַטריאָטן אין די אייראָפּעישע לענ־

דער, די פאַרביסענע קאַמפן אין די פאַרלאַמענטן קעגן דער רעגירונגס-פאָליטיק פון אונטערשטיצן די רעמיליטאַריזאַציע פון מערב-דייטשלאַנד, קעגן ראַטיפיצירן די באָנער און פאַריזער אָפמאַכן, קעגן דעם אָנטייל אין דער „אייראָפעישער פאַרטיידיקונגס-געמיינשאַפט“. עס טרעטן וואָס אַמאָל אַלץ מער ארוים אַפילו די פירער פון געוויסע בירגערלעכע גרופירונגען, אונטער דעם כסדר פאַרשטאַרקנדיקן זיך דרוק פון די פאָלקס-מאסן, וועלכע פאָדערן פון זייערע רעגירונגען אָנצונעמען די ריכטיקע פאָרשלאָגן פון ראַטנפאַרבאַנד וועגן אַן אַלגעמיין-אייראָפעישן קאָלעקטיוון זיכערהייטס-פאַקט. אַלס ענטפער אויף די פרווון פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג צו פאַרשטאַרקן דעם דרוק אויף די אייראָפעישע מלוכות מיטן ציל צוצואיילן דאָס ראַטיפיצירן די באָנער און פאַריזער אָפמאַכן, האָט זיך באַנאַנדערגעשפרייט און פאַרשאַרפט דער קאַמף פון די פעלקער קעגן דער רעמיליטאַריזאַציע פון מערב-דייטשלאַנד. דער אויסדרוק דערפון איז געווען די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענץ פון 7 לענדער. אין פאַריז אין דער צווייטער העלפט מערץ 1954 יאָר, וועלכע האָט איינשטימיק געשטעמפלט דעם אָפמאַך וועגן דער „אייראָפעישער אַרמיי“. ענלעכע קאָנפערענצן זענען אויך פאָרגעקומען אין ענגלאַנד און אין אַנדערע לענדער.

אין שייכות מיט דער געשאַפענער לאַגע נאָכן אונטערשרייבן די פאַריזער און לאָנדאָנער אָפמאַכן, איז דעם 2טן דעצעמבער 1954 יאָר פאָרגעקומען אין מאָסקווע אַ קאָנפערענץ מיטן אָנטייל פון 8 מלוכות (ראַטנפאַרבאַנד, פוילן, טשעכאָסלאָוואַקיע, אונגאַרן, דייטשישע דעמאָקראַטישע רעפובליק, רומעניע, בולגאַריע, אַלבאַניע), ווי אויך פון אַן אָבסערוואַטאָר פון דער כינעזישער פאָלקס-רעפובליק. די מאָסקווער דעקלאַראַציע שטעלט פעסט, אַז דער ווידערגעבורט פון דייטשישן מיליטאַריזם מאַכט פריי דעם וועג איינצופירן אַ מיליטערישע דיקטאַטור אין מערב-דייטשלאַנד. די דאָזיקע אָפמאַכן זענען נישט בלויז פרעמד די אינטערעסן פון דייטשישן פאָלק, נאָר טרעפן דירעקט אין דעם דייטשישן אַרבעטער-קלאַס, צילן צו דערשטיקן די דעמאָקראַטישע כוחות אין מערב-דייטשלאַנד, ווידעראויפצובויען דעם דייטשישן אימפעריאַליזם; אויסער דעם וואַרפן די אָפמאַכן אָן מערב-דייטשלאַנד די פאַרלענגערונג פונעם אָקופאַציע-צושטאַנד דורך דעם מיליטער פון די פאַראייניקטע שטאַטן, ענגלאַנד און פראַנקרייך אויף 50 יאָר און פלאַנירן צו איבערגעשטאַלטיקן מערב-דייטשלאַנד אין אַ מיליטערישער הויפט-באַזע, וועלכע זאָל דינען די אַגרעסיווע צילן פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין אייראָפע. די דאָזיקע אָפמאַכן, ווי אויך די געשאַפענע, אויף זיי געשטיצטע, מיליטערישע בלאָקן מיטן אָנטייל פון מערב-דייטשלאַנד שטעלן מיט זיך, אַלזאָ, פאָר אַן ערנסטע געפאַר פאַר דער זיכערקייט פון די פעלקער אין אייראָפע און פאַרן שלום. אין אָנבליק פון די צוגרייטונגען צו ראַטיפיצירן די פאַריזער אָפמאַכן, האָבן די מלוכות, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דער מאָסקווער קאָנ-

די יוגנט אין קאַמף קעגן רעמיליטאַריזאַציע

(אַ טראַנספּאַרענט געטראָגן בעת אַ דעמאָנסטראַציע אין מינכען, אָנהייב מערץ 1955 יאָר)

פערענץ, באַשלאָסן, אַז אויב עס וועלן ראַטיפיצירט ווערן די דאָזיקע אָפּמאַכן,
וועלן זיי אונטערנעמען די נייטיקע שריט און מיטלען מיטן ציל צו גאַראַנטירן
די זיכערקייט פון זייערע מלוכות אין נאָמען פון פאַרהיטן דעם שלום אין אייראָפּע.

אין דעצעמבער 1954 יאָר איז אין פאריז פאָרגעקומען די אייראָפּעישע
קאָנפערענץ פאר פרידלעך לעזן דאָס דייטשישע פּראָבלעם, וועלכע האָט זיך
איינשטימיק און דעצידירט ארויסגעזאָגט קעגן רעמיליטאריזירן דייטשלאנד אין
וואָס פאר א פאָרם עס זאָל נישט זיין און קעגן דעם ווידערגעבורט פון דער ווער=
מאַכט אין וואָס פאַר אַ געשטאַלט עס זאָל נישט זיין. צוליב דעם, וואָס די רע=
גירונג פון מענדעס פראנס האָט אָפּגעזאָגט די פאָרשטייער פון ראטנפארבאנד
און פון די פאָלקס=דעמאָקראטישע מלוכות דעם אריינפאָר קיין פראנקרייך, איז
פאָרגעקומען אין ווארשע (דעם 16=טן פעברואר 1955 יאָר) דער אינטערנאציאָ=
נאלער צוזאמענטרעף פון פארלאמענטאריער פון 15 אייראָפּעישע מלוכות. די
אָנטיילנעמער פונעם ווארשעווער צוזאַמענטרעף האָבן איינשטימיק פעסטגע=
שטעלט, אז דאָס פרידלעכע לעזן פונעם דייטשישן פּראָבלעם קאָן נאָר דערגרייכט
ווערן דורך רעספּעקטירן די פּאָטשדאמער אָפּמאכן, ארויסציען פון דייטשלאנד
דאָס אָקופּאציע=מיליטער, וואָס וואָלט מעגלעך געמאכט צו פאראייניקן דייטש=
לאנד אויפן וועג פון פרייע וואלן.

א קאָנסעקווענטן קאמף קעגן פארוואנדלען מערב=דייטשלאנד אין א נייעם
אגרעסיע=צענטער פירט שוין זינט עטלעכע יאָר די אלוועלטלעכע באוועגונג פון
די שלום=פארטיידיקער.

אין דעם אומבויגזאמען קאמף, וואָס עס פירן די פעלקער פון אייראָפּע קעגן
רעמיליטאריזירן מערב=דייטשלאנד, נעמען אן אקטיוון אָנטייל די יידישע פאָלקס=
מאסן. דער קאמף ווערט וואָס אמאָל אלץ שטארקער נישט נאָר אין די לענדער
פון דער פאָלקס=דעמאָקראטיע, נאָר אויך אין די לענדער פון מערב=אייראָפּע.
דער אָרגאניזאציאָנעלער צענטער פון קאמף פון די יידישע פאָלקס=מאסן אין
אייראָפּע איז פאריז. אין אָנהייב 1954 יאָר איז דאָרט געשאפן געוואָרן — לויט
דער איניציאטיוו פון די געזו. יידישע אסורים אין די היטלעריסטישע קאָנצענ=
טראַציע=לאַגערן — אַן אַקציע=קאָמיטעט, וועלכער האָט אַרומגענומען יידישע אָר=
גאניזאציעס פון פארשידענע פּאָליטישע ריכטונגען. בעת דער בערלינער קאָנ=
פערענץ האָט דער אקציע=קאָמיטעט זיך געווענדעט צו די אויסערן=מיניסטאָרן
פון די פיר גרויסמאַכטן מיט אַ מעמאָריאַל, וועלכער, דערמאָנענדיק די באַגאַנגענע
דורך די היטלעריסטן בעת דער לעצטער וועלט=מלחמה פעלקערמערדערישע פאר=
ברעכנס, ווייזט אָן אויף דער געפאר פונעם ווידערגעבורט פון מערדערלעכן דייט=
טשישן אימפּעריאליזם און רופט די אויסערן=מיניסטאָרן צו דער פרידלעכער

לעזונג פונעם דייטשישן פראָבלעם, כדי אויסצומיידן א נייע וועלט-קאַטאַס־טראָפע.[114]

צום אפעל פון די פראַנצויזישע אינטעלעקטואַליסטן האָבן זיך פאַראייניקט געלערנטע, שרייבער און יידישע ארטיסטן, פראָטעסטירנדיק קעגן דער רעמי־ליטאַריזאַציע פון מערב-דייטשלאַנד.[115]

אויך דער צענטראַל-קאָמיטעט פון געוו. יידישע קאָמבאַטאַנטן אין פראַנק־רייך איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ שאַרפן קאַטעגאָרישן פּראָטעסט קעגן ראַטי־פיצירן די פּאַריזער אָפּמאַכן.[116] נאָכן שליסן די פּאַריזער און לאָנדאָנער אָפּ־מאַכן, וועלכע דערמעגלעכן דאָס שאַפן דורך דער באָנער רעגירונג דייטשישע אַג־רעסיווע באַוואָפנטע כוחות, האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט די קאַמפּס-כוואַליע אין פראַנקרייך. פאַרשידענע יידישע אָרגאַניזאַציעס און פאַרבאַנדן שליסן זיך אָן אין קאַמף פון די פראַנצויזישע מאַסן, אַרויסשיקנדיק צווישן אַנדערן מעמאָ־ריאַלן, פּעטיציעס, פּראָטעסטן צו דעם דעמאָלטיקן רעגירונגס-פרעמיער מענדעס פראַנס, פאָדערנדיק אָפּצוּוואַרפן אַלע פּלענער פון ווידעראויפבויען אַ מיליטאַ־ריסטיש דייטשלאַנד. די יידישע באַפעלקערונג נעמט אַ מאַסנהאַפטן אָנטייל אין די מיטינגען, מאַניפעסטאַציעס און דעמאָנסטראַציעס פון די פראַנצויזישע מאַסן, וועלכע קומען פאָר פאַר דער געביידע פון פראַנצויזישן פאַרלאַמענט בעת די דע־באַטן איבערן ראַטיפיצירן די פאַריזער אָפּמאַכן.

אין אַנאַלאָגישן קאַמף פירט די יידישע באַפעלקערונג צוזאַמען מיט די אַר־בעטנדיקע מאַסן אין ענגלאַנד, בעלגיע, האָלאַנד, שוועדן און אין אַנדערע איי־ראָפּעישע לענדער. מיטן ציל צו קאָאָרדינירן דעם אַלגעמיינעם מאַסן-קאַמף פון די יידישע מאַסן, האָט דער אַקציע-קאָמיטעט אין פראַנקרייך גערופן קיין פאַריז אַ קאָנפערענץ פון פאַרשידענע פאָרשטייער פון דער יידישער באַפעלקערונג פון פאַרשידענע אייראָפּעישע לענדער. די דאָזיקע קאָנפערענץ, וועלכע איז פאָרגעקו־מען דעם 12טן דעצעמבער 1954 יאָר מיטן אָנטייל פון פאָרשטייער פון פראַנק־רייך, ענגלאַנד, דייטשלאַנד, איטאַליע, בעלגיע, איז געווען אַ מעכטיקע מאַניפעס־טאַציע פון דער איינהייט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אייראָפּע קעגן דער געפאַר פון רעמיליטאַריזירן מערב-דייטשלאַנד. די קאָנפערענץ האָבן רעפרעזענ־טירט יידן פון פאַרשידענע פּאָליטישע מיינונגען און איבערצייגונגען: קאָמוניסטן, סאָציאַליסטן, בונדיסטן, ציוניסטן, ווי אויך אומפאַרטייאישע רעליגיעזע און וועלטלעכע יידן.

114 „נייע פרעסע" פון 1954.II.9 י.
115 „נייע פרעסע" פון 13 און 1954.II.14 י.
116 „נייע פרעסע" פון 1954.XII.20 י.

עס איז כדאַי אונטערצושטרייכן, אַז די פּאַראייניקונג איגטערן לאַזונג פּיי פּאַרשטעלן דעם וועג פּאַרן ווידערגעבורט פון דער פּאַרברעכערישער ווערמאַכט איז אויף דער פּאַריזער קאָנפערענץ דורכגעפירט געוואָרן טראָץ און קעגן דער קעגנערשאַפט פון די רעכטע ציוניסטישע און סאָציאַליסטישע פירער, וועלכע גרופּירן זיך ארום דער „אונדזער שטימע“ און „אונדזער וואָרט“, ווי אויך פון דעם אַמעריקאַנער „פּאָרווערטס“ און „אידישן קעמפער“. מען דאַרף דערביי אונטערשטרייכן, אַז אין דער קאָנפערענץ האָבן נישט גענומען אָנטייל די פאָרשטייער פון דער יידישער באַפעלקערונג פון די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענ־דער (פון פוילן, טשעכאָסלאָוואַקיע, רומעניע, אונגאַרן, בולגאַריע), ווייל די מענ־דעס־פראַנס־רעגירונג האָט זיי אָפּגעזאָגט די אַריינפאָר־דערלויבעניש קיין פראַנק־רייך. אַזוי־אַרום האָט אויף דער אייראָפּעישער קאָנפערענץ אין פּאַריז נישט גע־קאָנט אָפּקלינגען די שטים פון די פאָרשטייער פון דער גרויזאַם־געפּרוווטער יידי־שער באַפעלקערונג פון פוילן, דער קאָנטינואַטאָרין פון די העלדישע טראַדיציעס פון די קעמפער פון וואַרשעווער געטאָ, וואָס טראָגט אין זיך דעם ווייטיקדיקן אָנדענק פון די 3 מיליאָן פאַרפּייניקטע קרבנות פון פעלקערמערדערישן דייטשישן מיליטאַריזם.

די פּאַריזער קאָנפערענץ האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע און פאַרעפנטלעכט אַן אַפּעל צו אַלע יידן פון אייראָפּע און פון דער גאָרער וועלט. אין אַפּעל לייענען מיר צווישן אַנדערן:

„געטריי דעם אָנדענק פון די קרבנות, דערקענענדיק די סכנות, וואָס עס שטעלט פאָר פאַרן יידישן פאָלק די רעהאַביליטאַציע פון די נאַציס און די ווי־דעראויפשטעלונג פון די דייטשישע ארמייען, זענען די אייראָפּעישע יידן אייניק אין זייער אַנטשלאָסענעם פּראָטעסט קעגן דער ווידערבאַוואָפענונג פון דייטש־לאַנד, אונטער וועלכער פאָרם עס זאָל נישט זיין און אויף וועלכע גאַראַנטיעס און וועלכע תירוצים מען זאָל זיך דערביי נישט פאַררופן...

„די קאָנפערענץ רופט אַלע יידן פון אייראָפּע און פון דער וועלט אויפצוהייבן אין דער סאַמע גרעסטער אייניקייט דעם גרעסטן פּראָטעסט פון די, וועלכע האָבן באַצאָלט דעם סאַמע שווערסטן שטייער אינעם טאָטאַלן קריג פון היטלערן.

„די קאָנפערענץ פון די אייראָפּעישע יידן קעגן דער דייטשישער ווידערבאַ־וואָפענונג[117] פּראָקלאַמירט איינשטימיק און פייערלעך: קיין שום וואָפן פאַר די דייטשן!“

עקשנותדיק איז אויך דער קאַמף פון די יידישע פאָלקס־מאַסן אין ישראל קעגן רעמיליטאַריזירן מערב־דייטשלאַנד. דער דאָזיקער קאַמף קומט צום אויס־

[117] „נייע פּרעסע“ פון 1954.XII.18 י.

דרוק אין פארשידענע פארמען: אין דעמאסקירן דורך די קאמוניסטן און לינקע עלעמענטן אויפן געביט פון דער כנסת (פארלאמענט) די פארעטערישע פאליטיק פון דער רעגירונג, ווי אויך אין די מעכטיקע דעמאנסטראציעס און מאניפעסטאציעס פון דער באפעלקערונג. צום סוף פון 1954 יאר זענען אין אלע שטעט פון ישראל פארגעקומען גרויסע דעמאנסטראציעס פון דער באפעלקערונג. א ספעציעל מעכטיקן כאראקטער האבן געהאט די דעמאנסטראציעס אין תל=אביב, חיפה, ירושלים.[118] ספעציעל אקטיוו האבן אנטיילגענומען די געוו. אסורים פון די היטלעריסטישע קאנצענטראציע= און טויט=לאגערן, ווי אויך די פאמיליעס פון די פארפייניקטע דורך די היטלעריסטן קרבנות. מיט דער מאסן=אקציע פירט אן דער לאנד=קאמיטעט פון די שלום=פארטיידיקער אין ישראל, וועלכער האט פארעפנטלעכט אן אפעל צו דער באפעלקערונג, א רוף צום פארלאמענט און דורכגעפירט א רעפערענדום אין גאנצן לאנד. בעת דעם רעפערענדום זענען צונויפגעזאמלט געווארן העכער 421.000 שטימען פון מענטשן, וועלכע האבן זיך קאטעגאריש ארויסגעזאגט קעגן רעמיליטאריזירן מערב=דייטשלאנד און פאר א דויערהאפטן שלום.[119] אויפן גרויסן מיטינג אין תל=אביב אין דער צווייטער העלפט יאנואר 1955 יאר איז אויסגעוויילט געווארן א דעלעגאציע, וועלכע האט זיך געווענדעט צו דער רעגירונג, אז זי זאל ענדערן איר ביזאיצטיקע פאליטיק פון אונטערשטיצן דעם ווידעראויפבוי פון דער היטלעריסטישער ווערמאכט. די ווידערשטאנד=באוועגונג קעגן רעמיליטאריזירן מערב=דייטשלאנד ווערט פארביסן באקעמפט דורך דער ישראל=רעגירונג און איר פאליציי. אין דער זעלבער צייט, ווען מען נעמט אויף מיט פאראד די פארשטייער פון דער באנער רעגירונג (געוועזענע עסעס=לייט), רודפט מען, שלאגט מען און מען ארעסטירט די קרבנות פון היטלעריזם, וועלכע פראטעסטירן קעגן באוואפענען זייערע נעכטיקע תליינים און מערדער.[120] עס איז כדאי צו דערמאנען, אז די פירער פון דער ווידערשטאנד=באוועגונג האבן צוגעשיקט זייער אקצעס צו דער אייראפעישער קאנפערענץ אין פאריז. אויף דער אינטערפעלאציע פון די קאמוניסטישע דעפוטאטן אין פארלאמענט וועגן דער באציונג פון דער ישראל=רעגירונג צו דער פאריזער קאנפערענץ און לגבי דער רעמיליטאריזאציע פון מערב=דייטשלאנד, האט דער פרעמיער שרת געענטפערט, אז די רעגירונג האט נישט בדעה זיך צו פאראייניקן צו וועלכער עס איז אקציע און וועט נישט ארויסטרעטן מיט קיין שום פראטעסט. אזא שטעלונג באדייט קלאר און בולט דאס צושטימען און אפראבירן די ענגליש=אמעריקאנער רעמיליטאריזאציע פון מערב=דייטשלאנד.

[118] „פריי ישראל“ פון דעצעמבער 1954 י.
[119] „נייע פרעסע“ פון 1955.I.28 י.
[120] „נייע פרעסע“ פון 1954.XII.23 י. פון מיקוניסעס רעדע.

אויך אין אַנדערע לענדער האַלט אָן דער שאַרפער קאַמף פון די יידישע מאַסן קעגן די פרוון פון ווידעראויפבויען די ווערמאַכט. אין קאַנאַדע, למשל, פאַרשטאַרקט זיך — אונטער דער אָנפירונג פון פאַראייניקטן יידישן פאָלקס־אָרדן — די פראָטעסט־באַוועגונג פון די מאַסן. די דאָזיקע באַוועגונג גיט אַרויס אַפעלן און אויפרופן, אין וועלכע זי פראָטעסטירט קעגן באַפרייען און אַרויסלאָזן פון קאַנאַדע דעם באַוווסטן היטלעריסטישן קריגס־פאַרברעכער, גענ. קורט מייער, ווייזט אָן, אַז טויזנטער אַזעלכע מייערס זענען איצט טעטיק אין מערב־דייטשלאַנד ביים ווידעראויפבויען די היטלעריסטישע באַוואָפנטע כוחות.

לעצטנס האָט די פּראָגרעסיווע יידישע צייטונג אין ניו־יאָרק „מאָרגן־פרייהייט“ אַרויסגעגעבן — אין שייכות מיטן אָנהייבן אַ גרויסע קאַמפּאַניע קעגן רעמיליטאַריזירן מערב־דייטשלאַנד — אַ ספּעציעלן נומער מיט אַן אַפּעל צו אַלע אַמעריקאַנער יידן.

דער אַפּעל רופט אויסצופירן די צוואה פון די קעמפער און מאַרטירער, וועלכע זענען אומגעקומען אין קאַמף קעגן היטלעריסטישן אָקופּאַנט און נישט דערלאָזן באַוואָפענען די מערדער פון 6 מיליאָן יידן.[121]

אין שפּיץ פון די אַלע דעמאָקראַטישע כוחות, וועלכע קעמפן קעגן רעמיליטאַריזירן מערב־דייטשלאַנד, שטייט דער ראַטנפאַרבאַנד, וועלכער איז טריי די אָנגענומענע באַשלוסן פון יאַלטע און פּאָטשדאַם, פירט אַ קאָנסעקווענטע פּאָליטיק לגבי דייטשלאַנד אין די אינטערעסן פון פאַרפעסטיקן דעם שלום אויף דער וועלט. דער ראַטנפאַרבאַנד האָט אויף דעם געגעבן קלאָרע באַווייזן אין זיינע אַ גאַנצער ריי נאָטעס און דערקלערונגען, וועלכע האָבן געשאַפן רעאַלע יסודות פאַרן לעזן דאָס דייטשישע פּראָבלעם: פאַראייניקן דייטשלאַנד און שליסן אַ שלום־טראַקטאַט. די ריכטיקע פּאָליטיק פון ראַטנפאַרבאַנד האָט געפונען די סימפּאַטיע און אונטערשטיצונג פון אַלע שלום־ליבנדיקע פעלקער.

די ריכטיקע פאָרשלאַגן פון ראַטנפאַרבאַנד האָבן געפונען די פולקאָמע אונטערשטיצונג פון די פאָלקס־דעמאָקראַטישע מלוכות אין אייראָפּע, וועלכע האָבן אויסגעדריקט די גרייטקייט צוצוטרעטן צום אַלגעמיין־אייראָפּעישן אָפּמאַך וועגן קאָלעקטיווער זיכערקייט, ווייל די דאָזיקע מלוכות האָבן אין דער גרעסטער מאָס געליטן פון דער היטלעריסטישער אַגרעסיע און דעריבער זענען זיי ספּעציעל פאַראינטערעסירט נישט צו דערלאָזן צום ווידערגעבורט פון דייטשישן מיליטאַריזם. די פּוילישע רעגירונג — אויסדריקנדיק דעם ווילן פון גאַנצן פאָלק — האָט דעם 9־טן מערץ 1954 יאָר דערקלערט, אַז זי שטיצט אונטער מיט אַלע כוחות די סאָוועטישע פאָרשלאַגן, וועלכע האָבן אַ שייכות צו גאַראַנטירן די זיכערקייט און דעם שלום אין אייראָפּע. „דאָס פּוילישע פאָלק איז בלוטיק פאַראינטערעסירט

[121] דער אַפּעל איז אָפּגעדרוקט אין דער „פאָלקס־שטימע“ פון 1955.II.15 י.

אין פאַרזיכערן דעם שלום אין אייראָפּע", — לייענען מיר אין דער נאָטע פון דער פּוילישער רעגירונג. די פאַרכאַפּערישקייט פון דייטשישן מיליטאַריזם איז שטענדיק, אין דער ערשטער ריי געווען געווענדעט קעגן פּוילן. פּוילן איז געפאַלן איינע פון די ערשטע קרבנות פון דער אַגרעסיע פון היטלעריסטישן פאַשיזם. די געוואַלדיקע מענטשלעכע פאַרלוסטן און די אומגעהויערע מאַטעריעלע חורבנות, די אומגעבראַכטע מיפּולע אַרבעט פון גאַנצע דורות — דאָס זענען געווען די פאָלגן פון די אַגרעסיווע מלחמות. דערפאַר טאַקע וועט דאָס פּוילישע פאָלק אונטערשטיצן אַלע מלוכות און פּראָגרעסיווע כוחות, וואָס קעמפן פאַר אַ שלום-ליבנדיקע, פאַראייניקטע, סוווערענע, דעמאָקראַטישע דייטשישע מלוכה, וואָס וואָלט געווען איינע פון די שטאַרקע פּאָזיציעס פאַרן שלום אויף דער וועלט.

דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין דעם באַשלוס פונעם מלוכה-ראַט פון 18-טן פעברואַר 1955 יאָר וועגן פאַרענדיקן דעם קריגס-צושטאַנד צווישן פּוילן און דייטשלאַנד.

דער אויבער-ראַט פון ראַטנפאַרבאַנד האָט פריער אָנגענומען אַ באַשלוס וועגן פאַרענדיקן דעם קריגס-צושטאַנד צווישן פּססר און דייטשלאַנד.

דאָס פּוילישע פאָלק און זיין פּאַרלאַמענטאַרישע פאָרשטייערשאַפט האָט פולשטענדיק אַפּראָבירט דעם אַפּעל פונעם אויבער-ראַט פון ראַטנפאַרבאַנד געווענדעט צו אַלע פּאַרלאַמענטן פון די אייראָפּעישע מלוכות, וועלכער רופט צום פרידלעכן לעזן דאָס דייטשישע פּראָבלעם.

דער דאָזיקער אַפּעל האָט זיך אָנגעטראָפן אויף די וואַרעמסטע סימפּאַטיעס צווישן די פעלקער פון אייראָפּע, ווייל די פעלקער האָבן נישט פאַרגעסן די שוידערלעכע דערפאַרונגען פון די צוויי וועלט-מלחמות, אין וועלכע עס האָט אַריינגעצויגן די מענטשהייט דער דייטשישער אימפּעריאַליזם און זיינע פּראָטעקטאָרן פון יענער זייט אָקעאַן.

און דערפאַר טאַקע הערן זיך לעצטנס וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקער צווישן פאַרשידענע שיכטן פון דער עפנטלעכער מיינונג אויף דער וועלט די פאָדערונגען אַ סוף צו מאַכן צו די אַוואַנטוריסטישע פּראָיעקטן ווידעראויפצובויען דעם דייטשישן אַגרעסיוון מיליטאַריזם. דער קאַמף פאַר פאַראייניקן דייטשלאַנד און פאַרוואַנדלען עס אין אַ דעמאָקראַטישע און שלום-ליבנדיקע מלוכה וועט זיך אָן שום ספק פאַרענדיקן מיט אַ פולשטענדיקן נצחון, ווייל דאָס איז אין די לעבנסאינטערעסן פון דייטשישן פאָלק גופא, ווי אויך פון אַלע פעלקער פון אייראָפּע. אין דעם איז באַזונדערס בלוטיק פאַראינטערעסירט דאָס פּוילישע פאָלק און די יידישע מאַסן פון דער גאַנצער וועלט, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט אַזאַ גרויזאַם-בלוטיקע דערפאַרונג פון דעם דייטשישן מיליטאַריזם און פאַשיזם.

אינהאַלט:

זייט

די רעמיליטאַריזאַציע אין מערב־דייטשלאַנד און די ראָל פֿון היטלעריסטישע גענעראַלן 5

I פּרוון צו ראַטעווען דעם דייטשישן אימפּעריאַליזם . . 9

II די „דענאַציפֿיקאַציע“ אין מערב־דייטשלאַנד . . . 24

III נעאָהיטלעריסטישע פֿאַראַמיליטערישע אָרגאַניזאַציעס . 53

IV בלאַנקס אַמט — באָנער מיניסטעריום פֿאַר מיליטערישע ענינים 69